STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04143

ELI KOHEN

Eli Ben-Hanan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בן־חנן / אלי כהן

ערשטע אויפלאגע — אָקטאָבער 1967

צווייטע אויפלאגע — אָקטאָבער 1967

דריטע אויפלאגע — נאָוועמבער 1967

פערטע אויפלאגע — נאָוועמבער 1967

פינפטע אויפלאגע — דעצעמבער 1967

זעקסטע אויפלאגע — דעצעמבער 1967

זיבעטע אויפלאגע — יאַנואר 1968

א. בן-חנן

אלי כהן

אונדזער מענטש אין דמשק

פארלאג א.ד.מ. תל־אביב.

©

אַלע רעכט באַוואָרנט

געדרוקט אין ישראל תשכ"ח

ת. ד. 2811 ת"א

„...אקעגן דעם אראבער טאר מען
נישט זיין אין א פארטיידיקונגס־
פאָזיציע, נאָר מען דארף זיין אָנגריי־
פעריש..."

אלי כהן.

דאס דאזיקע בוך איז געווידמעט דעם
אנדענק פון דעם פילזייטיק־טיכטיקן
מענטש, וועלכער איז מער נישטא מיט
אונדז, און זיין פרוי, איר צו לאנגע
יאר, וואס איר פערזענלעכקייט האט
אזוי פיל בייגעשטייערט פאר דער קייט
פון זיינע דערגרייכונגען.

צו אלי!

איך האָב געוווסט, עפעס אינעווייניק האָט מיר אונ־טערגעזאָגט, אז דער טאָג, ווען מיין מאן וועט ווערן א געזעלשאפטלעכע פערזענלעכקייט, דערנענטערט זיך צו מיר אין א שנעלן טעמפּאָ.

איך האָב זיך געזעגנט מיט אים סוף נאָוועמבער 1964, מיטן קלאָרן געפיל, אז דאָס איז די לעצטע צעשיידונג. ווען מען האָט מיר מיט צוויי חדשים שפּעטער צוויסן געגעבן, אז מען האָט אים געכאפּט — האָט ווי געטאָן מיין הארץ, אָבער איך בין נישט איבעראשט געוואָרן.

דיין מאן איז געווען א העלד, האָט מען געזאָגט אין מאי, זיינע מעשים וועלן פארצייכנט ווערן אין דער געשיכטע.

ווען די 6־טאָגיקע מלחמה האָט זיך פארענדיקט, האָב איך געוווסט, אז טאקע אזא איז ער געווען, און איצט האָב איך זיך איבערצייגט, אז אויך די געשיכטע וועט אים געדענקען.

איך, די געשיכטע־שרייבער, מיין דאנק.

נ א ד י א

אריינפיר

דאָס דאָזיקע בוך איז באזירט אויף פאקטן און געשעענישן, וואָס האָבן פאסירט אין די אָנגעוויזענע ערטער און דאטעס.

די דיאלאָגן און א טייל פון די נעמען זענען געענדערט געוואָרן, כדי צו פארפולקאָמען דאָס בילד און כדי נישט טרעפן די מענטשן, וואָס לעבן און עקזיסטירן היינט צווישן אונדז.

איך האָב אין מיין הארצן קיין שום ספק נישט, אז אלץ, וואָס דאָס דאָזיקע בוך דעקט־אויף וועגן דער פער־זענלעכקייט און טעטיקייט פון אלי כהן, אונדזער מענטש אין דמשק, איז נישט מער ווי א טראָפּן אין ים פון זיינע וווּנדערבארע דערגרייכונגען, און די איבעריקע פון זיי וועלן מיר אפשר וויסן אין יאָרן ארום, אָדער בכלל קיינמאָל נישט.

דער מחבר

תל־אביב, אָקטאָבער 1967

אונדזער מענטש אין דמשק

פעסטע, ברוטאַלע אָרעמס האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי די עלנבויגנס און אים אַרויסגעשלעפּט פון דעם רויטן צימער צו דער קאַמער. זיינע חושים זענען געוואָרן אָפּגעטעמפּט, ער איז געווען באַוווּסט־לאָז און נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס עס געשעט מיט אים. אַזוי איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער קאַמער. זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין דעם בעטאָנענעם באָדן. אַ שטראָמל בלוט האָט געפלאָסן פון זיין שטערן.

פון דעם ווי זיין גוף איז געפאַלן אויפן קאַלטן בעטאָן, האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ער לעבט נישט מער, ווי פּלוצים האָט זיך אַ שטילער קרעכץ אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז.

„אַזאַ געמיינער חזיר — האָט מיט רוגזה אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין איינער פון די תפיסה־וועכטער, וואָס האָבן געהאַט איבער אים די אויפזיכט — קיין שום זאַך באַוועגט אים נישט. עס זעט מיר אויס, אַז ער וועט קיינמאָל נישט געבן לשון".

„נישט געזאָרגט, לייטענאַנט! — האָט דער צווייטער וועכטער געזאָגט מיט אַ פּאַריסענעם טאָן — אַ פּאָר מאָל באַהאַנדלען אים מיט עלעקטרישן שטראָם און נאָך עטלעכע מאָל צעוויגן אים אין פייניקונגס־וויגל און ער וועט געבן לשון. ער וועט רעדן, אַז דו וועסט אים נישט קענען אָפּשטעלן!"

דער לייטענאַנט איז צוגעגאַנגען צום ליגנדיקן אַרעסטאַנט, מיט אַ פוס אים איבערגעדרייט אויף דער פּלייצע, דאַן זיך אַראָפּגעבויגן און מיט אַ שטיל פּאַפּיר, איינגענעצט אין אַלקאָהאָל, אָפּגעווישט דאָס בלוט פון דעם אַרעסטאַנטס שטערן.

„צופיל בלוט טאָר ער נישט פאַרלירן — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט ווי צו זיך אַליין — מיר דאַרפן אים אַ באַרעדעוודיקן", און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו דעם צווייטן וועכטער, האָט ער ווייטער געזאָגט: „כאַטיף, בינד אים ווי עס געהער צו זיין און לאָז אים נישט צורו במשך דער נאַכט. לאָז אים אַזוי אויף דעם קאַלטן באָדן אָן אַ צודעק און דו וועסט זען, ווי ער וועט מאָרגן אין דער פרי אויסזינגען אַלץ ווי אַ פייגעלע".

אלי כהן

כאַטיף דער וועכטער, האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט גוט די אָנווייזונגען.

„לאָז אים איבער פאַר מיינעטוועגן — האָט ער געזאָגט — דאָס איז פון די פאַרוויילונגען, וואָס איך האָב ליב, לייטענאַנט".

דער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די קאַמער. נעבן די קראַטן האָט ער זיך פּלוצים פאַרהאַלטן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום וועכטער.

„כאַטיף — האָט ער געזאָגט קאַלט און ערנסט — איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, אָבער גיב אַכטונג, דו זאָלסט נישט זיין צו פלייסיק מיט דעם פאַרשוין. די לייט פון די הויכע פענצטער ווילן אים האָבן אין אַ גוטן מצב פאַרן געריכט. ס'דאַרף זיין אַ שיינע פאַר־שטעלונג".

כאַטיף האָט געשמייכלט סאַדיסטיש:

„אויב אַזוי, לייטענאַנט, וועל איך זיך מיט אים באַגיין אין זיידענע הענטשקעס. איך וועל אים גלעטן און אים מיט זיסע רייד צוגרייטן ער זאָל ,זינגען'".

ביידע זענען אַרויס פון דער קאַמער. די שווערע טיר האָט זיך מיט אַ קרעכץ פון די שאַרנירן פאַרמאַכט הינטער זיי. מיט אַ גרילץ האָט זיך דער שליסל אין שלאָס איבערגעדרייט. אין דער שטילקייט האָבן אָפּגעקלאַפּט זייערע שווערע שטיוול אין דעם שטיינערנעם באָדן פון דעם תפיסה־קאָרידאָר.

אלי כהן איז געבליבן אַליין אין דער האַלב־פינצטערער קאַמער. ער האָט אויסגעגלייכט אַ פוס, וואָס איז אים געבליבן פאַרקלעמט אונטער זיין אייגענעם גוף ווען די וועכטער האָבן אים אַריינגע־וואָרפן אין דער קאַמער. ער האָט געקרעכצט פון ווייטיק. דער קלאַפּ אין קאָפּ ביים אַריינשליידערן אים אין דער קאַמער, האָט אייגנטלעך נישט פאַרשטאַרקט זיינע ווייטיקן. פאַרקערט, ער האָט אים ווי אויפגעוועקט פון דער זעלבסט־אויפגעצוווונגענער פאַר־שטאַרטקייט, פון אָט דער זעלבסט־אויפגעצוווּנגענער פאַרשטאַרט־קייט, וואָס ער האָט געלערנט אויפן שפּיאָנאַזש־קורס אין תל־אביב און וואָס איז נויטיק פאַר אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין פאַל פון פייניקונגען.

קורץ דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן און ער האָט דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין מוח, אַ ווייטיק, וואָס האָט אויפגעבליצט ווי אַ פאַרבלענדנדיק ליכט. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און אַריינגע־

אָטעמט אַ לאַנגגן שטראָם לופט. ער האָט דערפילט אַ ביטערן טעם אין מויל.

דער ווייטיק אין מוח האָט נישט נאָכגעלאָזט, אָבער צו דער גלייכמעסיקייט פונעם ווייטיק האָט ער זיך שנעל צוגעוווינט און ער איז געבליבן ליגן שטיל, באַהערשנדיק יעדן קרעכץ, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיין האַלדז אינסטינקטיוו.

ביסלעכווייז האָט ער צוריק באַקומען דעם פולן באַוווסטזיין. זיינע פיס זענען אים געווען קאַלט, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן אויף אייז, און ער האָט דערפילט דעם זויערלעכן ריח אויסגעמישט מיט דעם ריח פון אורין — דער געוויינלעכער ריח פון אַ שמוציקער תפיסה־קאַמער מיט פייכט־שימלדיקע ווענט.

ער האָט געוואָלט אָנרירן די ווונד אויפן שטערן, וואָס האָט אָנגעהויבן ברענען, אָבער זיינע הענט זענען געווען געבונדן אויף הינטן און די שטריק זענען געווען צוגעבונדן צו די לויזע קייטן, אין וועלכע עס זענען געווען איינגעשלאָסן זיינע פיס. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי דאָס בלוט וואָלט אים מער נישט געפלאָסן אין די אָדערן און דערמיט האָט ער פאַר זיך אויסגעטייטשט פאַר־וואָס די ענד־גלידער פרירן אים און די קעלט הייבט אָן טרייסלען זיין גוף. ער האָט געפרווט אויפהייבן דעם קאָפּ, אָבער באַלד דערפון רעזיגנירט. די מינדסטע באַוועגונג האָט אים אַ קלעם געטון מיט ווייטיק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די געבונדענע הענט שטאַרבן אים אָפּ.

ער האָט געפרווט זיך ראַנגלען; אפשר וועט זיך אים איינגעבן אַביסל לויזער מאַכן די שטריק, זיך אויסדרייען אויף אַ זייט און אפשר אויך איינדרימלען אויף אַ שטיקל צייט. אָבער די עסנדיקע קעלט אין די גלידער איז געוואָרן שטאַרקער און ער האָט רעזיגנירט פון איינדרימלען.

„ניין, ניין, איך קען נישט" — האָט ער געמורמלט.

דער פרווו צו ראַנגלען זיך האָט אַרויסגערופן אין אים אַ שניי־דיקן ווייטיק אין דער רעכטער זייט. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ מיט אַן אומנאָרמאַלער שנעלקייט, וואָס האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם ווייטיק אין דער זייט. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער אָפּגעשיילטער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, און אויף אַ רגע איז דער ווייטיק שוואַכער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן אָטעמען געלאַסענער און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס נישט פולע אָטעמען פאַרלייכטערט דעם ווייטיק.

דער פּלעק אויף דער אָפּגעשיילטער וואַנט האָט אים אויסגעזען ווי דער קאָפּ פון אַ מענטש. דאַכט זיך אים: אַ באַקאַנטער מענטש, אַ היימישער, און אין זיינע אויערן קלינגט אָפּ די שטים פון יצחק, וואָס ער זעט איצט זיין פּנים אויף דער וואַנט:

„געדענק! קריץ איין אין דיין זכרון! אַלץ וואָס דו לערנסט דאָ קען דיר אַמאָל שטאַרק דינען אין אַ שעה פון נסיון. באַצי זיך צו אַלץ וואָס דו לערנסט מיט דער פולער ערנסטקייט. הלוואי, אלי, זאָלסטו נישט געפּרוווט ווערן צום איבערצייגן זיך ווי גערעכט עס זענען מיינע ווערטער".

אלי כהן האָט געוווסט, אַז זיין „באָס" איז גערעכט. איצט האָט ער זיך אין דעם איבערצייגט אַן איבעריק מאָל.

ס'האָט מער נישט געהאַט קיין שום זין צו פאַרלייקענען, אַז ער איז אַ ישראל־שפּיאָן. ער האָט געפּרוווט שמייכלען צום פלעק אויף דער אָפּגעשיילטער וואַנט, ווי מען שמייכלט צו אַ מענטש, וואָס מען וויל פאַר אים מודה זיין, אַז ער איז געווען גערעכט. זיין גורל איז דאַך באַשטימט געוואָרן דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אַרויפצוגיין אויף דעם וועג צו דינען זיין פאָטערלאַנד אַזוי ווי דאָס פאָטערלאַנד האָט פון אים געפאָדערט.

האָט ער דעמאָלט נישט געזען, אַז אַזאַ קען זיין זיין גורל? ער האָט זיך געפּרוווט דערמאָנען און אַלץ, וואָס איז געווען פריער, האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען זיך פאַר זיינע אויגן ווי אַ פילם־בילד.

דער ערשטער באזוך

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין יענעם פרילינג־פרימאָרגן אין יאָר 1960, ווען אלי כהן האָט געאַרבעט אין „המשביר המרכזי" אַלס בוכהאַלטער פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג. באַלד ווי ער איז געקומען אין ביוראָ, האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונעם צימער און, עפּעס עפּענענדיק, העפלעך געפרעגט, צי ער קען אַריינגיין.

אלי האָט אים אָנגעוויזן אויף דער שטול נעבן טיש, זאָגנדיק:

„ביטע, זעצט זיך".

דער מאַן מיט דעם אָנגענומענעם אויסדרוק אויפן פּנים האָט אים דערלאַנגט די האַנט, מורמלענדיק:

אונדזער מענטש אין דמשק

„מיין נאָמען איז זלמן. איך מיין, אַז דער פֿאַמיליע־נאָמען איז נישט וויכטיק".

ער האָט געשמייכלט און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט לגמרי נישט געווען איבערראַשט פֿון אליס פֿאַרוווּנדערטן בליק. ער האָט זיך צוגעבויגן צו אים און געפּליסטערט:

„איך ווייס נישט צי מען קען דאָ רעדן... איך אַרבעט אין זיכערהייטס־מיניסטעריום אַלס אינפֿאָרמאַציע־אָפֿיציר".

„אינפֿאָרמאַציע־אָפֿיציר?" — איז דער אויסדרוק פֿון פֿאַרוווּנ־דערונג נישט אַראָפּ פֿון אליס פּנים.

דער מאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און צוגעגעבן:

„דאָס איז אַ מין ספּעציעלער דזשאָב, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט רייזעס... איך וואָלט אפֿילו געזאָגט, אַז עס איז זייער אינטערע־סאַנט".

אלי האָט זיך נישט אויפֿגעהערט צו וווּנדערן:

„איך פֿאַרשטיי... אָבער וואָס האָט עס צו מיר?"

דער אַרייַנגעקומענער האָט מיט דער זעלבער רויִקייט גע־זאָגט:

„איך האָב באַקומען די אויפֿגאַבע פֿאָרצושלאָגן אייך אַ פּאָסטן אין אונדזער דינסט... ווי מיינט איר?"

אלי האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

„וואָס פֿאַר אַ מין פּאָסטן דאַרף דאָס זיין?"

„נו... אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט... פֿאָרן איבער אייראָפּע... אויך אין אַראַבישע לענדער".

אליס פּנים האָט זיך געענדערט, האָט אָנגענומען דעם אויסדרוק פֿון פֿאַרטראַכטקייט. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

„איך מיין, אַז איך וועל נישט קענען אָננעמען דעם דאָזיקן פּאָסטן... איך ווייס נישט צי איר ווייסט, אַז איך האָב ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט... חוץ דעם זענען מיר שוין נמאס געוואָרן די וואָגלענישן".

„אויך... אפֿילו ביי אַ טאָפּלטן חודשלעכן פֿאַרדינסט?" — האָט דער מאַן נישט אָפּגעלאָזט.

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

„דאָס האָט נישט צו דער זאַך. איך באַגנוגן זיך מיט מיין פֿאַרדינסט".

אליס רייד זענען געווען אַנטשלאָסן. דער אויסדרוק אויף זיין פּנים האָט עס באַשטעטיקט, און דעם מאַן, וואָס האָט פֿון אים נישט

אַראָפּגעלאָזט זײַן בליק, איז קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט מיט אים גאָרנישט אויפטאָן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, דערלאַנגט אלין די האַנט און דריקנדיק זי געזאָגט:

„איך דאַנק אײַך פאַר די פּאָר מינוט, וואָס איר האָט מיר געווידמעט... איך האָב נישט בדעה אַרויפצוצווינגען אויף אײַך קיין שום זאַך... פאַרגעסט אין דעם, וואָס מיר האָבן גערעדט און דערציילט עס נישט קיינעם, אפילו נישט פאַר אײַער פרוי, נאַדיען”.

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ באַשטעטיקנדיק:

„איך פאַרשטיי... איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן”.

נאָך דעם מאַנס אַרויסגיין איז אלי געבליבן אַ ווײַל פאַרזונקען אין מחשבות. פאַר אים איז נישט געווען קיין ספק, אַז דער מאַן ווייסט וועגן אים אַ סך. דער פאַקט, וואָס ער האָט אָנגערופן זײַן ווײַבס נאָמען, זאָגט עס...

אָבער באַלד האָט ער זיך גענומען צו דער לויפנדיקער אַרבעט, באַמיט זיך צו פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין.

אַהיימקומענדיק אין יענעם טאָג, האָט ער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דער באַגעגעניש. אויפצומאָרגנס האָט ער ווירקלעך פאַרגעסן אין אַלעם. דאָס לעבן איז זיך ווידער געלאָפן מיט זײַן געוויינלעכן שטייגער.

עס איז פאַרבײַ אַ חודש נאָך דעם דאָזיקן שמועס אין אליס ביוראָ. עס איז געקומען דער 10־טער, די דאַטע, ווען אלי האָט אָפּגענומען דעם טשעק פון זײַן חודשלעכן פאַרדינסט און דערבײַ איז געווען צוגעלייגט אַ פערזענלעכער בריוו צו אים.

ער האָט שנעל אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען דעם בריוו. דאָס איז געווען אַן אָפּזאָג פון דער אַרבעט, געשריבן אין דעם שאַבלאָנעם סטיל:

„אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעדוקציעס, וואָס ווערן דורכגעפירט אין די אָפּטיילונגען פון „המשביר המרכזי”, איז די אָנפירונג געצוווּנגען אָפּצוזאָגן אײַך, צוזאַמען מיט נאָך פינף באַשעפטיקטע, פון דער אַרבעט. מיר דאַנקען אײַך פאַר אײַער איבערגעגעבנקייט אין דער אַרבעט און מיר האָפן, אַז ווען מיר וועלן ווידער אויסברייטערן אונדזער קאָלעקטיוו, וועט איר ווידער זײַן באַשעפטיקט אין אונדזער אונטערנעמונג”.

אין אליס אויגן האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנער גלאַנץ. דאָס איז געווען אַ געמיש פון פאַרביטערונג, פאַרצווייפלונג און פאַרשעמט־

קייט. ווידער וועט ער זיין אַרבעטסלאָז, ווידער וועט דער גאַנצער עול פון פּרנסה ליגן אויף באַדיעס אַקסלען.

ער האָט געפילט, ווי די קני ברעכן זיך אונטער אים, אויטאָ־מאַטיש איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ, אַרויס אין דער רווישיקער גאַס.

אין זיין מוח איז איצט געווען פולשטענדיקער כאַאָס און די מחשבות האָבן זיך געיאָגט אין אומאָרדענונג. ער האָט נאָך צען טעג צו אַרבעטן, אָבער פאַר אים איז עס געווען דער סוף. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט ביז אין דער טיף.

אַהיימקומענדיק האָט ער נישט געקענט קיין וואָרט פון זיך אַרויסברענגען, האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך, פאַרביסן געשוויגן און נישט געקענט אויפהערן צו טראַכטן פון זיינע צרות. באַדיע האָט זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו פרעגן. זי האָט גוט געוווּסט, וואָס עס דריקט אויף זיין האַרץ.

די הסכמה

צוויי טעג שפּעטער, ווען ער איז געזעסן איבערגעבויגן איבער דער עלעקטרישער רעכן־מאַשין, האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט די טיר אין זיין ביוראָ און אלי האָט פאַר זיך דערזען דעם זעלבן זלמן, וואָס איז מיט אַ חודש צוריק געווען ביי אים און זיך פאָרגעשטעלט אַלס אינפאָרמאַציע־אָפיציר. דער מאַן האָט זיך העפלעך באַגריסט, געפרעגט צי ער קען זיך אַוועקזעצן און גלייך גענומען רעדן:

„איר טראַכט אוודאי, אַז דאָס זענען מיר שולדיק אין דעם, וואָס מ'האָט אייך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, כדי איר זאָלט זיין געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַר אונדז".

אלי האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. זיין שווייגן האָט באַשטעטיקט, אַז דער מאַן האָט אים צוגעטראָפן. ער האָט ווירקלעך אַזוי געטראַכט.

יענער האָט ווייטער גערעדט:

„דער אמת איז, אַז איך האָב ערשט נעכטן געהערט וועגן דעם, אַז מען האָט אייך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און איך האָב באַ־שלאָסן אייך צו העלפן... איך מיין, אַז איר פאַרשטייט אַליין, אַז דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום דאַרף נישט אָנקומען צום אָפּזאָגן פינף מענטשן אין איין אָפּטיילונג, כדי אייך צו צווינגען איר זאָלט

אַרבעטן פאַר אונדזערטוועגן... אָבער מײַן פאָרשלאַג איז ווייטער אַקטועל. איר קענט אָננעמען די אַרבעט ביי אונדז״.

אלי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אויפצוהויבן די הענט אַלס סימן פון אונטערגעבן זיך און געזאָגט:

„איר דאַרפט זיך נישט פאַרענטפערן... איך קען גוט דאָס לעבן און ווייס, אַז אונדזער וועלטל איז צונויפגעשטעלט פון צופאַלן... איר האָט גוט צוגעפאַסט דעם מאָמענט צו קומען אַהער״.

זלמן האָט נישט באַהאַלטן זיין צופרידנקייט:

„איך בין זיכער, אַז דער נייער פאָסטן וועט אייך צופרידנשטעלן און אייער פרוי וועט קענען רעזיגנירן פון איר אַרבעט. איר באַקומט 350 ל״י אַ חודש. דערווייל לערנען מיר אייך דאָס פאַך... דערנאָך האָט איר אַ רעכט אָנצונעמען די אַרבעט אָדער אַוועקצוגיין. אין דער פראַגע פון געוויסן זענען מיר נישט פאַראינטערעסירט צו דריקן״.

אלי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האַלב־איראָניש באַמערקט:

„איר חזרט זיך איבער... כ׳האָב דאָך געזאָגט, אַז איך בין מסכים״.

זלמן האָט זיך אָפּגעשטעלט:

„וועלן מיר זיך פאַרבינדן מיט אייך אין די נאָענטסטע טעג. ביז דעמאָלט בלייבט עס ווי מיר וואָלטן גאָרנישט גערעדט״.

ער איז אַוועק און איבערגעלאָזט אלין אַליין מיט זיינע מחשבות.

אליס פּענאָמענאַלער זכרון

די מעלדונג וועגן אָנהויבן אַרבעטן אויפן נייעם פאָסטן האָט אלי באַקומען דורכן טעלעפאָן:

„מאָרגן 7 אַזייגער פרי קומט אין דער צענטראַלע אויף אלנבי־גאַס און באַמיט זיך צו דעקן אייער קומען מיט עפּעס אַ פאַרענט־פערונג״.

אלי האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ווייכער שטול, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אָנגעזאַמלטער געשפּאַנטקייט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער אַ ווײַלע געזעסן און זיינע

פינגער האָבן אויטאָמאַטיש געקלאַפּט אויף די קלאַוויש פון דער עלעקטראָנישער רעכן־מאַשין. אַ געהיימניספולער שמייכל האָט אַ ווײַלע אַ שוועב געטאָן איבער זײַן פאַרטראַכטן פנים און פאַר־שוווּנדן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז אלי אַרויס פון שטוב ווי יעדעס מאָל. אָבער ווען נאַדיע האָט אים געפרעגט, ווען ער רעכנט צוריק־צוקומען, האָט אלי געצויגן מיט די אַקסלען און, אַ קוש טוענדיק זי, געזאָגט:

„כ׳ווייס נאָר ווען איך גיי אַרויס, אָבער ווען איך וועל זיך אומקערן צוריק איז מיר שווער צו וויסן. מען האָט מיר צוגעזאָגט עפּעס אַ פּאָסטן אויסער דער שטאָט. דאָס וועט צונעמען אַביסל צייט, אָבער איך מיין, אַז איך וועל קומען צו אָוונט־ברויט״.

אלי איז גיך אַוועק צום אויטאָבוס, וואָס פאָרט קיין תל־אביב און פון דער תחנה המרכזית איז ער צופוס צוגעגאַנגען צו דער אלנבי־גאַס און אַרײַן אין דעם הויז נישט ווייט פון דער צענטראַ־לער פּאָסט.

אין דאָזיקן הויז, אויפן צווייטן שטאָק, האָבן שוין אויף אים געוואַרט צוויי מענטשן, וואָס האָבן מיט אים געהאַט דעם ערשטן שמועס.

אלי האָט זיך אַרומגעקוקט. די ביוראָ האָט זיך נישט אונטער־שיידט פון אַלע אַנדערע ביוראָען. די באַאַמטע ביי די טישן האָבן אים דערמאָנט דעם געוויינלעכן אויסזען אין אַ באַנק, אָדער אין אַן אַנדער אינסטיטוציע. אויך די באַאַמטינס האָבן נישט געצויגן אויף זיך קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אין געדאַנק האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט אין זײַן פאַנטאַזיע זיך אינגאַנצן אַנדערש אויסגעמאָלן זײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער סודותפולער אינסטיטוציע.

קיין סך צייט צו טראַכטן האָט ער נישט געהאַט. עמעץ איז צוגעקומען צו אים און אים אייַנגעלאַדן אַרײַנצוגיין אין איינעם פון די צימערן אויפן צווייטן שטאָק. אינעווייניק האָט אלי דערזען פאַר זיך אַ סימפּאַטישן מאַן מיט אַ הויכן שטערן און טיפע בלויע אויגן, וועלכער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, זי וואַרעם געדריקט און זיך פאָרגעשטעלט:

„יצחק הייס איך, צופעליק...״

אליס שמייכל האָט אויסגעדריקט פאַרשטענדעניש. יענער האָט ווייטער גערעדט:

„לײדער מוזן מיר דאָ זײַן װי צום שטרענגסטן אָפיציעל. אַנטשולדיקט מיר דערפֿאַר, װאָס מיר װעלן אַצינד נישט רעדן װעגן דעם, װאָס איר דאַרפֿט לערנען און טאָן... לאָמיר גלײַך צוטרעטן צום ענין".

יצחק האָט זיך אױפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער שאַנק און אַרױסגענומען פֿון דאָרט עטלעכע זאַכן, װאָס האָבן נישט אױסגעזען צו זײַן באַזונדערס װיכטיק. ער האָט די זאַכן אַרױפֿגעװאָרפֿן אױפֿן טיש און גערעדט קורץ, אָפּגעהאַקט:

„קודם־כל װיל איך מיט אײַך מאַכן אַ קורצן פּסיכאָטעכנישן עקזאַמען, װאָס איר האָט שױן מסתּמא דורכגעמאַכט".

ער האָט אָנגעשטעלט אױף אַלין אַ פֿאַרשערײשן בליק און װײַטער גערעדט:

„קוקט אַ מינוט אױף די זאַכן, װאָס ליגן אױפֿן טיש... פֿאַרמאַכט די אױגן און פּרוּװט זיך דערמאָנען װאָס איר האָט געזען".

די זאַכן זענען געלעגן פֿונאַנדערגעװאָרפֿן אױפֿן טיש אין אומאָרדענונג. געװען דאָרט אַ בלײַ, אַ מעק־גומי, שפּילקעס און נאָך עטלעכע ביוראָ־זאַכן פֿון אומװיכטיקן באַדײַט.

אלי האָט פֿאַרמאַכט די אױגן און פֿון זכּרון געלײענט די ליסטע פֿון די זאַכן, װאָס ער האָט געזען. יצחק איז געזעסן קעגנאיבער אים און נישט באַהאַלטן זײַן התפּעלות. אלי האָט נישט בלױז געדענקט די זאַכן, נאָר ער האָט אױך גענױ אָנגעצײכנט די ערטער, װוּ יעדע זאַך איז געלעגן.

„דו האָסט אַ פֿענאָמענאַלן זכּרון — האָט יצחק נישט געקענט אײַנהאַלטן זײַן התפּעלות — האָסט אים בירושה?"

„מעגלעך — האָט אלי געצװיגן מיט די אַקסלען און באַלד טאַקע דערמאָנט זיך, אַז אין דער יוגנט האָט ער אָפֿט געפּלעגט צו פֿאַרצײכענען זיך אין זכּרון אַ סך זאַכן און דערמיט שפּעטער איבעראַשט זײַנע חברים מיט זײַן װוּנדערלעכן, ממש פֿאָטאָגראַפֿישן זכּרון. טײלמאָל איז געװען בלױז צו כאַפּן אַ בליק אױף אַ פֿאַרבײַלױפֿנדיקן אױטאָ אין גאַס, און ער האָט שױן געװוּסט פֿון װאָס פֿאַראַ פֿירמע און פֿון װעלכן יאָרגאַנג דער אױטאָ איז.

פֿון הײַנט אָן און װײַטער האָט ער געהאַט די אױפֿגאַבע צו פֿאַרעגיסטרירן אין זײַן זכּרון דאָקומענטן, טאָג־טעגלעכע דערשײַנונגען און יעדע פֿאַרדעכטיקטע באַװעגונג אַרום זיך.

אונדזער מענטש אין דמשק

די קונסט פון נאַכשפּירן

נאָכן ערשטן עקזאַמען, וואָס אלי האָט דורכגעמאַכט מיט דערפאָלג, האָט יצחק פאָרגעשלאָגן אלין צו מאַכן סתם אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון תל־אביב.

זיי האָבן צוזאַמען שפּאַצירט און יצחק האָט אים דערביי געלערנט:

„דאַרפסט וויסן ווי אַזוי זיך אויסצומישן צווישן דער מאַסע. דאָס איז איינע פון די אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַ גוטן שפּיאָן".

אלי האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג:

„וואָס מיינסטו מיט דיינע רייד?"

יצחק האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, גוט אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן און דערנאָך שטיל געפּליסטערט:

„אין דעם מאָמענט, וואָס מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון ביוראָ, זענען אונדז גלייך נאָכגעגאַנגען צוויי פאַרשוינען. אויב אפילו זיי וועלן זיך אַוועקשטעלן פאַר דיר אויף דער אויטאָבוסן־סטאַציע, אָדער ביי אַ שויפענצטער, וועסטו זיי נישט קענען אידענטיפיצירן. אין זייער אויסזען איז נישטאָ גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל דערמאָנען אין געהיים־אַגענטן, אין זייער פּנים און האַלטונג וועסטו נישט באַמערקן קיין שום פאַרדעכטיקס, און דאָך שפּירן זיי אונדז נאָך זינט מיר זענען אַרויס פון ביוראָ ביז איצט".

אלי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, אָבער האָט נישט געקענט באַמערקן קיין שום מענטש, וואָס זאָל אויף אים אָנשטעלן זיינע בליקן. די פאַרבייגייער האָבן זיך געאיילט יעדער אויף זיין וועג און קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו געבן דעם מינדסטן בליק אויף זיי.

ער האָט זיך אויף אַן אמת געוווּנדערט:

„ביזטו זיכער, אַז עמעץ שפּירט אונדז נאָך אין איצטיקן מאָמענט?"

יצחקס טאָן איז געווען אַ גלייכגילטיקער:

„פאַר געוויסקייט — צוויי".

אלי האָט איצט כמעט תמימותדיק געפרעגט:

„ווי אַזוי קען איך זיי דערקענען צווישן אַזאַ גרויסער מאַסע?"

„דו דאַרפסט זיך פּשוט פאַרהאַלטן און דורכן גלאָז פון שוויפענצטער אָבסערווירן, צי עמיץ האָט זיך פאַרהאַלטן קעגנאיבער

דיר אָדער האָט בלויז אויף אַ רגע זיין בליק פאַרהאַלטן. דו קענסט עס אויך מאַכן ביי אַן אויטאָבוסן־סטאַציע, אַריינקוקנדיק אין דער אָוונט־צייטונג אָדער גאָר ביי אַ קיאָסק פון צייטונגען. אָדער... כ'מיין, אַז דאָס איז דער קלאַסישער מעטאָד אין שפּיאָנאַזש".

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט פאַרשטענדעניש. די מיס־טעריעזע וועלט פון שפּיאָנאַזש איז פאַר אים געווען ווירקלעכקייט נישט ווייניקער פון די דעטעקטיוו־ראָמאַנען, וואָס ער האָט גע־לייענט.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ צייטונגס־קיאָסק פון יענער זייט וועג, האָט געקויפט אַן אָוונט־צייטונג און געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געווען פאַרטיפט אין לייענען.

מיט אַ ווינקל פונעם אויג האָט אלי באַמערקט אַ הויכוווקסיקן פאַרשוין מיט געקרייזלטע האָר, וואָס האָט אויף אַ סעקונדע אָנגעשטעלט אויף אים אַ גיכן בליק און איז באַלד אַוועק אין אַ פאַרשאָטנט ווינקל.

אלי האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן מיט צופרידנקייט. אין האַרצן האָט ער געגלויבט, אַז דער פאַרשוין, וואָס האָט אויף אים אַ קוק געטון, איז נישט קיין צופעליקער פאַרבייגייער, נאָר איינער פון די צוויי, וואָס שפּיאָנירן אים נאָך.

ער האָט געוואָלט דערקענען אויך דעם צווייטן פאַרשוין, אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען.

עטוואָס שפּעטער, אומקערנדיק זיך צוריק אין ביוראָ, האָט יצחק, ווי דרך אגב, אַ פרעג געטאָן אלין, צי ער האָט אידענטי־פיצירט די צוויי פאַרשוינען.

„כ'מיין, אַז איינעם פון זיי האָב איך דערקענט — האָט אלי געזאָגט און אַ געפיל פון שטאָלץ האָט צום ערשטן דורכגעציטערט אין זיין קול — אָבער ווו איז געווען דער צווייטער?"

יצחק האָט אַוועקגעלייגט פאַר אלין אַ סעריע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַ פּראַקטינאַ־אַפּאַראַט, ווען זיי האָבן שפּאַצירט אין גאַס.

יצחק האָט אים אויפגעקלערט:

„די דאָזיקע בילדער זענען פאָטאָגראַפירט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט פאַר מיקראָ־פילמען און זענען אַנטוויקלט געוואָרן אויפן אָרט. קוק זיך גוט איין. אָט זע, ווי דו שמייכלסט זיך צו, עטוואָס מיט איבעראַשונג. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אויפגע־כאַפּט געוואָרן בעת דו האָסט מיט אַ זייטיק אויג געזוכט די צוויי

לייט, וואָס שפּירן דיר נאָך. אויפן דאָזיקן בילד זעט מען, ווי דו קוקסט אַריין אין צייטונג, אָבער דיינע אויגן זוכן עמעצן. איצט קוק זיך גוט איין אין דאָזיקן בילד...

יצחק האָט אַרויסגעצויגן פון שופלאָד אַ פאַרגרעסער־גלאָז און עס דערלאַנגט אלין צוגעבנדיק:

„דער פּאַרשוין, וואָס שטייט נעבן דיר און קוקט אַריין אין צייטונג, איז עס דער צווייטער אַגענט, וואָס האָט אונדז נאָכגע־שפּירט״.

אלי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און מיט פאַר־וווּנדערונג געפרעגט:

„ביזטו זיכער, אַז דאָס איז דער פּאַרשוין?״

יצחק האָט זיך הויך צעלאַכט:

„אין צען מינוט אַרום וועט ער דאָ זיין, דער זעלבער פּאַרשוין, און דו וועסט זיך קענען באַקענען מיט אים. כ׳וועל זיין זייער צופרידן״.

שיפרירטע טעלעגראַמעס

עס איז געווען ביים מיטאָג־איבערייס. אלי איז געבליבן אין ביוראָ, געגעסן דעם סענדוויטש, וואָס ער האָט מיט זיך מיט־געברענגט פון שטוב און געפילט, ווי ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער נייער באַשעפטיקונג מיט אַלע זיינע נערוון. דאָס עסק האָט אים אפילו אָנגעהויבן צו געפעלן.

יעדנפאַלס, דער ערשטער טאָג אין דער נייער אַרבעט איז געווען אַן אינטערעסאַנטער. נאָכמיטאָג האָט מען אלין אַריינגערופן אינעם שיפריר־צימער, אין וועלכן עס איז געזעסן אַ מאַן מיטן נאָמען יהודה.

אויף אים איז עס אַרויפגעלייגט געוואָרן צו לערנען אלין, געבן אים לעקציעס אויפן געביט פון אונטערערדישן ראַדיאָ־זענדער, שיפרירן דאָקומענטן און פאַרשידנערליי טעכנישע מעטאָדן אויפן געביט פון ראַדיאָ־פאַרבינדונג.

אלי האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן ענטוזיאַזם פאַר אַלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט שיפרען לויט די מעטאָדן, וואָס זענען פון פאָרויס פעסטגעשטעלט. יהודה האָט אים געלערנט:

„דו דאַרפסט נישט געדענקען אַלץ אויסנווייניק, לפחות נישט

אין דער ערשטער פאַזע פון די זענדונגען. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ וווּנדערלעכן זכרון. אָבער דאָ, אין דער דאָזיקער זענדונג־סטרוקטור, קען דער מינדסטער טעות ברענגען מיט זיך אַן אומגליק פאַר ביידע צדדים״.

יהודה האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ דיק בוך אין לע־דערנעם באַנד און עס געוויזן אלין:

„קוק זיך איין אין דעם, דאָס איז אַ בוך מיט איינמאַליקע שיפערן. דו וועסט עס באַקומען ווען דו וועסט עס דאַרפן. אין שטאָב געפינט זיך נאָך איינס פונקט אַזאַ בוך. ווען דו ווילסט איבערשיקן אַ טעלעגראַם, דאַרפסטו אים פריער שיפרירן מיט די פון פאָרויס־באַשטימטע ציפערן, וואָס דאַרפן בלייבן איינגעקריצט אין דיין זכרון. דערנאָך דאַרפסטו עס פאַרניכטן. די ציפערן פונעם שיפר, קענסטו פאַרניכטן מיט אַ ספּעציעלן כעמישן מאַטעריאַל, וואָס באַשטייט פון אַ געמיש פון פאָספאַטן־מעטאַל און אַנדערע כעמישע שטאָפן, וואָס נעמען ברענען גלייך ווי זיי קומען אין באַריר מיט וואַסער. די שיפרירטע טעלעגראַם ווערט אויפגענומען אויף אַ מאַגנעטאָפאָן, וואָס איז באַהאַפטן צום זענדער. מיטן מאָמענט ווען דער זענדער הויבט אָן צו זיין טעטיק, נעמט די טאַשמע זיך דרייען און די אויפגעכאַפּטע טעלעגראַם ווערט אויטאָמאַטיש איבערגעגעבן דורכן זענדער״.

אלי האָט זיך ערנסט פאַרקוקט אויף די שיפר־בלעטלעך, גע־קנייטשט דעם שטערן און געפרוווט אַריינדרינגען אין דער טיף פון דער דאָזיקער אַרבעט. דערווייל האָט ער דאָס אַלץ אויפגענומען אין זכרון און האָט געטראַכט, אַז דערנאָך וועט ער זיך אומקערן צו דעם און אַנאַליזירן עס פּאַוואָליע, פּאַזע נאָך פּאַזע.

ער האָט געזאָגט:

„אויב איך האָב אייך ריכטיק פאַרשטאַנען, קען איך ביים שיפרירן די טעלעגראַמעס צונויפשטעלן זאַצן, וואָס בינדן זיך אַבסאָלוט נישט און האָבן נישט קיין שום באַדייטונג, ערשט דערנאָך, דורך אַ באַשטימטן ציפערן־שיפר, פאַרוואַנדלען זיך די זאַצן אין באַדייטונגספולע ידיעות״.

יהודה האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„וווּנדערבאַר. איך מוז דיר זאָגן, אַז דו ביזט דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן שוין נאָכן ערשטן מאָל צו כאַפּן דעם פּרינציפּ״.

אלי האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

אונדזער מענטש אין דמשק

יהודה האָט אויפגעכאַפּט דעם שמייכל און מיט פאַרווונדערונג געפרעגט:

„פאַרוואָס שמייכלסטו, אלי?"

אלי האָט אים נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויפן ענטפער:

„דער אמת איז, אַז איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ווייטער גאָרנישט. אָבער אַמאָל האָט מען מיך געלערנט, אַז אויב איך טראַכט וועגן צעחושטע זאַכן מיט דער זעלבער צעחושטקייט, מיינען די מענטשן, אַז איך האָב אַלץ ווירקלעך באַנומען. איז עס נישט קיין פאַרוויי־לערישע טעאָריע?"

יהודהס פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע און ער האָט אַביסל ברוגזלעך געזאָגט:

„ניין, לגמרי נישט".

טוריסט, וואָס רעדט בלויז פראַנצויזיש און אראַביש

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אליס ערשטער טאָג פון איבונגען אויף זיין נאָך אַלץ נישט קלאָרן פּאָסטן.

ביים אַוועקגיין האָט יצחק צו אים געזאָגט:

„מאָרגן וויל איך דיר זען אין ביוראָ ווי צום פריסטן. דיין פרוי קענסטו דערציילן, אַז דו אַרבעטסט אַלס באַאַמטער אין זיכער־הייטס־מיניסטעריום. וועגן אַלדאָס איבעריקן איז בעסער צו שווייגן".

מיט דער צייט האָט אלי געדאַרפט דורכגיין אַ גאַנצע ריי ספּאָרט־עקזאַמענס, מעדיצינישע אונטערזוכונגען, וואָס זענען גע־ווען באַשטימט אויסצופּרווון זיין אויסהאַלטעוודיקייט אין יעדער סיטואַציע, אין יעדן מצב, אין וועלכן ער איז עלול אַמאָל זיך צו געפינען.

טיילמאָל האָט מען אים מיט אַ כוונה אונטערגערוקט זאַכן, וואָס ער זאָל נישט קענען אויספירן, אָבער אין אַלגעמיין איז ער כמעט נישט דורכגעפאַלן און האָט אַלץ אויסגעפירט ביי דער פולסטער צופרידנקייט פון זיינע לערער. ער איז געווען איינער פון די אויסגעצייכנטסטע שילער און האָט אפילו געקענט זיין דער סאַמע בעסטער.

אלי כהן

נאָך צוויי חדשים שווערע איבונגען איז געקומען דער גורל־דיקער טאָג.

מ׳האָט אלײן אַרײנגערופן אין יצחקס ביוראָ און אין דער קעגנ־וואָרט פון נאָך צוויי געהילפן האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז עס איז ענדלעך געקומען דער אמתער עקזאַמען.

יצחק האָט גערעדט:

„דו פאַרשטייסט, האָסט דורכגעמאַכט שוין די מערסטע איבונ־גען, האָסט זיך דערוואָרבן אַ סך קענטעגישן און, איך מוז דיר זאָגן, דו האָסט אַרויסגעוויזן אַ פאַנטאַסטישע אָריענטאַציע, אָבער... דיין גרויסער עקזאַמען דאַרף ערשט זיין היינט״.

אלי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ האַלב אין פאַרלעגנהייט:

„דאַרף איך טאַקע מורא האָבן פאַרן היינטיקן טאָג?״

יצחק איז געווען ערנסט:

„הער זיך צו. דאָס ווענדט זיך גאָר אַ סך אין דיר. נישט ווייט פון דאַנען, אין אַ פּריוואַטן טוריסטן־ביוראָ, דעם גענויעם אַדרעס וועט דיר שפּעטער געבן שמעון, וועסטו זיך באַגעגענען מיט אַ יונגער באַאַמטין, מיטן נאָמען מאַרסעל. דו וועסט זיך פאַר איר פאָרשטעלן לויט אַ באַשטימטן צייכן און זי וועט דיר איבערגעבן אַ פראַנצויזישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון אַ מצרישן ייד, וועל־כער האָט עמיגרירט קיין דרום־אַפריקע און איז איצט אויף אַ באַזוך אין ישראל. מיטן דאָזיקן פּאַספּאָרט דאַרפסטו פאָרן קיין ירושלים. ווי אַזוי צו פאָרן, וועסטו אַליין באַשטימען״.

אלי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט אַ פראַגע־צייכן אין זיינע אויגן. יצחק האָט ווייטער גערעדט:

„וועסט אין ירושלים זיין צוויי טעג און רעדן וועסטו דאָרטן בלויז פראַנצויזיש און אַראַביש. פאַרשטייט זיך, אַז דו וועסט זיך דאַרפן צוגעוווינען צו דיין נייער אידענטיטעט, צו דער נייער ראָל, וואָס דו נעמסט אויף זיך... טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביזט אַ טוריסט און טראָגסט אַן אַנדערן נאָמען. אויב עמעץ וועט דיך דערקענען, באַמי זיך נישט צו ווערן צערודערט, מאַך דעם אָנשטעל, אַז דו האָסט קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזעלכן און וועסט אויפמערקזאַם מאַכן דעם מענטש, וואָס האָט דיך דערקענט, אַז ער האָט אַ טעות און וועסט זיך גיין ווייטער. ווי יעדער טוריסט וועסטו זיך באַמיען אָנצוקניפּן באַקאַנטשאַפטן, באַגעגענען מענטשן, מאַכן זיך באַליבט. באַמי זיך אויך אַריינצוגיין אין עפּעס אַ געזעלשאַפט.

אָבער די גאַנצע צייט טאָרסטו נישט פאַרגעסן אין דער מעגלעכ־קייט, אַז מען קען דיר נאָכשפּיאָנירן. יעדע נאַכלעסיקייט פון דיין זייט קען דערפירן דעם עקזאַמען צו אַ דורכפאַל".

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט אויסגע־צייכנט די אויפגאַבע. ער האָט געפרעגט:

„ווען דאַרף איך עס רירן אין וועג אַריין?"

„מאָרגן אינדערפרי, אַגענט 088... געדענק, מאָרגן אינדערפרי".

אויף אליס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גרינגשעצנדיקער שמייכל און ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין. אָבער ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט און מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט:

„אַנטשולדיקט מיר, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן... איר ווייסט דאָך אוודאי, אַז מיין פרוי געפינט זיך אין די לעצטע שוואַנגער־שאַפט־חדשים. קען מען אפשר וואַרטן ביז מיין זון וועט געבוירן ווערן?"

יצחקס שטים האָט געקלונגען האַרט:

„געבורטן — דאָס איז אַ דורכאויס אומפאַראַנטוואָרטלעכע זאַך... דו קענסט דאַרפן וואַרטן אַ וואָך, אַ חודש, אָדער ווען אפילו אַ טאָג — מיר קענען נישט צעשטערן די גאַנצע אַקציע צוליבן וואַרטן אויפן געבורט פון דיין זון".

אלי האָט געצויגן מיט די אַקסלען און זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג. יצחק האָט אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און אין איין מאָמענט האָט זיך דער אויסדרוק אויף זיין פּנים געענדערט. ער איז צוגעגאַנגען צו אלין און אים ליבלעך געקלאַפּט איבערן אַקסל. זיין שטים האָט איצט געהאַט גאָר אַן אַנדערן קלאַנג, אַ פריינטלעכן: „מיר וועלן זיך מיט דיר פאַרבינדן גלייך ווי מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם געבורט פון דיין זון אָדער טאָכטער. דו קענסט פאָרן און הער אויף צו טראַכטן ווי אַן אַקושערין. דאָס קינד וועט אָן דיר אויך געבוירן ווערן. די נאַטור טוט זיך דאָס אירעקע..."

אין יענעם טאָג איז אלי אַהיימגעקומען פריער ווי געוויינלעך. נאַדיע איז געווען אין קיך, האָט צוגעגרייט אָוונטברויט. זי האָט נישט געהערט ווי אלי איז אַריינגעקומען. ער איז צו איר צוגעגאַנ־גען פון הינטן, אַ קוש געטאָן איר אין נאַקן און אַ קוק־טוענדיק אויף איר בויך, האָט ער געפרעגט:

„ווען מיינסטו, נאַדיע, וועט זיך עס ענדיקן?"

נאַדיע האָט אַ גלעט געטאָן איר בויך און געזאָגט:

אלי כהן

„כ׳מיין, אַז ביז סוף חודש וועסטו שוין זיין אַ טאַטע״.

אלי האָט גוטמוטיק פּראָטעסטירט:

„כ׳האָף, אַז דאָסמאָל וועסטו שוין האַלטן דיין צוזאָג. שוין צוויי וואָכן דערציילסטו מיר, אַז אָט־אָט מאַכסטו מיך פאַר אַ טאַטן. דערווייל בין איך נאָך אַלץ נישט מער ווי אַ מאַן״.

נאַדיע האָט זיך געטוליעט צו אים, געגלעט מיט אירע לאַנגע פינגער זיינע געקרייזלטע האָר און שטיל גערעדט:

„זאָרג נישט, אלי. איך וואָלט אויך שטאַרק געוואָלט, אַז דאָס זאָל שוין געשען אַ סך שנעלער ווי דו מיינסט... האָסט זיך גע־פּרוווט אַמאָל פאָרשטעלן, וואָס פאַרא געפיל דאָס איז צו „שלעפּן״ עפּעס אַזעלכעס אין בויך?״

אלי האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

„וואָס פרעגסטו אַזעלכע שאלות? דו ווייסט דאָך גוט, אַז נישט״.

ער איז אַרויס פון קיך און אַריין אין שטוב, איינגעפּאַקט אין דער קליינער וואַליזע עטלעכע העמדער און אונטערוועש. דערנאָך, ווען זיי זענען שוין געזעסן ביים טיש, האָט ער אָנגעהויבן אַנטדעקן זיינע פּלענער:

„מאָרגן פאָר איך קיין ירושלים אין שליחות פון דער ביוראָ. פאַראַן דאָרט עטלעכע טעכנישע זאַכן, וואָס מען דאַרף דערליי־דיקן... כ׳מיין, אַז איידער כ׳וועל דאָרט פאַרענדיקן, וועל איך זיך נישט קענען אומקערן אַהיים״.

אלי האָט אָבסערווירט איר פּנים, דעם געענדערטן אויסדרוק פון אירע ברוינע אויגן און האָט צוגעגעבן:

„כ׳וואָלט זייער געוואָלט איבערבלייבן איצט אין שטוב, אָבער וואָס קען מען טאָן? ס׳איז אַ פּאָסטן, און אַז מען הייסט פאָרן, האָט נישט קיין זין זיך אַרויסצודרייען״.

נאַדיע האָט אויטאָמאַטיש געאַרבעט מיט גאָפּל־מעסער און שווייגנדיק געגעסן. אלי איז געווען אין פאַרלעגנהייט.

„פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט?״

נאַדיעס שטים האָט זיך שווער אַרויסגעקריגן פון איר פאַר־שטיקטן האַלדז:

„וואָס ווילסטו זאָל איך רעדן? ווילסט אפשר כ׳זאָל פאַלן אויף די קני און וויינענדיק זיך בעטן ביי דיר, אַז דו זאָלסט איבער־בלייבן מיט מיר?״

אלי האָט זיך באַמיט זי צו באַרואיקן:

„דו טרייבסט איבער. דאָס איז אַן ענין פון אַ וואָך אָדער צען

טעג. ביז דעמאָלט וועט די מאַמע דיר העלפן, און כ׳מיין, אַז געגוי־צום טאָג, ווען אונדזער קינד וועט געבוירן ווערן, וועל איך זיין אין שטוב״.

„וואָלסט נישט געקענט בעטן אייניקע טעג אורלויב?״ — האָט נאַדיע געפרעגט.

אלי האָט זיך געשטיקט מיטן ביסן אין מויל:

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז ווען כ׳וועל פאַרענדיקן מיין שליחות אין ירושלים, וועט מען מיר געבן אורלויב״.

זיי האָבן ווייטער געגעסן שווייגנדיק.ביידע זענען זיי געווען פאַרזונקען אין מחשבות. ביידע האָבן זיי געטראַכט וועגן דעם קומענדיקן געבורט.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי איז אלי פריער ווי געוויינלעך אַרויס פון שטוב, אַוועק צו אַ סטאַציע פון טעקסיס. ער האָט גע־טראַכט, אַז אַ טעקסי וועט גיכער אַרויסרופן דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ רייכער טוריסט.

אויפן וועג קיין ירושלים האָט ער געטראַכט וועגן זיין נייער אויפגאַבע און פאַר זיינע אויגן זענען פאַרבייגעלאָפן די לעצטע יאָרן, די שווערע טעג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ביי זיין קומען אין לאַנד אַריין. עס איז אים פאַרגעקומען אויסטערליש, אַז דווקא ער איז עס אַריין אין אַזאַ מאָדנער וועלט ווי עס איז דער שפּיאָ־נאַזש, וואָס האָט פאַר אים אין דעם מאָמענט אויסגעזען אי גע־פערלעך, אי גאָרנישט אינטערעסאַנט.

כאָטש ער האָט נאָך נישט געוווּסט געגוי וווהין מען וועט אים אַוועקשיקן, האָט ער אָבער מיט זיין אַנטוויקלטן חוש פאַרשטאַנען, אַז פאַר אים איז באַשטימט צו זיין דער אַגענט אין ערגעץ אַ שכנותדיק אַראַביש לאַנד.

אויף אַ מינוט האָט זיך אים אַריינגעגנבעט די האָפענונג, אַז דאָס וועט זיין מצרים. דאָרט איז טאַקע צום געפערלעכסטן, אָבער דאָרט האָט ער אויך פריינט פון אַמאָל.

מיט מצרים זענען אויך געווען פאַרבונדן אַ סך טיפע איבער־לעבונגען און געמישטע געפילן, און ער האָט געטראַכט, אַז אויב שוין שטעלן זיך אין געפאַר, איז כאָטש האָבן דעם באַוווּסטזיין פון פולער נקמה.

דעמאָלט האָבן דורכגעשוועבט פאַר זיינע אויגן אין אַ קאַליי־דאָסקאָפּישער שנעלקייט בילדער פון די פריע פופציקער יאָרן,

פון דער תקופה, ווען עס איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס פֿון די ייִדישע קדושים אין קאַיר.

דאָס איז געשען סוף זומער 1954.

פֿון לאָנדאָן זענען דעמאָלט אָנגעקומען ידיעות, וועלכע האָבן פֿאַרשאַפֿט אַ סך זאָרג די ישראלדיקע מנהיגים. עס האָט אויסגעזען, אַז דער אַלטימאַטיווער טשערטשיל האָט אונטערן דרוק פֿון דער מצרישער רעגירונג באַשלאָסן אַרויסצוציען די ענגלישע כוחות פֿון די באַזעס אינעם ראַיאָן פֿון סועץ־קאַנאַל. פֿאַר דער הערשנדיקער קאַסטע אין מצרים איז אַזאַ שריט געווען אַן ערנסטע דערגרייכונג, אָבער פֿאַר ישׂראל איז די אָנוועזנהייט פֿון ענגלישן מיליטער אין קאַנאַל־ראַיאָן געווען זייער וויכטיק.

פֿאַר דער ישראלדיקער רעגירונג איז געווען קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי ענגלאַנד געפֿינט זיך דאָרט איז די אַראַבישע מאַסע פֿאַר־נומען מיט איר, לאָזט אויס אויף די ענגלענדער די גאַנצע שנאה און ענערגיע.

די אָפֿיציעלע סיבה דערצו איז געווען, אַז די אָנוועזנהייט פֿון ענגלישן מיליטער אין אַזאַ פּילבאַרן פּונקט קען אָפּקילן עטוואָס דעם ענטוזיאַזם פֿון די מלחמה־העצער, בעיקר פֿון יענע אָפֿיצירן, וואָס טראַכטן געגנוג הויך וועגן אַ „צווייטער רונדע" פֿון אַ מלחמה קעגן ישראל.

די בעסטע לייזונג האָט אויסגעזען צו זיין אָנצוהייבן אַ סעריע פֿון געצילטע דיווערסיעס. די דאָזיקע דיווערסיעס האָבן געדאַרפֿט אויספֿירן געדונגענע טעראָריסטן, וואָס ישראלדיקע אַגענטן האָבן געשולט זינט דעם יאָר 1951 אין דער אונטערערד, בעיקר ווי אַזוי דורכצופֿירן דיווערסיעס און שפּיאָנאַזש.

אַ טייל פֿון די אונטערערדישע מיטגלידער האָבן אויך דורכ־געמאַכט פֿאַרפֿולקאָמונגס־קורסן אין ישראל. זיי זענען געקומען אַהער דורך פֿראַנקרייך און האָבן זיך דאָ געלערנט ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט ראַדיאָ־זענדערס און פֿאַרשידענע אַנדערע טעכ־נישע מעטאָדן פֿון שפּיאָנאַזש.

צווישן די, וואָס זענען געקומען קיין ישראל, זענען אויך געווען צוויי אלי כהנס גוטע פֿריינט, דער דאָקטאָר עזרא מארזוק און דער לערער שמואל עזאר. נאָך לאַנגע איבונגען האָבן די צוויי זיך אומגעקערט קיין מצרים און מיט זייערע קענטענישן, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין ישראל, האָבן זיי געהאָלפֿן די אַנדערע צוויי ישראל־אַגענטן: אברהם (דזשאָן דאַרלינג) דאַר און מאַקס בענעט.

אונדזער מענטש אין דמשק

די דאָזיקע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך ייִדישע יוגנטלעכע, וואָס זענען געווען גוטע פּאַטריאָטן, אָבער האָבן געהאַט ווייניק דערפאַרונג. די עלטסטע זענען קוים דערגאַנגען צו דרייסיק יאָר און זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אין גרופּן, וואָס האָבן געהאַט די נעמען „קאַיר" און „אַלעקסאַנדריע".

די יוגנטלעכע האָבן גוט געקענט איינע די אַנדערע און געאַרבעט מיטן באַוווסטזיין, אַז זיי טוען אַ זייער וויכטיקע שליחות. די געפאַר איז אָבער געווען גרויס, אַז אויב עמעץ פון זיי וועט אַרייַנפאַלן, וואָלט די גאַנצע נעץ זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־הייזל.

אלי כהן האָט געוווסט וועגן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און האָט זי אפילו אונטערשטיצט, אָבער נישט אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן.

דעמאָלט, אין די חדשים מאַי—יוני 1954, האָט ישראל באַשלאָסן אַרויסצוהעלפן זיך מיט דער דאָזיקער נעץ. דער צענטער האָט באַקומען פאַראָרדענונגען דורכצופירן דיווערסיע־אַקטן אין געזעלשאַפטלעכע בנינים, קינאָס, פּאָסט, באַן־סטאַציעס. באַזונדערס האָבן די דיווערסיעס געדאַרפט זיין געצילט קעגן ענגלישע אינסטיטוציעס, ווי ביבליאָטעקן, קולטור־צענטערס, קלובן, פּריוואַטע ענגלישע הייזער, ווי אויך אין איר אַמבאַסאַדע אין מצרים. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע טעראָר־אַקציעס האָט געדאַרפט דערפירט ווערן דערצו, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל קומען צום אויספיר, אַז עס איז נאָך צו פרי פאַר איר אַרויסצוציען איר אַרמיי פון מצרים, עס זאָל קלאָר ווערן פאַר ענגלאַנד, אַז די אַלע גאַראַנטיעס, וואָס די קאַירער רעגירונג דאַרף געבן אַלס פּרייז פאַרן ליקווידירן די באַזעס, האָבן נישט קיין שום באַדייטונג אין אַנבליק פון דער דאָזיקער קאָנצענטרירטער טעראָר־אַקציע.

דער דאָזיקער גורלדיקער באַפעל איז אָנגעקומען אינמיטן יולי. עס האָט זיך אָנגעהויבן די „מצרים־אַקציע".

אָבער אין דער זעלבער צייט איז דער מצרישער שפּיאָנאַזש אַרויף אויף די שפּורן פון די טעראָריסטן און דאָס צעפאַלן זיך פון דער גאַנצער נעץ איז נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט.

אין יענעם טאָג האָבן אויפגעריסן געווייַנלעכע דינאַמיט־באָמבעס, וואָס מען האָט אַרייַנגעלייגט אין שאַכטלען פון וואַש־פּולווער. די דינאַמיט־שאַכטלען האָבן אויפגעריסן אויף דער פּאָסט און אין אַ מאַגאַזין, ווו מען גיט איבער צום היטן באַגאַזש. צוויי טעג

שפּעטער, דעם 14־טן יולי, האָבן אין די אַמעריקאַנער אינפאָרמאַציע־ביוראָען אין קאַיר און אין אַלעקסאַנדריע אויסגעבראָכן שרפות. דאָס זעלבע איז אויך געשען אין די בנינים פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע און קאָנסולאַט אין קאַיר. די שאָדנס זענען געווען קליינע, האָבן אָבער אַרויסגערופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סקאַנדאַל.

אין יענעם אָוונט איז אין דער צענטראַלע פון דער שפּיאָנאַזש־נעץ באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַן איבעררייס אויף אַ מעת־לעת און נישט דורכפירן דעמאַלט קיין שום דיווערסיע־אַקט. די אינסטרוקציעס, וואָס מען האָט געדאַרפט באַקומען פון ישראל, האָבן זיך פאַרשפּעטיקט און די צענטראַלע האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געקענט געשען יעדע מינוט.

די מצרישע אינפאָרמאַציע־דינסט און די פּאָליצײַ האָבן דורכגעפירט אַ סך אַרעסטן און אַרויסגעוויזן סימנים פון אומגעדולדיקייט און חשק צום שנעלן ווירקן. אַזוי, אַז די פּויזע פון 24 שעה איז געווען אַ נויטווענדיקע. צוואַנציק שעה שפּעטער, דעם 16־טן יולי, נאָך דער שאַרפער אַמעריקאַנער רעאַקציע, האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע כוואַליע פון דיווערסיעס.

די גרופּע „קאַיר” האָט באַהערשט אייניקע געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס און די גרופּע „אַלעקסאַנדריע” האָט גענומען אויף זיך דאָס אויפרייסן צוויי קינאָס, „ריוואַלי” און „ריאָ”. דער פאַקט, וואָס די מצרישע געהיים־אַגענטן האָבן געהיטן די אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין די דאָזיקע שטעט, האָט נישט אָפּגעהאַלטן די טעראָריסטן.

אַנטדעקט די דיווערסיע־נעץ

אָבער אין יענעם טאָג האָט די געוואַגטקייט און די אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט פון די טעראָריסטן זיי טייער געקאָסט. ביים קינאָ „ריאָ” אין אַלעקסאַנדריע, אויפן פּלאַץ נעבן דעם אַרייַנגאַנג אין קינאָ, איז פּלוצלונג אַוועקגעפאַלן אַ יונגערמאַן מיט אַן אייראָפּעאישן אויסזען און האָט זיך געקורטשעט אין ווייטיקלעכע קאָנוווּלסיעס.

אונדזער מענטש אין דמשק

נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ מצרישער געהיים־אַגענט און ער האָט באַמערקט ווי פון דער קעשענע ביים אַוועקגעפאַלע־נעם יונגנמאַן גייט אַרויס אַ רויך. ער איז גיך צוגעלאָפן צו אים און אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע אַ שיידל פון ברילן, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט ברענשטאָף, פון וועלכן עס איז געגאַנגען דער רויך.

דער דאָזיקער אָפיציר פון מצרישן געהיים־דינסט האָט אויס־געזען צו זיין צופרידן, זיין פּנים האָט זיך צעשיינט אין אַ שמייכל און ער האָט בלויז געפרעגט:

„ווי הייסטו, יונגערמאַן?”

דער יונגערמאַן האָט קוים אַרויסגעקריגן פון זיך:

„פּיליפּ נאַטאַנסאָן”.

די צופרידנקייט פונעם אָפיציר האָט אַזש אַרויסגעשריען פון אים:

„אָקיי, פּיליפּ, קום מיט מיר אויף דער פּאָליציי־סטאַציע. כ׳מיין, אַז דאָרט וואַרט מען אויף דיר”.

פּיליפּ האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט די לעצטע כוחות גע־לאָזט זיך צושלעפּן צו דער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרט האָט דער אינפאָרמאַציע־אָפיציר געמאָלדן:

„דאָס איז איינער פון זיי. אונטערזוכט גוט דעם דאָזיקן מאַ־טעריאַל. כ׳מיין, אַז דאָס איז אַ היימיש־געמאַכטע באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן פאַר דער צייט”.

די אונטערזוכונג אין דער פּאָליצייאישער לאַבאָראַטאָריע האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע ערשטע הנחה פונעם אַגענט. דאָס איז געווען אַן אויפרייס־שטאָף, וואָס האָט אויפגעריסן פאַר דער צייט.

דער מצרישער אָפיציר, וואָס האָט געפאָרשט פּיליפּן, האָט געזאָגט:

„זעסט, קיין שום זאַך איז פאַר אונדז נישט קיין סוד. מיר ווייסן וועגן אַלעם און איך פריי זיך, אַז מיר איז געלונגען דיך צו כאַפּן. ווי אַ מצרישער פּאַטריאָט בין איך שטאָלץ דערמיט, וואָס איך האָב אויסגעמיטן אַ דיווערסיע־אַקט, וואָס דו מיט דיינע חברים אין קאַיר האָבן פאַרטראַכט. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך פאַר־שטיין...”

ער האָט פאָרשעריש אָנגעקוקט דעם בחור אין די אויגן, גע־וואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף אים זיינע ווערטער און ווייטער גערעדט:

„זאָג מיר, כ'בעט דיך, פאַרוואָס האָט איר עפּעס אָנגעהויבן די דיווערסיע־אַקטן אין די אַמבאַסאַדעס און אַנדערע אינסטיטוציעס פון די מערב־לענדער?"

נאַטאַנסאָן האָט שוין אויסגעזען צו זיין אינגאַנצן באַהערשט און ער האָט רואיק געענטפערט:

„ווי מצרישע פּאַטריאָטן האָבן מיר געוואָלט באַזייטיקן פון אונדזער לאַנד די פרעמדע פאַקטאָרן. און אַ שטאַרקן שטויס וועלן זיי זיך נישט רירן פון דאַנען".

דער מצרישער אָפיציר האָט געלאַכט:

„ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז אַזעלכע „שטויסן" וועלן עס אַרויסשטופּן די ענגלענדער פון מצרים?"

פיליפּ האָט אויסגעזען אַ רגע צו צווייפלען, אָבער באַלד האָט ער זיך אָנגערופן:

„אַט זעט ווי אין פּאַלעסטינע האָט מען עס אויסגעפּרוווט מיט גרויס דערפאָלג... זיי האָבן די ענגלענדער משוגע געמאַכט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן זיך פון דאָרט אָפּגעטראָגן".

איצט האָט דער אָפיציר געלאַכט מיטן פולן מויל:

„אויב גלייבן דיר, אַז דו ביסט אַזאַ מצרישער פּאַטריאָט, ווי אַזוי וועסטו אויפקלערן אייערע אויפרייסן אין קינאָ־הייזער, פּאָסט־בנינים, וואָס געהערן צום סוווערענעם עגיפּטן?"

נאַטאַנסאָן האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

„עס, דאָס זענען נישט געווען קיין ערנסטע דיווערסיע־אַקטן".

דער אָפיציר האָט שאַרף פּראָטעסטירט:

„ערנסטע צי נישט ערנסטע — אָבער דיווערסיע־אַקטן זענען עס געווען. פאַרוואָס האָט איר עס געטאָן?"

נאַטאַנסאָן איז נאָך אַלץ געווען באַהערשט:

„מיר האָבן דאָך געמוזט ערגעץ דורכמאַכן איבונגען".

די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען האָבן זיך נישט געפירט שוין אין אַזאַ שטילן טאָן און ווייט נישט אין קיין זיידענע הענטשקעס. דאָס האָט דערפירט, אַז אין רעזולטאַט פון נאַטאַנסאָנס אַרעסט איז אַנטדעקט געוואָרן די גאַנצע נעץ. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָך עלף יוגנטלעכע און צווישן זיי דאָס אינטעליגענטע און שיינע יידישע מיידל, די ספּאָרט־מייסטערין וויקטאָריאַ (מאַרסעל) ניניו.

אין שפּיץ פון די אַרעסטירטע זענען געווען: ד"ר עזרא מאַרזוק, א דאָקטאָר דענטיסט פון קאַיר; דער לערער שמואל עזאר און

אונדזער מענטש אין דמשק

דער אינסטרוקטאָר־אַגענט מאַקס בענעט. געלונגען צו אַנטלויפן איז בלויז דעם ישראלדיקן אַגענט, אברהם דאַר, וואָס האָט געטראָגן דעם פּסעוודאָנים דזשאָן דאַרלינג.

אין יענעם טאָג, ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן די אַבלאַווע אויף די דיווערסאַנטן, האָט זיך אלי אומגעקערט אַהיים, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט זיין פריינט, אַ מצרישן פּאָליציי־אָפיציר, וואָס האָט אים בסוד איבער־געגעבן, אַז עס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן עטלעכע ישראלדיקע טעראָריסטן און צווישן זיי דער דאָקטאָר מאַרזוק.

אלי איז גיך אַוועק אַהיים, האָט פאַרניכטעט די געהיימע דאָקו־מענטן, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אויפן בוידעם. דערנאָך האָט ער באַהאַלטן דעם ראַדיאָ־איבערשיקער. אַ געהיימער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז באַלד וועלן זיי קומען אויך צו אים. און ווירק־לעך, עס זענען נישט דורך קיין גאַנצע צוועלף שעה און צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

זיי האָבן געפרעגט:

„אלי כהן?"

ער האָט רואיק געענטפערט:

„איך בין עס".

זיי האָבן אים געהייסן מיטגיין מיט זיי.

די אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי איז געווען אַ גענוג שווערע. אָבער זיי איז נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען עפּעס פון אים. נישט האָבנדיק קעגן אים קיין שום באַווייזן, האָבן זיי אים געמוזט באַפרייען. זיי האָבן אָבער זיין נאָמען און בילד אַריינגעצויגן אינעם אַלבום פון פאַרדעכטיקטע.

אלי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז פון איצט אָן קען די פּאָליציי אים אַרעסטירן יעדעס מאָל, ווען זי וועט עס האַלטן פאַר נויטיק. ער האָט געוווּסט, אַז אַלס ייד, האָט ער קעגן דעם נישט קיין שום עצה און דאַרף שלום מאַכן מיטן גורל.

די ריזיקע פיניקונגס־מאַשין אין דער קאַירער תפיסה איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. דער קרייץ־פאַרהער האָט איינגעבראָכן די באַשולדיקטע. מאַקס בענעט איז פולשטענדיק צעבראָכן געוואָרן און מיט דער הילף פון אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון דער טיר, האָט ער זיך דורכגעשניטן די אָדערן פון די הענט.

דריי חדשים נאָך די אַרעסטן איז דערשינען די ערשטע ידיעה

אלי כהן

אין דער מצרישער פּראָצעס וועגן דער אַנטדעקטער ישראלדיקער שפּיאָנאַזש־נעץ.

דער פּראָצעס איז באַשטימט געוואָרן אויפן 17־טן דעצעמבער.

מיטן מאָמענט, ווען עס איז באַוווּסט געוואָרן וועגן פּראָצעס, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין קאַיר ווענדונגען פון דער גאַנצער וועלט וועגן באַגנעדיקונג.

צווישן די, וואָס האָבן זיך געוואָנדן מיט דער ביטע צו באַגנע־דיקן די באַשולדיקטע, זענען געווען: דער הויפּט־רב פון מצרים, די אַמבאַסאַדאָרן פון אַמעריקע און ענגלאַנד, דער פּאַרשטייער פון פּויפּסט, דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער און דעפּוטאַטן פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי.

דאָס אַלץ האָט, ווייזט זיך אַרויס, נישט געהאָלפן. דער פּראָ־צעס האָט זיך געצויגן דרייסיק טעג און דעם 17־טן יאַנואַר 1955 האָט דאָס געריכט געמאָלדן דעם אורטייל:

צוויי זענען געוואָרן באַפרייט, צוויי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן יאָר תפיסה, צוויי אויף אייביקער תפיסה. די אָנפירער פון דער נעץ, דאָקטאָר מאַרזוק און שמואל עזאר, זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

אלי האָט זיך באַמיט צו באַגעגענען מיט די צוויי, אָבער מען האָט צו זיי קיינעם נישט צוגעלאָזט.

אויף דער נאַכט צום 21־טן יאַנואַר 1955 האָט מען זיי געפירט צו דער תליה אויפן צענטראַלן פּלאַץ פון דער תפיסה, אין דער קעגנוואָרט פון עטלעכע עדי־ראיה.

דאָס בילד פוןביידע, ווי זיי הענגען מיטן שטריק אויפן האַלדז, האָט צומאָרגנס אַראָפּגעשריגן פון די אָרטיקע צייטונגען.

אלי כהן האָט אין יענעם מאָמענט דערפילט אַ שווערן קורטש אין האַרצן. ער האָט געפילט, אַז דאָס בילד וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן פון זיינע אויגן און אַז עס וועט אַמאָל קומען דער טאָג פון נקמה און באַצאָלונג.

אין האָטעל „המלך דוד״

זיצנדיק איצט אין דער טעקסי, וואָס האָט אים געפירט קיין ירושלים, האָט אלי געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון נקמה.

אונדזער מענטש אין דמשק

ער האָט עקשנותדיק געאיבט זיין געדאַנק צו זיין נייער ראָל און די שווערע אויפגאַבן, וואָס ער וועט דאַרפן אויספירן ערגעץ אין אַן אַראַביש לאַנד.

די מאַשין האָט געשלונגען די מײלן. אלי האָט מיט צעעפנטע אויגן געקוקט אַרום זיך. אָט איז שער־הגיא, דאָ און דאָרט זענען צעוואָרפן די שטאָלענע שקעלעטן פון די איבערגעבליבענע פאַנ־צער־אויטאָס און טאַנקן, וואָס האָבן זיך אין דער באַפרייאונגס־מלחמה דורכגעריסן אויפן וועג צו ירושלים. גבורים האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן לאַנד, פאַרן פאָלק.

דער אויטאָ האָט פּלוצים גענומען פאַרלאַנגזאַמען זיין גאַנג, און דער פאָדעם פון אליס געדאַנקען האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן. ער האָט פאַר זיך דערזען ירושלים אויף יענער זייט באַגילדעטע רוקן־בערג און מיטן טאָן פון אַן ערשט־געקומענעם טוריסט האָט ער א פרעג געטאָן דעם שאָפער:

„איר רעדט פראַנצויזיש?"

דער שאָפער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן בליק צו אלין און געזאָגט:

„נישט אַזוי גוט. איך רעד ענגליש, אַראַביש".

„אויסגעצייכנט, וועלן מיר רעדן אַראַביש" — האָט אלי געזאָגט און געבעטן אים ווייזן זיך דעם וועג צום האָטעל „קינג דוד".

דער שאָפער האָט אים געענטפערט, העפלעך, אין אַראַביש:

„ווען מיר קומען אָן אין צענטער שטאָט, ווייז איך אייך ווי אַזוי צו געפינען דעם וועג צום ,קינג דוד'".

אין אַ רגע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

„זייט איר פון מאַראָקאָ?"

„ניין. איך בין פון מצרים, אָבער שוין עטלעכע יאָר, ווי איך וווין אין פראַנקרייך".

דער שאָפער האָט טריאומפירט:

„אָט דאָס האָב איך טאַקע געטראַכט... איך האָב גלייך דער־קענט, אַז אייער אַראַביש איז מיט אַ מצרישן דיאַלעקט און נישט מיט קיין מאַראָקאַנער".

ביים אַריינפאָר אין שטאָט זענען זיי פאַרבייגעפאָרן די גרויסע געביידע פון „בנייני האומה". דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צו רח' יפו און באַלד זענען זיי געווען ביי די טויערן פון דער כנסת־געביידע.

דער שאָפער האָט העפלעך געפרעגט:

אלי כהן

„איר ווילט ווינען אין האָטעל ,קינג דוד׳ ?״
אלי האָט געענטפערט מיט אַ ברום אונטער דער נאָז:
„אוהו...״
„איך קען אייך אַהינפירן דאָרטן. ספּעשל״.

דער שאָפער האָט אלין צוגעפירט צום טויער פון האָטעל, האָט נישט געוואָלט זאָגן קיין פּרייז פאַר דער ספּעציעלער נסיעה, נאָר לויט אליס אָפּשאַצונג איז אים נישט געקומען מער ווי צוויי ישראלדיקע לירות. ער האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט און העפלעך געדאַנקט.

דער איבעראַשטער שאָפער האָט געקוקט אויף די צוויי לירות און צו זיך גערעדט אין עברית:
„אַ קמצן, אַזוי ווי די ישראלים״.

אלי האָט אויפגעכאַפּט דעם שאָפערס ווערטער ביים אַוועקגיין און האָט צו זיך געשמייכלט. אָבער דערנאָך האָט ער געטראַכט, אַז ער דאַרף זיין אַביסל גרויסמוטיקער, אויב ער וויל זיך איינשאַפן ביי די מענטשן סימפּאַטיע. דער בודזשעט, וואָס מען האָט אים באַ־שטימט אויף די צען טעג, איז דערגאַנגען צו זעקס הונדערט לירות.

דער האָטעל „קינג דוד״ איז באַשטימט פאַר מענטשן פון דער העכערער געזעלשאַפט. אין דעם לוקסוס־אַרטיקן האָטעל טרעפן זיך מענטשן פון פאַרשידענע לענדער, באַקענען זיך, שמועסן אויף טעמעס פון הויך־פּאָליטיק און פון גרויסע געשעפטן.

מען זעט דאָ אַן ערב־רב פון פאַרשידענע טיפּן, וואָס קומען אַהער פון דער גאַנצער וועלט און זיי האַלטן דעם האָטעל פאַר דעם בעסטן פון אַלע ירושלימער האָטעלן. די פענצטער פונעם האָטעל גייען דאָ אַרויס אויף דער טיפּישער ירושלימער לאַנדשאַפט און דאָס גאַנצע הויז איז אַ האַרמאָנישער געמיש פון לוקסוס מיט וואַרעמער, ממש אינטימער אַטמאָספער.

אלי איז צוגעגאַנגען צום פּאַרטיער, וועלכער האָט אים דער־לאַנגט דאָס איינמעלדונגס־בוך און אלי האָט זיך דאָרט אונטער־געשריבן מיט זיין נייעם נאָמען, אַזוי ווי ער האָט פיגורירט אין זיין נייעם פּאַספּאָרט. ער האָט באַקומען דעם שליסל צו זיין צימער אויפן צווייטן שטאָק, איז אַרויף אויף די טרעפּ און אַריין אינע־ווייניק. ער האָט געזען פאַר זיך אַ שיין און ריין אויפגערוימט צימער.

ער האָט אויסגעטאָן די וואַרעמע מאַרינאַרקע און דאָס ווייסע העמד, וואָס איז שוין געווען אַביסל פייכט פון שווייס, און האָט זיך

אונדזער מענטש אין דמשק

איבערגעטאָן אין אַ געשטריקטער ספּאָרט־בלוזע. אַזוי האָט ער זיך געפֿילט בעסער און דאָס האָט אים ווירקלעך זייער געפּאַסט. דער גרויסער שפּיגל, וואָס איז געווען אַריינגעפּאַסט אין דער טיר פֿון דער שאַנק, האָט אים געוויזן זיין אייגן פּנים, וואָס האָט אים אָבער אַ מינוט כמעט איבעראַשט, ווי ער וואָלט זיך צום ערשטן מאָל דערזען אין שפּיגל.

אַריינהענגענדיק זיינע מלבושים אין דער שאַנק איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען ביים שפּיגל פֿאַרקוקט אויף זיך, אויף די ענדערונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין משך פֿון די פּאָר שעה אין זיין פּנים, האַלטונג און גאַנצן אויסזען. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיין „טוריסטיש" אויסזען איז דערוויל געלונגען.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגער. עס איז געווען צען מינוט נאָך עלף. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אינמיטן הימל.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, אָבער אין מוח איז אים דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז דאָס איז נישט קיין פּאַסיקע שעה פֿאַר שפּאַצירן און עס וועט גלייכער זיין זיך אַוועקצולייגן אַביסל אָפּרוען.

אויסציענדיק זיך אויפֿן בעט האָט ער גלייך איינגעדרימלט.

עס איז שוין געווען באַלד צוויי אַזייגער, ווען עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אלי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און צוגעגאַנגען עפֿענען. פֿאַר אים איז געשטאַנען איינער פֿון די באַאַמטע פֿון האָטעל און אים דערלאַנגט אַ פֿאַרזיגלטע טעלעגראַמע, זאָגנדיק:

„דאָס איז פֿאַר אייך, מיין הער".

א.088

ביז איצט ביזטו געווען גלענצנדיק. מיש זיך אויס
אין דער געזעלשאַפֿט און פּרוּוו אָנבינדן קאָנטאַקטן.

אלי האָט די טעלעגראַמע פֿאַרקוועטשט אין זיין האַנט און דערנאָך אַוועקגעוואָרפֿן אין דעם פּאַפּיר־קויש. ער האָט אין געדאַנק גערעדט צו זיך אַליין:

„יצחק וואָלט געקענט וואַרטן עטלעכע שעה. איך מוז זיך דאָך אַביסל אָפּרוען, אויב איך וויל זיין וואַך ביינאַכט".

פֿינף אַזייגער איז ער אַראָפּ עסן אָוונטברויט און איז באַלד צוריק אַרויף צו זיך אין צימער, געמאַכט זיך אַ שפּריץ און איבערגעטאָן זיך צום אַרויסגיין. ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין אַ קינאָ און דערנאָך אין אַ נאַכט־לאָקאַל, פּרוּוון באַפֿריינדן זיך מיט סטודענטן אָדער מיט מענטשן פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט.

אלי כהן

זיין עלעגאַנטער אויסזען אין דער דאָזיקער אָוונט־שעה האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער טוריסט.

די אַקציע פון פילם האָט אים נישט באַזונדערס אינטערעסירט. דאָס איז געווען אַ ביליקע מעלאָדראַמע, וואָס האָליווּד פּראָדוצירט אין די הונדערטער. ער איז אינמיטן פילם אַרויס פונעם קינאָ און געזומען שפּאַצירן אין די גאַסן אָן אַ צל. לסוף האָט ער אָפּגעשטעלט אַ טעקסי און באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אַביסל הינטער דער שטאָט „אָוועקהרגענען" די צייט ביז מען עפנט די נאַכט־לאָקאַלן.

אויף דער פראַגע פונעם שאָפער וווהין צו פאָרן האָט אלי געענטפערט נאָכלעסיק סתם אַזוי זיך:

„פאָר וווהין דו ווילסט, איך אייל זיך נישט באַזונדערס".

דער שאָפער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער אים, און האַלב־אָפּיציעל געזאָגט:

„מיין הער, דער דאָזיקער נאַכט־שפּאַציר קאָסט נישט ביליק".

אלי האָט זאָרגלאָז געלאַכט:

„איר האָט מורא, אַז איך קען זיך נישט דערלויבן?"

דער שאָפער האָט אויסגעזען צו זיין צופרידן פונעם ענטפער און האָט געלאָזט די מאַשין אין גאַנג.

ביים אַריינדרייען זיך אויפן שאָסיי פאָרן קסטל האָט אלי באַמערקט אַן אויטאָ, וואָס איז געבליבן שטעקן ביים ראַנד פונעם וועג. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַ רוף געטאָן צום שאָפער, ער זאָל איינהאַלטן דעם אויטאָ.

דער שאָפער האָט געפרעגט:

„וואָס איז געשען? פילאַנטראָפּיע?"

אלי האָט געמאַכט אַ מיטליידנדיקע מינע:

„אפשר קענען מיר מיט עפּעס העלפן דעם דאָזיקן אָרעמען פאָרל".

דער שאָפער האָט געמורזשעט די אויגן פון פאַרוווּנדערונג, זאָגנדיק: „געדענקט, מיין הער, דאָס איז געלט... ווי איר ווילט. איך האָב נישט בדעה צו דיסקוטירן מיט אַ קליענט... פאַקטיש איז עס ביי מיר אַ פּרינציפּ, אַז דער קליענט איז שטענדיק גערעכט".

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַנד פון שאָסיי האַרט ביים אויטאָ, וואָס איז געבליבן שטעקן. אלי איז אַראָפּ און פאָרגעשטעלט זיך פאַר דעם פאָרל, פרעגנדיק דערביי זייער העפלעך, צי ער קען זיי מיט עפּעס העלפן.

דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן מאָטאָר, האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און לאַנג אָפּגעמאָסטן אַלין, ווי ער וואָלט געוואָלט בעסער פאַרשטיין זיין כוונה. דערנאָך האָט ער גע־הויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

„אייגנטלעך ווייס איך אַליין נישט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם אויטאָ און דערפאַר ווייס איך נישט מיט וואָס איר קענט מיר העלפן. אַחוץ דעם, פאַרוואָס זאָלט איר זיך דאַרפן פאַרשמוצן די הענט? מיר וועלן זיך יאַקאָש איינאָרדענען".

אין שמועס האָט זיך אַריינגעמישט דער שאָפער פון דער טעקסי און מיט אַ זיכערן טאָן געזאָגט:

„איר גייט אַריין און צינדט אָן דעם מאָטאָר, אפשר וועט עס אונדז געלינגען צו דערגיין וואָס אין אים האָט פּאַסירט".

דער מאַן האָט ווירקלעך אַזוי געטאָן, האָט געפּרוווט אָנצינדן דעם מאָטאָר, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך אָנצינדן. דאָס האָט געדויערט אַזוי צען מינוט; אַלע זענען שוין געווען דערשוויצט און מען האָט נישט געזען קיין סוף, האָט אלי פאָרגעשלאָגן צו לאָזן שטיין דעם אויטאָ און דאָס פּאָרל זאָל אַריינ־גיין צו זיי. ער האָט צוגעגעבן:

„במילא האָב איך געהאַלטן ביים צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין".

די פרוי האָט זיך אַריינגעמישט:

„אַך, באַמיט זיך נישט צוליב אונדז".

אָבער אלי איז געווען העפלעך און עלעגאַנט:

„סיי־ווי־סיי האָב איך געטראַכט פון אומקערן זיך אין שטאָט אַריין. איך האָב ליב פון צייט צו צייט צו מאַכן אַזאַ שפּאַציר אהין און צוריק".

אין דעם מאנס אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א שטוינונג. ער האָט כמעט אויסגעשריגן:

„אין א טעקסי? דאָס קאָסט דאָך אייך א פארמעגן".

אלי האָט לייכט געשמייכלט:

„אין דער היים קאָסט עס מיך ביליקער. אָבער דאָ, אלס טור־ריסט דאַרף איך איבערלאָזן אביסל דאָלארן, וואָס זענען אזוי וויכ־טיק פארן לאנד".

דער מאַן האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין פרוי און מיט א בידעריק קול געזאָגט:

„זעסט דאָך, אז דער הער איז איינגעשפּארט און וויל אונדז דווקא נעמען קיין ירושלים. מיר וועלן דאָך אים נישט אָפּזאָגן".

אלי כהן

דער שאָפער פון דער טעקסי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אלס סימן פון הסכמה:

„ניין, מיינע הערן, איר דאַרפט אָננעמען דעם פאָרשלאַג. איך מיין, אז דאָס איז די אָנגענעמסטע זייט פון דער פליכט צו זיין העפלעך צו א טוריסט".

אלע דריי זענען אריין אין דער טעקסי, וועלכע האָט גענומען גאלאָפּירן אויף צוריק אין דער ריכטונג צו ירושלים. אלי האָט אין די געדאנקען געשמייכלט מיט צופרידנקייט, געטראכט, אז דער „באָס" וועט זיין צופרידן. אים איז געלונגען צו באקענען א פּאָרל, וואָס זעט אויס צו געהערן צו דער העכערער ירושלימער געזעלשאפט.

ווען דאָס פּאָרל איז אראָפּ האָט עס אים אויסגעזען צו זיין איבעריק אוועקצוגיין איצט פאַרברענגען אין א לאָקאל און ער האָט געזאָגט צום שאָפער:

„פיר מיך צוריק אין האָטעל. איך מיין, אז אויף היינט האָב איך זיך גענוג אָפּגעפרישט, איך פיל זיך אויסגעצייכנט..."

אויף צומאָרגנס האָט דער טעלעפאָן אין זיין האָטעל־צימער זיך צעקלונגען. אויף יענער זייט ליניע איז געווען די דאמע פון דער פאַרגאַנגענער נאכט אויפן שאָסיי. אין איר שטים האָט נאָך אָפּגעקלונגען די געריררטקייט:

„פרייטיק־צו־נאכטס אָרדענען מיר איין ביי זיך א ספּעציעלן אָוונט אָפּצומערקן דעם 20־טן יאָרטאָג פון אונדזער חתונה. עס וועט פאר אונדז זיין א גרויסער כבוד אויב איר וועט אונדז באזוכן".

אלי האָט זיך געפרוווט ווערן:

„אָבער איך קען דאָך נישט קיינעם פון אייערע נאָענטע. ווי אזוי וועל איך זיך פילן אין אייער געזעלשאפט?"

די פרוי האָט אים בארויקט:

„עס וועט זיין אין אָרדענונג. איך וועל שוין זאָרגן דערפאר, אז איר זאָלט זיך גוט פילן. פאקטיש זענען אלע אונדזערע פריינט געשעפטסלייט, און איך בין זיכער, אז איר וועט געפינען מיט זיי א געמיינזאמע שפראך".

אלי האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך באמיען צו קומען און זי האָט אים איבערגעגעבן דעם אדרעס, זאָגנדיק דערביי:

„אויב איר ווילט, קענט איר אפילו גיין צופוס. מיר וווינען נישט ווייט. דאָס איז די דריטע גאס פון אייער האָטעל".

אין יענעם אָוונט, ווען יצחק האָט זיך מיט אים פארבונדן

טעלעפאָניש, האָט אים אלי דערציילט, אז ער האָט נאַרוואָס אָנגע־בונדן דעם ערשטן קאָנטאקט. יצחק איז געווען צופרידן:

„אויסגעצייכנט, ווארשיינלעך האָסטו געטראָפן אויפן ריכטיקן אדרעס. דאָס דאָזיקע פּאַרפאַלק האָט א סך גוטע פריינט אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. אויפן דאָזיקן געביט אָריענטירסטו זיך אַביסל?"

אלי האָט איבערגעפרעגט:

„אין דער טעקסטיל־בראנזשע?..."

פון יענער זייט האָט מען געענטפערט:

„יאָ, טעקסטיל, עס איז כדאי זאָלסט זיך אביסל צולערנען אויפן דאָזיקן געביט. עס איז גאנץ מעגלעך, אז די שמועסן זאָלן ארויף אויף דער טעקסטיל־טעמע... ווי אזוי וועסטו אויסזען, ווען דו וועסט נישט האָבן די מינדעסטע אנונג?"

אלי האָט ענדלעך פארשטאַנען אין וואָס עס גייט און זיך צע־לאכט:

„נאָך גוט, וואָס איך בין נישט ארייַנגעפאלן צו א משפחה פון דאָקטוירים. דאן וואָלט איך זיך געדארפט אויסלערנען מעדיצין אין משך פון צוויי טעג".

דער גרויסער נסיון

אומקערנדיק זיך פון דער מסיבה אין האָטעל האָט אויף אים אין זיין האָטעל־צימער געווארט שוין א דרינגענדיקע מעלדונג, ער זאָל זיך גלייך פארבינדן מיטן ביורא. ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל און געפּאָדערט אַן אויסערלעכע ליניע. געווארט א רגע ביז ער האָט געהערט ווי די טעלעפאָניסטין האָט איינגעשלאָסן דעם אפּאראט, וואָס רייסט איבער יעדע זייטיקע פארבינדונג.

ער האָט אָנגעדרייט דעם נומער פון ביוראָ און געווארט ביז פון דער צווייטער זייט האָט זיך דערהערט די שטים פונעם באָס:

„ווו ביזטו געווען ביז אזוי שפּעט? שוין צוויי שעה ווי איך זוך דיך ארום".

אלין איז שווער געווען צו פארשטיין וואָס ער מיינט. ער האָט דאָך געוווסט, אז ער איז געגאנגען אויף דער מסיבה צו די טעקס־טילניקעס און האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן אינמיטן דער מסי־בה און אנטלויפן.

עס איז אים נישט געווען קלאָר, צי דער באָס איז געווען צו־פרידן פון זיין ענטפער. יענער האָט געזאָגט:

„גוט, זאָל זיין אַזוי, אָבער איצט גייסטו נישט שלאָפן, נאָר מוזט זיך שוין לאָזן אין וועג אריין".

אלי כהן

אליס בליק איז געפאַלן אויפן זייגערל און אַ רגע זיך גע־וואקלט, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז יצחק מיינט דאָס נישט ערנסט. ווי אַן זיין ווילן האָט זיך פון אים ארויסגעריסן:

„דו ווייסט ווי שפעט עס איז איצט?"

יצחקס שטים האָט געקלונגען הארט: „איך ווייס גענוי די שעה. וואָלסטו געקומען מיט א צוויי שעה פריער, וואָלסטו געקענט כאַפּן א דרימל אינעם אויטאָ. אָבער איצט איז צו שפעט און איך האָב דיך געהייסן ברענגען מיט אַן עראָפּלאַן".

אלי האָט קוים איינגעהאלטן דאָס געשריי פון איבעראַשונג און בלויז געפרעגט:

„וואָס איז די בהלה?"

„דו פרעג בעסער נישט קיין שאלות — האָט יצחק געענטפערט — ביים טויער פון האָטעל וואַרט אויף דיר אַן אויטאָ, וואָס וועט דיך נעמען צום פלי־פּלאַץ. דער שאָפער איז אַנגעטאָן אין א שוואַר־צן בערעט, אַן אונדזעריקער... לאָז אים נישט וואַרטן דאָרט. דאָס ירושלימער וועטער וועט אים נאָך צופירן... גיי שוין ארויס פון שטוב".

די פאַרבינדונג מיטן ביורא האָט זיך האסטיק איבערגעריסן, אָבער אלי איז נאָך א ווײַלע געשטאַנען א צעטומלטער. ביז ער האָט אוועקגעלייגט דאָס טרייבל. באַלד האָט ער אָנגעטאָן זיך דעם מאַנטל און אַרײַנגעגאַנגען.

דער אויטאָ האָט אים אָפּגעפירט צום פלי־פּלאַץ, ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט א צוויי־פּערזאָניקער עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך ביי אליס אַרײַנזעצן, גלייך אַ ריס געטאָן זיך צו די פאַרוואָלקנטע הימלען.

אַ ווײַלע האָט מען נאָך געזען די ליכטער פון ירושלים, אָבער באַלד זענען זיי פאַרשוווּנדן. דער עראָפּלאַן איז געפלויגן איבער די יהודה־בערג, האָט דורכגעשניטן דעם טאָל אויפן ברעג און נישט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווו צו לאַנדן.

אלי האָט זיך דעצידירט צו פרעגן דעם פליער וווּהין זיי פליען.

דער פליער האָט אים העפלעך אויפגעקלערט:

„קיין חיפה".

אויף אליס פאַרוווּנדערונג האָט ער צוגעגעבן:

„אַזאַ אינסטרוקציע האָב איך באַקומען... אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן מיר דאָרט זיין".

„ווו איז דאָ אין חיפה אַ פלי־פּלאַץ?"

„פאַראַן אַ פלי־פּלאַץ נישט ווייט פון שטאָט. זאָרגט זיך נישט. חברה וועט שוין דאָרט זאָרגן, אַז איר זאָלט האָבן מיט וואָס אַרײַנצופאָרן קיין חיפה"...

לעבעדיקער רײַשטאָף פאַר אויספאָרשער

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט ווילערישער פאַרשטענדעניש. די מחשבות האָבן ווידער גענומען ראַיען אין גרויס כאָאָס. ווער ווייסט, וואָס מען גרייט דאָרט ווידער פאַר אים?! אָבער פון מידקייט האָבן זיך די אויגן ביי אים גענומען פאַרמאַכן און דער מוח האָט אויפגעהערט צו טראַכטן. שוין איבער פערציק מינוט ווי זיי פליען. דאָס ברומען פון די מאָטאָרן פאַרטויבט די געדאַנקען.

ערשט נאָך אַ שעה האָט מען דערזען אויפן האָריזאָנט די טויזנטער ליכטער פון חיפה. באַלד האָט דער קליינער עראָפּלאַן געמאַכט אַ שאַרפע ווענדונג און זיך גענומען לייכט אַראָפּלאָזן אויף רעכטס פונעם פלי־פּלאַץ. אַנשטאָט דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון מאָטאָר האָט זיך איצט געהערט אַ מין יאָמערן, וואָס האָט געריסן די נערוון. די רעדער פון עראָפּלאַן האָבן מיט אַ לייכטן קלאַפּ אַנגערירט די ערד און באַלד האָט דער עראָפּלאַן זיך אויסגעגלייכט און לאַנגזאַם אַרײַנגעגליטשט זיך אין אַן אַנגאַר־גאַראַזש.

די טיר פון עראָפּלאַן האָט זיך געעפנט און אלי האָט געזען שפּאַנען אין זיין ריכטונג צוויי מענער אין רעגן־מאַנטלען און טובקעלע הוטן.

זיי זענען געווען פריינטלעך, האָבן וואַרעם געדריקט אליס האַנט, זאָגנדיק דערביי:

„קום מיט אונדז".

אויף אליס האַסטיקער פראַגע, וווהין זיי פירן אים, איז די שטים פון איינעם געוואָרן סודותדיק:

„קום, וועסט זען".

ביים אַרײַנגאַנג אין פלי־פּלאַץ האָט געוואַרט אויף זיי אַן אויטאָ. איינער פון די צוויי פאַרשוויגען האָט געעפנט דאָס טירל און אלין כמעט אַרײַנגעשטופּט אינעווייניק.

אין דער זעלבער סעקונדע האָט די מאַשין זיך אַ גליטש געטאָן און גענומען גאַלאָפּירן אין דער ריכטונג פון חיפה. אלי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך און אין אַ גוטמוטיקן טאָן געזאָגט:

„ווען כ׳וואָלט נישט געוווּסט ווער איר זענט, וואָלט איך געגלויבט, אַז איר פירט מיך אין דער דאַמון־תפיסה״.

דער פאַרשוין, וואָס איז נעבן אים געזעסן, האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ שטרענגן, שטראָפעדישן בליק: „פאַרמאַך בעסער דאָס מויל. דאָס איז דיר נישט קיין שפּיל...״

אלי האָט געשמייכלט:

„צווישן זיך גערעדט, געפעלט מיר דאָס עסק״.

דער שאָפער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אין שפּיגל און שאַרף דורכגעצישעט צווישן די ציין:

„מען וועט זען וואָס דו וועסט זאָגן מאָרגן, נאָכן דורכגיין די ספּעציעלע אויספאָרשונג. טאַקע אין דער תפיסה, וואָס דו האָסט נאָרוואַס דערמאָנט״.

אלי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האָט געפילט ווי דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ אַ ווײַלע און שוין גאָרנישט האָפעדיק האָט ער געפרעגט:

„וואָס איז דאָס? וואָס מיינט איר דערמיט? וווהין פירט איר מיך?״

יענער האָט געשוויגן, נאָר דער פאַרשוין, וואָס איז געזעסן נעבן אים, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל און דערביי געזאָגט:

„בעסער, אַז דו ווייסט אַביסל ווייניקער... דאָס העלפט אויסשמידן אַ שטאַרקן כאַראַקטער״.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל אַמעריקאַנער פאַפּיראָסן און מכבד געווען אלין. נעמענדיק דעם פאַפּיראָס האָט אלי געפרעגט:

„און איר רויכערט נישט?״

אין זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען פאַרדאַכט. יענער האָט עס אַרויסגעפילט און געענטפערט ערנסט:

„וואַרטנדיק אויף אייך האָב איך אויסגערויכערט צוויי פעקלע־פאַפּיראָסן. עס האָט מיר אַזש פאַרברענט דעם האַלדז״.

ער האָט אָנגעצונדן אלין דעם פאַפּיראָס און מיטן מאַטעז, וואָס אלי האָט זיך פאַרצויגן, איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ טיפער שלאָף... ער האָט נישט געוווּסט, אַז אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרלוירן זיין פריערדיקן „איך״ און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט בלויז אַ לעבעדיקן רוישטאָף פאַר זיינע אויספאָרשער...

אונדזער מענטש אין דמשק

פּראָבע פון פּייניקונגען

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער קוים באַנומען ווו ער געפינט זיך, דערפילט אויף זיך אַ שטאַרק ליכט, וואָס האָט נאָך מער געבלענדט צוליב די ווייס־געקאַלכטע ווענט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני און גענומען קריכן צו דער קרוג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרטריקנט און די אויגן זענען שיעור נישט אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. אָבער מיטן מאָמענט ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט עמעץ אַ קאָפּע געטאָן מיטן פוס די קרוג און דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד.

נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו קומען צו זיך האָט ער דער־הערט איבער זיך אַ שטים, וואָס האָט אים באַגריסט און אָנגערופן מיטן נאָמען אַלבערט. אלי האָט דערזען פאַר זיך אַ שאָטנדיקע געשטאַלט, וואָס האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט קוים אַרויסגעקרעכצט פון זיך:

„וואָס טו איך דאָ?"

אַ שטרענגע שטימע האָט גערעדט:

„דיך האָבן אַהערגעברענגט די מענטשן פון קאָנטר־שפּיאָנאַזש. איך גלויב נישט, אַז דו זאָלסט זיך פון דאַנען קענען אַרויסקריגן איידער דו וועסט דערציילן דעם גאַנצן אמת, פאַר ווען דו אַר־בעטסט און וואָס פאַר אַן אויפגאַבע דו האָסט געדאַרפט אויספירן אין ירושלים".

אלי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, אָבער אין מויל איז אים געווען מוראדיק טרוקן און די צעשפּאָלטענע ליפּן האָבן געברענט. דאָך האָט ער געפּרוווט שמייכלען:

„ווי מיינט איר, מיין הער, צי איז מעגלעך, אַז איך זאָל פריער אויסטרינקען אַ גלאָז וואַסער איידער איר הייבט אָן די אויספאָר־שונג?"

איבערן אויספאָרשערס פּנים האָט דורכגעציטערט אַ גרימאַסע:

„דו פּרווו נישט חכמהנען זיך. מיר האָבן באקומען אן אויפגאבע דיך צו פארכאפּן און ארויסצוקריגן פון דיר אלץ, וואָס דו האָסט אונטערגענומען צו טאָן. מיר ווייסן, אז דו ביסט א מצרישער סוחר, וואָס איז געקומען פון דרום־אפריקע מכלומרשט אויף א באזוך אין לאנד. פאר אונדז איז קלאָר, אז דו ביזט אויף א פאלשן פּאס־פּאָרט. מיר האָבן דיר נאָכגעשפּירט פון דער ערשטער מינוט אָן,

אלי כהן

וואָס דו ביזט אויסגעשטיגן פון דער טעקסי אין ירושלים... מיר האָבן געננוג מיטלען ארויסצוקריגן פון דיר אלץ, וואָס עס איז נויטיק".

אלי האָט מיט דער צונג באנעצט זיך די ליפן און אין א רעזיג־נירטן טאָן געפרעגט:

„וואָס ווילט איר וויסן?"

„ווער האָט דיך געשיקט קיין ירושלים?"

„איך בין געקומען פון אייגענעם ווילן... קיינער האָט מיך נישט געשיקט".

„אלס טוריסט?"

„אלס טוריסט".

„מיט א געפעלשטן פאספאָרט?"

„דאָס איז מיין פאספאָרט. אזוי הייס איך ווי עס איז דאָרט אָנגעגעבן".

„דו זאָגסט ליגן. דו האָסט באקומען דעם פאספאָרט ערשט נישט לאנג צוזאמען מיט דער אויפגאבע אָנצוקניפן פארבינדונגען מיט געוויסע מענטשן אין ירושלים און מיט זייער הילף דורכפירן שפּיאָנאזש־אויפגאבן".

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

„איר האָט א טעות, מיינע הערן".

„מיר זענען זיך קיינמאָל נישט טועה... באלד וועלן מיר זען ווער עס האָט א טעות".

דער אויספאָרשער איז ארויסגעגאנגען פון תפיסה־קאמער און האָט זיך נאָך א ווײַלע אומגעקערט צוזאמען מיט נאָך א פארשוין און אין זיין קעגנווארט באפוילן, אז מען זאָל אלין ארייַנפירן אין באָדצימער און מאכן א „הייסע באָד".

יענער האָט ברוטאל אָנגעכאפּט אלין פארן קאָלנער און אוועקגעפירט אין באָדצימער, געהייסן אים אויסטאָן. אלי האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן די מלבושים און געבליבן שטיין אין די בלויזע אונטערוועש. עס האָט א דונער געטון איבער זיין אויער:

„ארייַן אין וואסער!"

אין משך פון זעקס מינוט האָבן ביי אלין אזש געקלאפּט די ציינער פון קעלט. זיין קערפּער האָט געענדערט די קאָלירן, אָט בלוי און אָט ווייס און די אויגן זענען שיעור נישט אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. אין דער זעלבער צייט האָט געדונערט איין פראגע נאָך דער אנדערער:

„זאָג דיין אמתן נאָמען״.

„אלבערט״ — האָט אלי ארויסגערעדט צווישן די ציטערנדיקע ציין.

דער אויספאָרשער האָט נישט אָפּגעלאָזט:

„דו פארשווענדסט אומזיסט די צייט. מאקסימום וועסטו אויס־האַלטן נאָך דריי מינוט... דו קאָנסט זיך עס איינשפּאָרן, ווען דו וועסט ענדלעך נעמען רעדן״.

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„מיין נאָמען איז אלבערט. איך האָב קיינמאָל אנדערש נישט געהייסן״.

איינער פון די פּייניקער איז צוגעגאנגען צום אויספאָרשער און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. יענער האָט גלייך געהייסן אים ארויסנעמען פונעם וואסער צוגעבנדיק:

„ער קען אַ ליאדע מינוט ווערן א שטיק אייז... דערצו האָבן מיר נאָך צייט״.

צוויי געזונטע יונגען זענען צוגעלאָפן צו אים און אים ארויס־געשלעפּט פון דעם אייז־קאלטן וואסער, געמאכט אים א מאסאזש ביז דאָס בלוט האָט ווידער גענומען שטראָמען אין זיין קערפּער.

זיי האָבן אים געלאָזט אָפּרוען צוויי שעה און דערנאָך ווידער געפירט אין א צווייטער אויספאָרשונגס־צעלע. דאָרט האָט עס אומדערטרעגלעך געשטונקען מיט צואה און אורין. דער אויס־פאָרשער האָט אים זאכלעך אויפגעקלערט:

„עס האָט נאָך נישט פּאסירט, אז עמעץ זאָל דאָ אויסהאלטן מער ווי א האלבע שעה. סוף־כל־סוף נעמט יעדער רעדן. דו דארפסט עס פארשטיין״.

ווידער האָט גענומען אויף אים רעגענען מיט פראגן. איינע נאָך די אנדערע, אין די צענדליקער. אָליס ענטפערס זענען געווען שוואכע און פארנעפּלטע, אָבער האָבן נישט אריינגעברענגט קיין שום נייעס. אלי האָט זיך געהאלטן ביי זיין ערשטער ווערסיע.

נאָך א האלבער שעה איז ער שוין ווירקלעך געווען נאָענט צום פארלירן דעם באוווסטזיין, אָבער זיין מוח האָט נאָך אלץ גע־ארבעט. די אויספאָרשונג האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאכט און שפּעטער א גאנצן מעת־לעת.

לסוף האָט מען אים געמאכט אן איינשפּריצונג און ער האָט אפילו נישט געפילט ווי מען האָט אים צוריק אָפּגעפירט אין זיין האָטעל־צימער.

אלי כהן

געפעלשטע אינסטרוקציע...

ווען ער האָט זיך ענדלעך אויפגעכאפּט, האָט ער קוים געקענט עפענען די אויגן. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער איז נאָך עטלעכע מינוט געלעגן אין בעט און נישט געקענט קיין ריר טאָן מיט קיין אבר.

ביסלעכווייז האָט ער געגומען קומען צו זיך, האָט זיך ארומגעקוקט און מיט פארוואונדערונג געזען, אז ער געפינט זיך אין זיין האָטעל־צימער, ווו אלץ ליגט אויף זיין פריערדיקן אָרט. קיין שום זאך איז נישט גערירט, ווי קיינער חוץ אים וואָלט דאָ אויף קיין מינוט נישט אריינגעקומען. דאָס אלץ וואָס ער האָט דורכגעמאכט האָט זיך ארויסגעוויזן ווי א שווערער קאָשמאר.

ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן, אַריינגעשטעקט די פיס אין די שטעק־שיך און אין האַלב־צעטומלעניש געגומען אַרומגיין איבערן צימער, געזוכט אויף וואָס אָפּצושטעלן זיין בליק. באַלד האָט ער באַמערקט ווי אונטער דער טיר, אויף דער שוועל, ליגט אַ בריוו, וואָס מען האָט אַריינגעשטופּט דורך אַ שפּאַלט. אַ ווייל איז ער געשטאַנען מיט דעם בריוו אין דער האַנט, געלעקט די ליפּן מיט דער צונג און ענדלעך אויפגעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לייענען:

„אַ, טייערער,

אין משך פון די צוואָנציק שעה האָב איך אריינגעטראכט ווו דו האָסט געקאָנט פאַרשווינדן. לויט מיין מיינונג ביזטו פארכאפּט געוואָרן דורך דער צווייטער אָפּטיילונג, איבער וועלכער איך האָב נישט קיין שום שליטה. כ׳האָף, אז דו האָסט זיי גאָרנישט דערציילט. אונדזער מענטש, וואָס האָט אויף דיר געוואַרט האָט באַקומען א געפעלשטע אינסטרוקציע אָפּצופירן דיך אויפן פלי־פלאַץ און מיר האָבן דערפאַר פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט דיר. איך מיין, אז דו פילסט זיך איצט בעסער. כ׳וואַרט אויף דיר מאָרגן אין מיין ביוראָ.

י״.

דער בריוו האָט אלין שטאַרק אַנטוישט. יצחק מאַכט פון אים חוזק און שפּילט מיט אים אַ דאָפּלט־שפּיל. מעגלעך, אַז עס דאַרף אַזוי זיין, אפשר איז עס א טייל פונעם עקזאַמען, אָבער דער אופן געפעלט אים נישט.

ער האָט נאָך אַלץ אין די געדאַנקען געשוועבט אין דער לופטן

צווישן פֿאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט, ערשט דער טעלעפֿאָן האָט אים איבערגעריסן זיינע טראַכטענישן. ער האָט מעכאַניש אויסגע־שטרעקט די האַנט און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

אויף זיין פֿאַרשלאָפֿענעם „האַלאָ" האָט אים קיינער נישט געענטפֿערט. אלי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן זיך דערוויסן צי ער איז שוין וואַך. באַלד וועט מסתמא עמעץ קומען, ווידער אויף עפּעס אַ וויכטיקן שמועס. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, זיך שוואַך אָפּראַזירט און געבעטן דעם קעלנער אַרויפֿברענגען אים דאָס פֿרישטיק אין צימער אַריין.

געבוירן א טאכטער

נאָך די צען טעג זיין אין ירושלים האָט זיך אלי אומגעקערט קיין תל־אביב, געמאָלדן זיך אין „צענטער". דאָרט איז מען געווען זייער צופֿרידן פֿון אים, אפילו שטאָלצירט. יצחק האָט געזאָגט מיט צופֿרידנקייט:

„דו האָסט דיין אויפֿגאַבע אויסגעפֿירט ווי אַמבעסטן. איך מיין, אַז איינגיכן וועסטו קענען אָנהייבן די ממשותדיקע אַרבעט. דער־ווייל באַקומסטו אַ צען־טאָגיקן אורלויב".

אלי איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען פֿון פֿרייד. אָבער יצחק האָט אים אָפּגעקילט:

„וואָס איז דען צען טעג? אָט איז דיר ערשט איצט געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, די מינוט"...

אלי האָט קוים באַוויזן אַ וואָרף צו טאָן אַ דאַנק און איז גיך אַרויסגעלאָפֿן.

אויפֿן וועג אַהיים האָט ער געקויפֿט עטלעכע שפּילצייג און אַ שיינע מתנה פֿאַרן ווייב. צו זיין גליק איז נישט געווען קיין גרענעץ. די וועלט האָט מיטאַמאָל גענומען זיך אים אויסווייזן אַזוי וווּנדערבאַר שיין.

נאַדיען האָט ער געטראָפֿן אַ פֿאַרנומענע מיט דעם פּראָבלעם, וואָס פֿאַראַ נאָמען צו געבן דער ניי־געבוירענער טאָכטער. אלי האָט אַ רגע געטראַכט און געזאָגט:

„די מאַמע וועט זיך זיכער פֿרייען אויב מיר וועלן דאָס קינד אָנרופֿן מיט איר נאָמען".

נאַדיעס ליפּן האָבן געפּליסטערט:

„סופי, סופי כהן, ווי שיין דאָס קלינגט".

ביים אַוועקגיין האָט איר אלי אַ קוש געטאָן און איר אָנגעזאָגט די פריידיקע בשורה, אַז ער באַקומט אַ צען־טאָגיקן אורלויב.

דעם זעלבן טאָג, מיטאָגצייט, האָט מען אלין ווידער גערופן צו יצחקן אין ביוראָ. דאָרט האָט ער געטראָפן נאָך מענטשן און געזען ווי זיי קוקן אויף אים מיט פאַרערונג. יצחק האָט אים געבעטן זיצן און גלייך צוגעטרעטן צום ענין:

„מיר האָבן דיך איינגעלאַדן אויף אַ שמועס, דערציילן דיר עטוואָס פון אונדזערע פּלענער... פאַרשטייסט דאָך אוודאי, אַז מיר האָבן אַריינגעלייגט אין דיר אַזוי פיל צייט און געלט נישט סתם צו מאַכן פון דיר עפּעס אַ צווייטראַנגיקן אינפאָרמאַטאָר. מיר... די מדינה לייגט אויף דיר גרויסע האָפענונגען".

דער עיקר, וואָס מען האָט אים אין דאָזיקן שמועס אַנטפּלעקט, איז געווען דאָס, אַז ער וועט דאַרפן זיך צוגעוווינען צו ווערן אַ מוסולמענער. יצחק האָט געזאָגט:

„דאָס איז זייער אַ סך... געוויין זיך צו טראַכטן ווי עס טראַכט אַ גוטער און פרומער מאַכמעדאַנער, פיר זיך אויף אַזוי ווי אַ פרומער אַראַבער. אַלדאָס איבעריקע וועט שוין קומען מיט דער צייט".

אליס פּנים איז געווען זייער ערנסט און פאַרטראַכט. ענדלעך, נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ער זיך אָנגערופן:

„מיינט איר, אַז איך וועל עס באַווייזן? האָב איך טאַקע גענוג פעאיקייטן צו קענען פאַרמאַסקירן זיך פאַר אַ מוסולמענער?"

יצחק האָט אויף אים לאַנג געקוקט מיט זיין דורכדרינגענדיקן בליק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צום סאַמע ערלעכסטן ענטפער, וואָס ער דאַרף אים געבן אויף זיין באַשיידענער פראַגע. זיין שטים איז געקומען ווי פון דער טיף:

כ'פאַרשטיי דיך אויסגעצייכנט. דאָס איז נישט גרינג, אָבער לאָמיר נעמען אויסערלעך, רופסטו נישט אַרויס קיין שום באַוואָרעניש. דו זעסט אויס ווי אַן אמתער מוסולמענער, כאָטש כ'ווייס, אַז דו קענסט לגמרי נישט דעם קאָראַן און דו ווייסט זייער ווייניק וועגן מוכאַמעדן... זיכער וועסטו דאַרפן זיך אַביסל צולערנען, אָבער דו דאַרפסט געדענקען דעם כלל, אַז אויב מען וועט דיר אַמאָל שטעלן פראַגן אויף דער טעמע פון רעליגיע און דו וועסט זיך נישט פילן אינגאַנצן זיכער, דריי זיך אַרויס פון אַן ענטפער און זאָג בעסער, אַז דו ביסט נישט קיין פרומער, געדענקסט עפּעס

פון דער שול, פון דער היים, אָבער עס אינטערעסירט דיך נישט שטאַרק״.

אַ ווײַלע זענען בײדע געזעסן שווײַגנדיק. יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זײַנע מחשבות. מיטאַמאָל האָבן אין די ווינקלען פון יצחקס מויל זיך באַוויזן שמייכלען. ער האָט געזאָגט:

„דערווײַל איז נאָך צו פרי צו טראַכטן וועגן דעם. מיר האָבן נישט בדעה דיך גלײַך אַרײַנצוװאַרפן אינעם לייבן־גרוב... דו וועסט נאָך פריער דאַרפן דורכגיין קאַלטס און וואַרעמס אין עפּעס אַ נייטראַל לאַנד, ווו עס לעבן אַראַבער, אין אַ באַזונדערער קאָלאָניע. ווי מיינסטו, וועסט זיך אַן עצה געבן?״

אלי האָט געשמייכלט:

„כ׳האָב דען אַ ברירה? קען איך זיך נאָך צוריקציען?״

יצחק האָט אָנגעהויבן אַרויסלייגן פאַר אים זײַן פּלאַן:

„הער זיך צו: אַזוי ווי דו גייסט אַרויס פון דאַנען, הויבן מיר שוין אָן צוגרייטן פאַר דיר דאָקומענטן אַלס איראַקער אָדער סיריער. דו וועסט זיי באַקומען דורך אַ ספּעציעלן מענטש, ווען עס וועט קומען די צײַט״...

אין דער שטילקייט האָט אלי געהערט דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. ער האָט שטיל געפרעגט:

„פאַרוואָס עפּעס איראַק? איך קען זיי אַזוי ווייניק. צי וואָלט נישט מעגלעך געווען מיך אַרויסצושיקן בעסער קיין מצרים? דאָרט אָריענטיר איך זיך אַזוי אויסגעצייכנט״.

יצחק האָט אָפּגעזיפצט, אָנגעצונדן זיך אַ פּאַפּיראָס און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אין דער ברייט געענטפערט:

„דאָס איז אוממעגלעך. די מצרים פירן אַ גענויע קאַרטאָטעקע פון אַלע אײַנוווינער און פאַרעגיסטרירן יעדן פּאַספּאָרט, וואָס זיי גיבן אַרויס. דאָס איז אַ צו גרויסע ריזיקע און מען קען לײַכט דורכפאַלן. עפּעס אַנדערש איז איראַק, אָדער סיריע. דאָרט הערשט אַ פולשטענדיקער כאַאָס אויפן געביט פון רעגיסטראַציע. זיי ווייסן קיינמאָל נישט ווען זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּאַספּאָרט און ווען נישט״.

אליס סירישער יחוס

סוף דעצעמבער 1960 זענען שוין די צוגרייטונגען אַרײַנצופירן אלין אין דער ממשותדיקער אַרבעט געווען אין פולן גאַנג. אַלס

אלי כהן

שפּיאָן אין אַן אַראַביש לאַנד, איז שוין געווען פּאַר אַלע קלאָר, אַז אלי איז דער סאַמע פּאַסיקסטער און פּעאיקסטער. מען האָט אים אָבער נישט געוואָלט שיקן סתם אַזוי, גלייך אין דעם באַשטימטן לאַנד, און מען האָט דערפאַר באַשלאָסן אַריינצופירן אים פריער אין אַ נייטראַל לאַנד, ווו ער זאָל קענען קומען אין קאָנטאַקט מיט די מענטשן, מיט וועלכע ער וועט דאַרפן זיך איינלעבן, באַקענען גוט זייערע מנהגים, זייערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און די דינסטע פאַרבאַרגענישן פון זייער שפּראַך.

אין איינעם אַ טאָג האָט אים יצחק געזאָגט:

„פון היינט־אָן וועסטו הייסן קאַמעל און דיין פּאָטערס נאָמען וועט זיין אַמין טאַבעט, דיין מוטער — סעאידאַ איבראַהים און דו דאַרפסט זיך איינחזרן דיין ביאָגראַפיע: דו ביסט געבוירן אין ביירוט. ווען דו ביזט אַלט געוואָרן 3 יאָר, איז דיין משפחה אַוועק פון לבנון קיין מצרים, געוווינט אין אַלעקסאַנדריע. נעם עס דיר גוט אין זכרון. דו ביסט פון אַ סירישער משפחה. נאָך אַ יאָר איז געשטאָרבן דיין שוועסטער. דיין פּאָטער איז געווען אַ טעקסטיל־סוחר. אין יאָר 1946 האָט אייער פּאָטער עמיגרירט קיין אַרגענטינע און אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ער געשריבן צו אייך אַ בריוו און פאַרגעשלאָגן אייך, איר זאָלט קומען צו אים צו פאָרן. אין יאָר 1947 ביסטו צוזאַמען מיט דער משפחה געקומען קיין אַרגענטינע. דיין פּאָטער און פּעטער האָבן צוזאַמען מיט נאָך איינעם געמאַכט אַ שותפות־געשעפט אין דער טעקסטיל־בראַנזשע אין בוענאָס־איירעס. דאָס געשעפט איז אָבער נישט געגאַנגען און האָט באַנקראָטירט. דיין פּאָטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1956. אין אַ האַלב יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן דיין מאַמע. דו ביסט געבליבן וווינען ביי דיין פּעטער. האָסט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין אַ רייזע־ביוראָ, דערנאָך ביזטו געוואָרן זעלבשטענדיק, אַ ביזנעסמאַן. פאַרשטייט זיך, אַז דו האָסט געהאַט דערפאַלג".

די גאַנצע צייט, וואָס יצחק האָט גערעדט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו אָבסערווירן אליס יעדע באַוועגונג. ער האָט פון זיין פּנים אַרויסגעלייענט פאַרשטענדעניש און הסכמה און ער האָט פאַרגעזעצט:

„איידער דו וועסט אַרויספאָרן פון דאַנען, וועסטו דאַרפן צו־גרייטן דיין משפחה, פּסיכיש, צו דיין נסיעה. טראַכט וועגן עפּעס אַן איבערצייגנדיקער אויפקלערונג. קענסט זאָגן, אַז מען שיקט דיך אין אַ שליחות פון זיכערהייטס־מיניסטעריום איינצוקויפן אין אויס־

לאַנד אויסשטאַטונג. אָדער אפשר האָסטו עפּעס אַן אַנדערן תּירוץ, וואָס זאָל נישט אַרויסרופן קיין שום פאַרדאַכט און זאָל איבערצייגן, אַז דיין שליחות איז זייער אַ וויכטיקע און מען דאַרף וועגן איר נישט רעדן. קענסט זאָגן, אַז מען האָט דיר פאַרזיכערט צו געבן פון צייט צו צייט אורלויב, דו זאָלסט קענען אַהיימקומען. וועגן אויסהאַלטן זיי וועלן מיר שוין זאָרגן".

נאָכן פאַרענדיקן דעם שמועס האָט אלי שוין געוואָלט אַוועק־גיין. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט יצחק אים אַ רוף געטאָן:

„קאַמעל, גיב נאָר אַ קוק".

אלי האָט זיך מעכאַניש אויסגעדרייט.

„אויסגעצייכנט — האָט יצחק געזאָגט אַ צופרידענער — באמת גוט, כ'פריי זיך, אַז דו טראַכסט שוין ווי אַן אַראַבער... איצט דאַרפסטו נאָר זיך לאָזן וואַקסן וואָנסעס".

אין שטוב האָט אלי אָנגעזאָגט נאַדיען די בשורה, אַז ער האָט באַקומען אַ נייעם פּאָסטן אין אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט, וואָס קויפט איין פאַרשידענע זאַכן פאַרן זיכערהייטס־מיניסטעריום און פאַרן אויסערן־מיניסטעריום. זיי דאַרפן האָבן אַ מענטש, וואָס זאָל אַרויספאָרן קיין אייראָפּע. ער האָט צוגעגעבן:

„מען זאָגט מיר צו, אַז איך וועל באַקומען אורלויב און אָפט קענען אַהיימקומען".

נאַדיע האָט געשוויגן און אלי האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין איר האַרצן. ער האָט גערעדט צו איר ווייך, מיט פאָטערלעכער פאַרשטענדעניש:

„כ'ווייס, נאַדיע, אַז דיר איז שווער. אָבער דאָס וועט נישט לאַנג דויערן. דו וועסט דאָ באַקומען מיין גאַנץ געהאַלט און ווען איך וועל זיך אומקערן, וועלן מיר זיך שוין בעסער איינ־אָרדענען".

נאַדיע האָט געפרעגט:

„וואָס וועט זיין מיטן קינד? עס דאַרף דאָך האָבן אַ טאַטן".

אלי איז געווען צוגעגרייט צו דער דאָזיקער פראַגע און דאָך האָט ער איצט דערפילט אַ שאַרפן קורטש אין האַרץ. ער האָט געזאָגט:

„כ'ווייס עס, נאַדיע. אָבער איצט נויטיקט זי זיך מער אין אַ מאַמען. שפּעטער וועל איך אויך נישט אָפּטרעטן פון איר. מיר וועלן זיין אַלע צוזאַמען".

נאַדיע האָט אים געפרעגט, צי ער האָט וועגן דעם דערציילט זיין ברודער און דערנאָך האָבן זיי ווידער גערעדט וועגן דעם ניי־געבוירענעם קינד. פון נאַדיעס אויגן זענען גערונען טרערן. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און ער האָט געגלעט אירע שווארצע האָר, אויסגעקושט אירע טרערן, דאָס גאַנצע פּנים, מורמלענדיק:

„וועסט זען, דאָס וועט נישט לאַנג דויערן. עס וועלן דורך עטלעכע חדשים און איך וועל ווידער זיין מיט דיר און שוין מער קיינמאָל נישט אָוועקפאָרן פון דיר".

וואנסעס — א סגולה צו האבן א זון

שבת איז זיך די גאַנצע משפּחה צונויפגעקומען, אַלע ברידער זענען געווען ביים טיש. די קינדער און אַלע אַנדערע משפּחה־מיטגלידער האָבן אַרומגעשטיפט, לוסטיקע, פול מיט לעבנס־פרייד. אלי איז ווי זיין שטייגער געזעסן אויבנאָן. ביים טיש האָט מען געזונגען זמירות, פאַרשידענע פּיוטים.

אַ ביסל שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן וואָכעדיקע זאַכן, האָט אלי דערציילט, פאַרוואָס ער האָט זיי איינגעלאַדן. אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיטן זיכערהייטס־מיניסטער־יום, האָט ער אין אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג באַקומען אַ פּאָסטן אַלס אַגענט, וואָס דאַרף איינקויפן אין אויסלאַנד פאַרשידענע מכשירים, וואָס זענען נויטיק פאַרן מיליטער. ער וועט דאָרט זיין אַ געוויסע צייט, אָנקניפּן פאַרבינדונגען און ווען אַלץ וועט שוין זיין איינגעאָרדנט, וועט ער זיך אומקערן קיין ישראל און אַרבעטן דאָ אין דער זעלבער אונטערנעמונג. זיי צאָלן גוט.

איינער פון די ברידער האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

„צי וועסטו אין אויסלאַנד אַנגיין פאַר אַן אנדערן?"

אלי איז בלאַס געוואָרן:

„פאַרוואָס, מאָריס, פרעגסטו דאָס?"

מאָריס האָט מיט אַ כיטרע פייערל אין די אויגן געזאָגט:

„ווייל כ'זע, אַז דו לאָזט זיך וואַקסן וואַנסעס".

אלי איז שוין געווען צוריק באַהערשט און מכלומרשט גלייכגילטיק געזאָגט:

„וואָס, ס'פּאַסט מיר נישט?"

„המם... זאָגן דיר דעם אמת, פּאַסט עס דיר דווקא זייער, אָבער דו אַליין האָסט אונדז קיינמאָל נישט געלאָזט, אַז מיר זאָלן זיך איבערלאָזן וואַנסעס... געדענקסט, ווי דו האָסט שטענדיק געשריגן, מיר זאָלן אַראָפּנעמען דעם שמוץ פונעם פּנים?"

אלי האָט געלאַכט:

„ריכטיק. אָבער זינט דעמאָלט האָב איך שוין לאַנג געענדערט מיין מיינונג... כ'דערמאָן זיך, דער טאַטע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז וואַנסעס גיבן צו אַ מאַן ערנסטקייט, חשיבות... איידער איך האָב געהאַט די וואַנסעס האָט מיר נאַדיע געבוירן אַ טאָכטער. איצט וויל איך אַ זון, דאַרף איך אויסזען מענערישער".

אליס ענטפער האָט אויסגעזען איבערצייגן די ברידער און דער שמועס איז איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדערער טעמע. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט דער קליינינקער סופי.

די שטילע תפילה אין הארצן

אליס נסיעה האָט זיך פאַרהאַלטן ביזן אָנהויב חודש פעברואר. די צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן דורך די אָפיציעלע קאַ־נאַלן, כדי נישט ארויסצורופן קיין איבעריקע פאַרדאַכטן. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, האָט מען אַלין אַרויסגערופן און אי־בערגעגעבן די לעצטע אָנווייזונגען.

„מאָרגן פאָרסטו ארויס קיין אייראָפּע — האָט אים יצחק איבערגעגעבן — דו פליסט דירעקט. איך ווינטש דיר דערפאָלג".

ביידע האָבן זיך וואַרעם געזעגנט, איינגעהאַלטן די סענטימענ־טאַלע אויסגוסן, וואָס האָבן זיך געריסן פון די דאָזיקע פאַרהאַר־טעוועטע מענער. יצחק האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט מיט אים שטיין אין פאַרבינדונג טאָג־טעגלעך. יעדער פון זיי האָט געוווּסט, אַז אויך דער אַנדערער טראָגט אין הארצן אַ שטילע תפילה, אַז אַלין זאָל צושפּילן די הצלחה אויף זיין געפערלעכן וועג.

אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָט זיך ביים הויז אויף רח' התחייה אָפּגעשטעלט אַ פּריוואַטער אויטאָ, וואָס האָט אַלין אָפּ־געפירט צום פלי־פלאַץ, און אַ יונגער באַגלייטער, מיטן נאָמען גדעון, האָט אַלין איבערגעגעבן זיין פּאַספּאָרט אויף זיין אמתן נאָמען, 500 דאָלאַר און אַ פלי־קאַרטע אויף דער ליניע תל־אביב—ציריך.

אין צירִיך, האָט אים גדעון געזאָגט, וועט שוין אויף אים עמעץ וואַרטן מיט געגויערע אינסטרוקציעס.

זיי האָבן זיך געזעגנט און אלי איז אַרויף אויפן עראָפּלאַן. האָט פאַרנומען זיין אָרט און אין פינף מינוט אַרום האָט דער עראָפּלאַן זיך אויפגעהויבן.

אלי האָט אַראָפּגעקוקט, געזען ווי תל־אביב פאַרשווינדט פון אויג און מען האָט באַלד מער נישט געזען ווי בלויז ים, הימל און ים. דורכן הילכער האָט זיך געהערט די שטים פון דער סטיואַר־דעסע:

„חשובע פּאַסאַזשירן, מיר זענען נאָרוואָס אַרויס פון תל־אביב. אונדזער ערשטע סטאַציע וועט זיין רוים. מיר פליען אויף א הויך פון פינף טויזנט מעטער מיט א שנעלקייט פון 600 ק״מ א שעה. קיין רוים וועלן מיר אָנקומען אַזייגער 12 זעראַ־זעראַ. מיר ווינטשן אייך אן אָנגענעמע רייזע״.

אלי האָט זיך אַרומגעקוקט. חוץ אים זענען אין עראָפּלאַן געווען איייניקע עלטערע טוריסטן, עטלעכע געשעפטלייט, אַ משפחה מיט צוויי קינדער. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט זיינע אייגענע מחשבות און פּלענער. אלי האָט באַשלאָסן אויסנוצן די צייט פאַר כאַפּן א דרימל.

ווען מען האָט אים דערלאַנגט דעם סענדוויטש, איז ער שוין געווען פאַרזונקען אין א טיפן שלאָף. די סטיואַרדעסע האָט גע־שמייכלט צו זיך, פאַרקוקט זיך אויף דעם אומשולדיקן פּנים פון דעם שיינעם מאַן, וואָס איז געשלאָפן מיט אַן אויסדרוק פון אַ קינד אין וויגל.

ערשט, ווען דער עראָפּלאַן האָט געדאַרפט לאַנדן אין רוים, האָט די סטיואַרדעסע אים אויפגעוועקט, געהייסן פעסטער אַרומבינדן דעם גאַרטל און געגעבן די לעצטע אָנווייזונגען פאַר דער זיכער־הייט פון די פּאַסאַזשירן.

ערשטע באַגעגעניש מיטן פאַרבינדלער

מיטן מאָמענט, ווען די רעדער פון עראָפּלאַן האָבן באַרירט דעם אַספאַלט פונעם פלי־פּלאַץ קלאַטען אין צירִיך, איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן דאָס דונערן פון די מאָטאָרן, די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און שוין זענען די באַוועגלעכע טרעפּ געווען ביים עראָפּלאַן.

אונדזער מענטש אין דמשק

די ערשטע זענען אראָפּגעגאנגען די עלטערע פּאסאזשירן. נאָך זיי איז אראָפּ אלי אָנגעטון אין שווארצע זון־ברילן, הינטער וועלכע זיין בליק האָט פלינק אַרומגענומען די גאַנצע לאַנדשאַפט. ער איז גיך פארבייגעגאנגען דעם זאל פון די צאָל־באאמטע, זיינע וואַליזעס זענען געצייכנט געוואָרן מיט ווייסן קרייד און אויפן פּאספּאָרט האָט מען ארויפגעלייגט דעם קיילעכדיקן בלויען סטעמפּל.

פון יענער זייט גלעזערנעם ווענטל איז געשטאַנען א מאַן מיט זילבערנע האָר ביי די שלייפן און געהאַלטן אין האַנט אליס פאָטאָגראַפיע. ער איז צוגעגאנגען צו אים, געפרעגט אלין צי ער איז עס דער ה׳ כהן און נאָך אליס באשטעטיקן האָט ער אים געזאָגט:

„איך בין אייער פארבינדלער דאָ אין ציריך, איר קענט מיר געבן אייער פאספּאָרט און נעמט זיך דעם דאָזיקן״.

אלי האָט אים איבערגעגעבן זיין נארוואָס געסטעמפּלטן פּאַספּאָרט מיט דער וויזע קיין ציריך און האָט פון יענעם גענומען דעם אייראָפּעאישן פאספּאָרט מיט דער וויזע קיין טשילי און פון דאָרט קיין ארגענטינע.

דער פארבינדלער האָט אים אויפגעקלערט:

„אַנקומענדיק קיין בוענאָס איירעס וועט מען שוין דאָרט אָנקניפּן א פארבינדונג מיט אייך און די מענטשן וועלן זיך פאַרנעמען מיטן פארלענגערן אייער וויזע. דערווייל, די היינטיקע נאַכט, קענט איר פאַרבלייבן אין ציריך, פאַרברענגען אַביסל. מאָרגן, אין באגינען, דארפט איר פליען קיין דרום־אמעריקע. דאָ האָט איר די פלי־קארטע קיין סאנטיאגא, דאָרטן אויפן פלי־פּלאַץ וועט שוין אויף אייך עמעץ וואַרטן״.

אין זעלבן זאכלעכן טאָן האָט ער אים אויפגעקלערט ווי אזוי עס וועט מיט אים דאָרט געשאַפן ווערן די פארבינדונג, נאָך וועלכער ער דארף פאָרן גלייך קיין בוענאָס־איירעס, וווּ ער דארף זיין פּינקטלעך, מיטוואָך עלף אַזייגער, און אין אַ קאַפע קוריאַנטאַז, אין צענטער פון בוענאָס־איירעס, וועט שוין אויף אים עמעצער וואַרטן.

אַלץ איז צוגעגאַנגען געניי, ווי עס איז געוואָרן באַשטימט. מיטוואָך, צו דער גענויער צייט, איז אלי געווען אויפן אָרט.

אַ מאַן מיט סלאַווישע געזיכט־שטריכן האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אלס אברהם און גלייך דערקלערט, אז מען האָט שוין פאַר אים צוגעגרייט אַ דירה אין צענטער שטאָט, ווו ער וועט לערנען שפּאַניש ביי אַן אויסגעצייכנטער לערערין. ווען ער

וועט שוין געגוג קענען די שפּראַך, וועט ער אָנהייבן זיין אַרבעט.
וואָס שייך די פינאַנסיעלע הוצאות האָט ער אין דער ערשטער פּאָזע געדאַרפט זיך פירן באַשיידן, זיין שפּאָרזאַם. ערשט שפּעטער וועלן אים געגעבן ווערן די מעגלעכקייטן צו קאָנען זיין גרויס־מוטיק און אין די מאָמענטן, וואָס זיין אויפגאַבע וועט עס פאָדערן וועט ער זיך אַפילו קענען וואַרפן מיט געלט.
אין יענעם אָוונט האָט אברהם אים פאַרגעשטעלט אַן עלטערע לערערין, וואָס האָט אים געדאַרפט אָנהויבן לערנען שפּאַניש. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די פאַרבינדונגס־שפּראַך צווישן אים און דער לערערין זאָל זיין פראַנצויזיש. זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן נאָך דער לעקציע אין קאַפע.
די ערשטע לעקציע האָט געדויערט באַזונדערס לאַנג און אברהם, וואָס האָט דערפאַר געמוזט אויף אים וואַרטן, איז געוואָרן אומגעדולדיק און ווען דאָס האָט זיך צו לאַנג פאַרצויגן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אים אַקעגנגעגאַנגען.
זיי האָבן זיך באַגעגנט אינמיטן וועג. אַברהם האָט גערעדט טרוקן, אין אַ זאַכלעכן טאָן:
„קודם־כל דאַרפסטו געדענקען, אַז דו געפינסט זיך אין אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. דו ביזט נישט קיין סירישער בירגער, ווייל דו איזאָלירסט זיך פון זייער געמיינדע. קיין אנדערער בירגער ביסטו נישט, ווייל דו האָסט אַן אַראַבישן פּאַס. אין אַזאַ מצב איז בעסער, דו זאָלסט זיך נישט צופיל אַרומדרייען, בפרט איידער דו באַהערשסט די שפּראַך. דאָס וועט נאָך דויערן עטלעכע חדשים. ביז דעמאָלט וועל איך דיר שאַפן די נויטיקע דאָקומענטן און דו וועסט זיך אַריבערציען אין סירישן קוואַרטאַל און באַמיען זיך אַריינצוגיין אין זייער געזעלשאַפט. דערווייל, מיין איך, וועט זיין בעסער, אַז מיר זאָלן זיך וואָס וויניקער באַגעגענען עפנטלעך".
אלי האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט זיין מיט דער דירה, מיט וואָס ער וועט זיך דערווייל פאַרנעמען. לויט די אָנווייזונגען האָט ער געדאַרפט פירן אַ באַשיידן לעבן. אברהם האָט געזאָגט:
„די פינאַנסיעלע ענינים זאָלן דיך נישט אָנגיין, איך דעק אַלע דיינע הוצאות".
ער האָט אים דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטע און דערביי צוגעגעבן:
„נעם זיך גוט אין זכרון אַריין דעם דאָזיקן אַדרעס און דער־נאָך וועסטו דאָס קאַרטל פאַרניכטן... פאַרבינדן קענסטו זיך נאָר אין אַן אויסנאַם־פאַל... געדענק עס".

אונדזער מענטש אין דמשק

אין משך פון די קומענדיקע צוויי חדשים, האָט אלי זיך גרינט־לעך אויסגעלערנט שפּאַניש. די גאַנצע צייט האָט ער זיך זעלטן באַגעגנט מיט אברהמען. ערשט אין אַ שײנעם פרימאָרגן האָט אים אברהם אַליין אַרויסגערופן אויף אַ באַגעגעניש, אויף וועלכער ער האָט אים דערקלערט:

„עס איז ענדלעך געקומען די צייט. איך האָב שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים אין שייכות מיט דיין נייער געשטאַלט. דאָ האָסטו אַ סירישן פּאַספּאָרט, אויף דיין נייעם נאָמען אמין טאַבעט. פון מאָרגן אָן גייסטו אַריבער וווינען אין דעם סירישן קוואַרטאַל. כ'מיין, אַז די מעשה וועגן דיין פעטער מיט דער טעקסטיל־פאַבריק וועט קלינגען איבערצייגנדיק... עס שטייט דיר פאָר א גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע. זאָל זיין מיט הצלחה".

אין אראבישן קלוב אין בוענאס איירעס

דער מוסולמענישער קלוב פון דער אַראַבישער קאָלאָניע אין בוענאָס־איירעס האָט זיך געפונען אויף דער קאַלא פראַנס־גאַס. די אַטמאָספער איז דאָרט געווען אַ וואַרעמע און אינטימע, אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין אַ פאָר־געשריטן לאַנד, האָט אלי גלייך באַמערקט די באַזונדערקייט פון די דאַזיקע באַזוכער אין מוסולמענישן קלוב. די מענער האָבן דאָרט אָפן אַרויסגעוויזן זייער העכערקייט איבער די פרויען.

אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן די צעטיילטקייט אין גרופּן. אין איין ווינקל פונעם קלוב זענען געזעסן ביי אַ צענדליק מענער און שטיל געשמועסט צווישן זיך און אין אַ צווייט ווינקל האָבן די פרויען זיך געסודעט, גע־פּלאַפּלט פאַרשידענע רכילותן, ווי דער שטייגער פון פרויען.

אַ קוק טוענדיק אין זייער זייט האָט אַלי גלייך באַמערקט, אַז איינע פון דער גרופּע נעמט נישט קיין אַקטיוון אָנטייל אין דעם שמועס.

דאָס איז געווען זשאַרזשעט, די יינגערע טאָכטער פון אַ סירישן אימיגראַנט, וועמענס נאָמען איז האוואַרי מאַשקאַ. ער האָט פאַר־נומען אַ שליסל־פּאָזיציע אין דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער נאַפט־געזעלשאַפט „אסא".

זשאַרזשעט האָט באַמערקט אלין און זייערע בליקן האָבן זיך

געקרייציקט. מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ האָט זי אים באַגריסט און ער האָט איר אָפּגעענטפערט ווי ווייט מעגלעך פריינטלעך. ער האָט שוין פון פריער געקענט איר פאָטער און יענער האָט אים ביי אַ געלעגנהייט געגעבן אָנצוהערן, אַז זיין טאָכטער האָט וועגן אים אַ זייער גוטע מיינונג.

אלי האָט פאַרשטאַנען די אָנדייטונג, אַז ער וועט זיך נישט אָנטרעפן אויף קיין שום קעגנערשאַפט, אויב ער וועט זיך באַגעגענען מיט זיין טאָכטער, אויך אויסער די ווענט פונעם אינטימען קלוב.

אלי איז נישט געווען איבעראַשט פון דער דאָזיקער אָנדייטונג. אין משך פון דער צייט, נישט קיין גאַנצע דריי חדשים, איז אים געלונגען צו ווערן באַליבט צווישן די אימיגראַנטן פון דער סירישער געמיינדע און אַ סך עלטערן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַז זייערע טעכטער זאָלן חתונה האָבן מיט שפּאַניער, האָבן אין האַרצן זיך געווונטשן צו האָבן אלין פאַר אַן איידעם, זעענדיק אין אים אַ ריין־ראַסיקן סיריער, וואָס איז דערצו נאָך גוט איינגעאָרדנט.

טראַכטנדיק וואָס ווייטער צו טון האָט אלי מיטאַמאָל דערהערט הינטער זיך אַ הייזעריקלעך מענעריש קול:

„גוט אָוונט, קאַמעל".

ער האָט דערפילט דערביי אַ קלאַפּ אויף זיין אַקסל, האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען פאַר זיך דעם קאַרליקעוואַטן לאַטיף אל־זאומי, איינער פון די סטאַבילע איינגייער אין קלוב, אַ בוכהאַלטער אויף אַ גוטן פּאָסטן און האָט נאָך דערצו אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג אין דער האַנדלס־געזעלשאַפט „באַנק עט בארן", די גרעסטע האַנדלס־געזעלשאַפט אין דרום־אַמעריקע.

אלי האָט אים זייער העפלעך געענטפערט:

„גוטן אָוונט, לאַטיף. ווי גייען די געשעפטן?"

דער קליין־געוויקסיקער און פולבייכיקער לאַטיף איז געווען אין אַ גוטער שטימונג:

„פאָראויס, מיט יעדן טאָג גייען מיר אַלץ מער פאָראויס, אינשאַללאַ. מיר האָבן דאָ, אין אַרגענטינע 43 מיליאָן פּי. דאָס איז אַ סך, ווי מיינסטו?"

אלי האָט אויסגערופן מיט התפּעלות:

„43 מיליאָן! אויב כ׳בין זיך נישט טועה, איז עס דאָך צוויי מאָל אַזויפיל ווי די צאָל איינוווינער אין אַרגענטינע".

אונדזער מענטש אין דמשק

אל־זאומי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט הסכּמה און צו־געגעבן:

„אויב מיר רעדן שוין וועגן סטאַטיסטיק, איז אפשר וועט עס דיך אינטערעסירן צו וויסן, אַז אַ זעקסטל פון דעם שטח אין דאָזיקן לאַנד דינט אַלס לאַנקעס און פּערמעס פאַר פי־צוכט".

אלי האָט אָנגעהאַלטן אויפן פּנים דעם אויסדרוק פון התפּעלות. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וויל זיך איינשאַפן די סימפּאַטיע פון זיין מיטשמועסער, דאַרף ער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער הערט אים מיטן גרעסטן אינטערעס, אַפילו ווען דאָס איז די סאַמע לאַנג־ווייליקסטע טעמע.

דער כּוח פון געלט

אלי איז געווען צווישן די איינצלנע, וואָס האָבן געהאַט געדולד אויסצוהערן אל־זאומיס ציפערן און טרוקענע פאַקטן, מיט וועלכע ער האָט ליב געהאַט זיך צו באַרימען און אַרויסווייזן זיינע קענטעניש. יענער האָט מיט ענטוזיאַזם פאַרגעזעצט:

„דאָס איז נאָך נישט אַלץ, 180 טויזנט פאַרמערס פאַרנעמען זיך מיט פי־צוכט און דאָס פליישׁ עקספּאָרטירן 788 פירמעס. דאָס יאָר, למשל, וועט אַרגענטינע עקספּאָרטירן פליישׁ אויף אַ סומע פון 392 מיליאָן דאָלאַר".

„צי עקספּאָרטירט אַרגענטינע פליישׁ אויך קיין סיריע?" — האָט אלי געפרעגט סתם אזוי יוצא צו זיין.

„קיין סיריע נאָך נישט — האָט אל־זאומי געענטפערט — אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז אינגיכן וועט מען דאָרט אויך עפענען אַ מאַרק. דערווייל עקספּאָרטירן מיר פליישׁ אין די לענדער פון קאָמוניסטישן בלאָק, פליישׁ־קאָנסערוון עקספּאָרטירן מיר קיין פּאָרטוגאַל, מצרים, ישראל..."

אלי האָט אים איבערגעריסן:

„ישראל? פאַר די ציוניסטן שיקט איר פליישׁ, אָבער פאַר אונדזער פאָטערלאַנד נישט?"

דער פּאַטריאָטישער טאָן, וואָס איז נעווען אַזוי איבערצייגנדיק, האָט אַל־זאומין אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך און אָננעמענדיק אלין פאַרן אָרעם, האָט ער געזאָגט:

„עך, לאָמיר נישט רעדן וועגן קיין געשעפטן... מיר זענען דאָך געקומען אַהער ווײלן זיך, קום, קאמעל״.

אלי האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו קומען צו זיך פון פאַרביטערונג, אָבער האָט סוף־כל־סוף געלאָזט זיך איבערבעטן און געזאָגט:

„כ׳ווייס... נו, זאָל שוין זיין... לאָמיר צוגיין צו דער חברה״.

אין אַן אויסגעבעטעטער שטול איז געזעסן קלאַריאַן און געלייענט אַ צייטונג. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ גרויען אָנצוג. ווען אַל־זאומי האָט אים באַמערקט האָט ער זיך האַסטיק אָנגערופן צו אלין:

„כ׳האָב שיעור נישט פאַרגעסן, קאַמעל, מיר האָבן דאָך היינט אַ חשובן גאַסט. זעסט דעם, וואָס זיצט דאָרט און לייענט אַ צייטונג? דאָס איז אַבדול לאַטיף כאַשין — דער רעדאַקטאָר פון „די אַראַבישע וועלט״, קענסט אים?״

אלי האָט נישט פאַרגעסן צו מאַכן אַן אויסדרוק פון פאַרערונג און באַוווּנדערונג און געזאָגט:

„איך וואָלט אים גערן געוואָלט באַקענען״.

ביידע זענען צוגעגאַנגען צו אים, זיך באַגריסט. אַל־זאומי האָט פאַרגעשטעלט אלין אַלס איינעם פון די רייכע סוחרים אין לאַנד, אַ סירישער בירגער, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אין זיין פאָטערלאַנד.

אַבדול לאטיף האָט זיך אויפגעשטעלט, געדריקט אליס אויסגעשטרעקטע האַנט און צו אליס איבעראַשונג האָט ער ביים פאָרשטעלן זיך מיטן גאַנצן טיטל אַלס רעדאַקטאָר פון דער אַראַבישער צייטונג „די אַראַבישע וועלט״ צוגעגעבן:

„כ׳האָב שוין געהערט וועגן אייך און עס איז מיר אָנגענעם אייך צו באַקענען״.

אלי האָט אים נישט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן אויפן אַראַבישן שטייגער, און צווישן די דריי האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבעדיקער שמועס. צום ערשט האָבן זיי גערעדט וועגן פּאָליטיק, דער עיקר וועגן דער שפּאַנונג, וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב די רוסישע געווער־ליפערונגען קיין קובאַ. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן צונויפגערופן דעם פאַרבאַנד פון די אַמעריקאַנער לענדער אויף אַ דרינגענדיקער זיצונג און געפאָדערט צו טאַדלען דעם רעזשים פון האַוואַנאַ. כאַשין האָט געזאָגט:

„כ׳האָב געהערט, אַז די אַמעריקאַנער שלאָגן פאָר אַרגענטינע אַ ריזיקע טעכנישע און פינאַנסיעלע הילף, כדי זיי זאָלן אונטער־

שטיצן קענעדיס דאָקטרין״.

אלי האָט אַרויסגעוויזן באַהאַוונטקייט און געענטפערט:

„יאָ, אָבער דאָס שטערט נישט די מאַסן אַרויסצוגיין אין גאַס און שרייען צו די אַמעריקאַנער, זיי זאָל זיך אָפּטראָגן פון קובאָ. נעכטן האָב איך געזען אַזאַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פאַר דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין בוענאָס איירעס״.

כאַשין האָט גערעדט מיט אַ פאַרטראַכטער שטים:

„אָבער נישט געקוקט דערויף מיין איך, אַז דער כוח פון געלט איז שטאַרקער״.

אלי איז געוואָרן איבעראַשט:

„איך האָב נישט געגלויבט, אַז איר טראַכט אויך, ווי מיר סוחרים, אין קאַטעגאָריעס פון געלט״.

כאַשין האָט געשוויגן, בלויז אַ לייכטער איראָנישער שמייכל האָט געשפּילט אין די ווינקלען פון זיין מויל.

געשעפטן און פּאָליטיק

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. אל־זאומי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, האָט זיך אַנטשולדיקט און אַוועק־געגאַנגען פון זיי. אלי האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן דעם שמועס אַ נישט פאַרענדיקטן און האָט באַשלאָסן צו באַרירן אַ טעמע, וואָס זאָל זיין נאָענט צום האַרצן דעם אַראַבישן רע־דאַקטאָר:

„כ׳האָב געלייענט אייער צייטונג. אויסגעצייכנט רעדאַגירט, אַנציִענדיק, אָבער דער פּאָליטישער טאָן, מיין איך, איז אַביסל צו מילד״.

כאַשין האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אים אָפּגעבן אַ שטאָך:

„ווי קומט עס צו אַזאַ ביזנעסמאַן ווי איר צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק?״

אלי האָט זיך געמאַכט נישט פילן דעם שטאָך און גיך געענטפערט:

„היינטיקע צייטן איז פּאָליטיק אויך ביזנעס. כ׳האָב מורא, אַז ווען „די אַראַבישע וועלט״ וואָלט דערשינען אין דמשק, וואָלט מען אייך באַשולדיקט אין סימפּאַטיעס פאַרן מערב״.

אלי כהן

כאַשין איז געווען אין פאַרלעגנהייט און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן:

„ווייט פון אויג — ווייט פון האַרץ. ווען דו געפינסט זיך אין אַ ווייט לאַנד, מוזטו זיך צוגעווינען צו זיין לעבנסשטייגער און די אויפפאַסונגען פון די אָרטיקע מענטשן".

אלי איז אים נישט געבליבן שולדיק:

„אויב איר האָט שוין אָנגעהויבן מיט אַפאָריזמען, וועל איך אייך ענטפערן מיט אַפאָריזמען: געבוירן אַ סיריער — געבליבן אַ סיריער אויפן גאַנצן לעבן. דער וואָס האָט ליב זיין פאָטערלאַנד, בלייבט אים געטריי אויך אין דער פרעמד".

„איר זייט גערעכט, קאמעל" — האָט כאַשין זיך פאַרענטפערט און אויפמערקזאַם געקוקט אויף קאַמעלן, געמאַטערט זיין מוח צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, אויב קאמעל איז אַזאַ באַגייסטערטער פּאַטריאָט, וואָס־זשע טוט ער דאָ אין אַרגענטינע? ער וואָלט דאָך געקענט ברענגען אַ סך נוצן דעם אָפּגעשטאַנענעם סיריע, פאַרוואָס וויל ער בעסער מאַכן געשעפטן אין אַ פרעמד לאַנד?

ער וואָלט עס זיכער געפרעגט אלין, אָבער ווייזט אויס, ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן אָפּשניט. ער האָט שוין באַוויזן צו דערקענען אליס שאַרף צינגל.

אלי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין טשעק־ביכל פון דער עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־באַנק אין בוענאָס־איירעס און געוואָלט אויסשרייבן אַ טשעק אַלס אַבאָנענט פון כאשינס צייטונג. אָבער אבדול לאַטיף האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט:

„פון קיין פריינט נעם איך נישט קיין געלט".

אלי האָט זיך נאָך געפּרוווט אַמפּערן מיט אים אָבער לסוף זיך אונטערגעגעבן, צוריק באַהאַלטן אין בוזעם־קעשענע דאָס טשעק־ביכל און געפרעגט:

„מיט וואָס קען איך אייך אָפּדאַנקען?"

אבדול לאַטיף האָט אַ שמייכלענדיקער געדרייט זיך די וואָנ־סעס און געענטפערט:

„דערמיט וואָס איר וועט קומען אָפטער אין קלוב אַריין. ס'איז אַ פאַרגעניגן מיט אייך צו כאַפּן אַ שמועס".

אלי האָט גערן אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און מינ־דעסטנס דריי מאָל אין דער וואָך אַריינגעקומען אַהין. זיין רייכע באַהאַוונטקייט אין דער פאַרשידענער טעמאַטיק האָבן אים געמאַכט

פאַר כאַשינס באַליבטסטן מיטשמועסער. דערצו האָט ער נאָך פאַרעפנטלעכט עטלעכע ריזיקע אַנאָנסן אין זיין צייטונג און באַצאָלט דערפאַר הויכע פרייזן, אַזוי אַרום איז זייער פריינטשאַפט געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער.

אין איינעם אַן אָוונט, האָט זיך כאַשין געוואָנדן צו אלין און געזאָגט :

„מאָרגן אין אָוונט קומט פאָר אין אונדזער אַמבאַסאַדע אַן אָפיציעלער קבלת־פּנים. די פרוי פונעם עקאָנאָמישן אַטאַשע פייערט איר געבורטסטאָג און איך האָב דעם כבוד אייך איינצולאדן אַהין".

אויפן באנקעט אין דער סירישער אמבאסאדע

די געביידע פון דער סירישער אמבאַסאַדע געפינט זיך אין די וויאמונטא־אַלייען, אין דער רייכער געגנט פון דער שטאָט. ווען די טעקסי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג פון צוויי־שטאָקיקן הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ בלומען־גאָרטן, זענען שוין דאָרט אַלע פענצטער געווען באַלויכטן און דאָס גערויש האָט דערציילט, אַז די שמחה איז שוין דאָרט אין פולן גאַנג.

דער זעלנער ביים טויער האָט אויף אלין אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן בליק. אלי איז געווען פון די איינצלנע, וואָס זענען געקומען אַליין צו דער מסיבה, אָן אַ באַגלייטערין.

אלי האָט אים דערלאַנגט די איינלאַדונג און דאָס טויער האָט זיך פאַר אים ברייט געעפנט. מיט אַ זיכערן גאַנג האָט ער געשפּאַנט איבערן קאָרידאָר אין דער ריכטונג פונעם אויפנעם זאַל. אינעווייניק האָבן זיך געפונען ביי אַ צוואַנציק פּאָרלעך, געזופּט דעם קאָקטייל און געשמועסט. אלי האָט גלייך דערקענט אייניקע פון די אָנפירער פון דער אַראַבישער געמיינדע אין בוענאָס־איירעס. עס איז דאָרט געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער מצרישער אַמבאַסאַדע און זיין פרוי, אַ באַקאַנטער סירישער אַדוואָקאַט, אַ גענעראַל־דירעקטאָר פון אַ דאָרטיקער רייזע־געזעלשאַפט, וואָס אָרגאַניזירט עקסקורסיעס קיין סיריע. געווען נאָך דאָרט אייניקע, וועלכע אלי האָט נישט געקענט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי פאַרנעמען שליסל פּאָזיציעס צווישן די סירישע אימיגראַנטן אין בוענאָס־איירעס.

אונטער אַ ריזיק בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט,

איז כאַשין געשטאַנען פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַ פרוי, וועלכע איז געווען אָנגעטון אין אַ לאַנג שוואַרץ אָוונט־קלייד. ווען אלי איז צוגעקומען צו זיי, האָט אים כאַשין פאָרגעשטעלט פאַר איר אַלס איינער פון די טאַלאַנטירסטע מענטשן אין דער סירישער גע־מיינדע און צו אים האָט ער געזאָגט:

„דאָס איז די פרוי כאַמיסאַ, דאָס ווייב פון אונדזער באַליבטן אַטאַשע״.

אלי האָט זיך לייכט פאַרנויגט, לויט דעם אַראַבישן צערעמאָנ־יאַל און מיט באַזונדערער וואַרעמקייט געדריקט דאָס קליינע הענטל פון דער פרוי.

זי האָט אים אָנהויב געטון אַ שוואַכן שמייכל, לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַליס ברכות און ענטוזיאַסטישע ווונטשן און קאָמ־פּלימענטן. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך איר שמייכל אויסגע־ברייטערט און שוין פאַרנומען דאָס גאַנצע פּנים. זי האָט געזאָגט:

„פילט זיך ווי ביי זיך אין שטוב, הער טאַבעט, איר געהערט צו מיינע בעסטע געסט״.

אלי איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט פאַרשידנערליי מזרח־מאכלים. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו צעקייען דעם ערשטן ביס, איז שוין אַשין געשטאַנען נעבן אים און האָט כמעט געפליסטערט:

„איר האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף דעם אַטאַשעס פרוי. זי זאָגט, אַז איר זייט אַ סימפּאַטישער מאַן...״

אלי האָט געשמייכלט:

„זי איז נישט די ערשטע, וואָס זאָגט עס מיר״.

„און נישט די לעצטע״ — האָט כאַשין צוגעגעבן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער געזאָגט:

„קומט, וועל איך אייך פאָרשטעלן פאַר אונדזער מיליטערישן אַטאַשע״.

אלי האָט געמורמלט:

„אָ, איר באַמיט זיך צופיל... ווי וועל איך אייך אָפּדאַנקען?״

די באַקאַנטשאַפט מיטן גענעראַל אל־כאַפעז

דער אָפיציר, מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, שאַרפע שטריכן און אָדלער־נאָז, האָט געמוזט אַרויסרופן אינטערעס ביי יעדן און אויך אלי האָט דערפילט אַ געוויסע נייגעריקייט אין זיין אָנבליק.

אונדזער מענטש אין דמשק

ער איז געווען אָנגעטון אין אַ מונדיר פון אַ סירישן גענעראַל, באַצירט מיט אויסצייכענונגען, אָנגעטון אין אַ ווייס אָפיצירן־היטל מיט אַ שוואַרצן דאַשעק. אלי האָט אָפּגעשאַצט, אַז ער דאַרף אַלט זיין איבער די פערציק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין טעות.

כאשין האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן, גערעדט מיט אַ פּייערלעכער, עטוואָס גערירטער שטים:

„הער גענעראַל, דערלויבט פאָרצושטעלן פאַר אייך אַן אמתן סירישן פּאַטריאָט, קאמעל אמין טאבעט".

שוין פון ערשטן שמועס האָט דער גענעראַל געמאַכט אויף אלין דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב קיין סך צו רעדן. זיין פאַרשלאָסן פּנים האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטון. זיינע באַוועגונגען זענען געווען האַסטיקע און עדות געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט אויף קאָקטייל־אָוונטן און וואָלט בעסער געוואָלט זיך באַווייזן מיט מעשים איידער מיט רייד.

כאשין האָט ווייטער גערעדט:

„קאַמעל, דאָס איז דער גענעראַל אמין אל כאַפעז, דער מיליטערישער אַטאַשע פון אונדזער אַמבאַסאַדע".

אלי האָט געדריקט דעם גענעראַלס פעסטע האַנט און מיט צערעמאָניאַלער העפלעכקייט געזאָגט:

„עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו באַקענען אייך, הער גענעראַל".

אל כאפעז האָט אָבער שנעל אַרויסגעצויגן זיין האַנט און האָט נישט באַמיט זיך אַרויסצווייזן אים באַזונדערע פריינטשאַפט. אלי האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ער מוז זיך לסוף אין אים איינבייסן און פאַר יעדן פּרייז דערפירן אים, ער זאָל נעמען רעדן.

אלי האָט אין געדאַנק געמאַכט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי ענגער צו מאַכן די פריינטשאַפט מיטן דאָזיקן גענעראַל, ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַזעלכע פאַרבינדונגען קענען האָבן פאַר אים אַ גרויסע באַדייטונג.

פון דעם וואָס מען האָט אים געלערנט וועגן כאַראַקטער פונעם רעזשים אין דמשק, האָט אלי כהן געוווסט, אַז מען דאַרף זיך ערנסט באַציען צו די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון סיריע אין אויסלאַנד. זינט דער ערשטער איבערקערעניש אין מערץ 1949, זענען אין סיריע שוין געהאַט פאָרגעקומען זיבן מיליטערישע איי־בערקערענישן און יעדע פון זיי האָט צוגעשטעלט נייע צענדליקער

אַמבאַסאַדאָרן, אַטאַשעס און סתם ראַטגעבער אין גאָר דער וועלט. יעדע מיליטערישע קאַסטע, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט, האָט באַזייטיקט אַלע פריערדיקע מענטשן און אַרויסגעשיקט נייע. דאָס איז געווען אַ מין פאַרכישופטער קרייז. יעדע גרופּע פון באַזייטיקטע פֿירער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס קיין אויסלאַנד און נאָכן אָפּדינען דאָרט אַ פּאָר יאָר האָבן זיך די מענטשן אומגעקערט און ווידער גענומען שטרעבן צו אַ נייער איבערקערעניש.

פאַנאַטישער ענטוזיאַזם

אַ געהיימער חוש האָט אַלין אונטערגעזאָגט, אַז פריער צי שפּעטער וועט די וועלט קלינגען מיטן נאָמען פונעם דאָזיקן גענעראַל.

פאַקטיש איז דאָס געווען עפּעס מער ווי בלויזער חוש.

אין די פרימאָרגן־שעהן פון יענעם טאָג האָט זיך אלי באַגעגנט אויף אַ קורצן שמועס מיט זיין פאַרבינדלער אין בוענאָס־איירעס, אברהם, און ער האָט אים געראַטן צו באַפריינדן זיך מיט דעם מיליטערישן אַטאַשע פון דער סירישער אַמבאַסאַדע, האָט אים אַפילו איבערגעגעבן אייניקע פּרטים וועגן דעם פּריוואַטן לעבן פונעם גענעראַל. צווישן אַנדערע האָט ער אים דערציילט, אַז דער מיליטערישער אַטאַשע געהערט צו די אָנפירער פון דער „באַאַט״־פּאַרטיי, אַ קאַסטע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַן אונטערערדישע אַרבעט קעגן איצטיקן רעזשים אין דמשק.

שמועסנדיק מיט כאַפעזן, האָט אלי געזאָגט:

„כ'האָב געהערט, אַז צווישן די מאַסן אין סיריע ברויזט עס״.

„אָ, יאָ — האָט כאַפעז בייז געמורמלט אונטער דער נאָז — נאַצער האָט אויסגענוצט די פאַראייניקונג מיט אונדז בישט צו אונדזער גונסטן און איצט וויל ער אונדז באַהערשן... וואָלט די זאַך געלעגן אין מיין קאָמפּעטענץ, וואָלט איך ליקווידירט די פאַראייניקונג״.

„גלויבט איר, אַז סיריע וועט זיך קענען אַליין אַן עצה געבן?״

כאַפעז איז געוואָרן באַרעדעוודיקער:

„נאָך ווי אַזוי. מ'דאַרף קודם כל ענדערן די רעגירונג. אין פּאַרלאַמענט אין דמשק זיצן קאָרומפּירטע און דעמאָראַליזירטע

מענטשן... כ׳זאָג עס אייך מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון נאַצערס פוסטע פראַזן״.

„אָבער, הער גענעראַל, אויב כ׳בין זיך נישט טועה, איז דאָך די באַאַט־פאַרטיי געווען פאַרן פאַראייניקן זיך מיט נאַצערן״.

אלי האָט באַמערקט ווי דעם גענעראַלס פּנים האָט זיך גע־ענדערט און אָנגענומען אַן אויסדרוק פון איבעראַשונג:

„דער באַאַט? — האָט ער זיך געוווּנדערט — וואָס עפּעס זייט איר פלוצים אַרויסגעקומען מיטן באַאַט?״

אלי האָט אויך געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט:

„אָ, איר ווייסט עס נישט, הער גענעראַל? אַלע רעדן דאָך וועגן דעם, אַז איר זייט איינער פון די אָנפירער פון דער פאַרטיי, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו דער נידערלאַגע, אין וועל־כער סיריע געפינט זיך איצט. מ׳זאָגט, אַז איר זייט דער, וואָס גיט גרויסע האָפענונגען אויף צו ענדערן די לאַגע. מיינט נישט, אַז מיר דאָ אינטערעסירן זיך נישט מיטן גורל פון אונדזער פאָ־טערלאַנד. איר, גלויבן מיר, וועט רייניקן די שטיקנדיקע אַט־מאָספער״.

אליס רייד האָט געטראָפן אין פּינטל. כאַפעזס פּנים האָט אויפגעלויכטן. עס איז נאָך אַלץ געווען פאַר אים אומגלויבלעך, אַז מען ווייסט שוין וועגן זיין אָנגעהעריקייט צו דער פאַרטיי, וואָס ווערט נאָך דערווייל גערודפט אין סיריע. אָבער אליס רייד וועגן די האָפענונגען, וואָס מען לייגט אויף אים, האָבן געקלונגען אַזוי איבערצייגנדיק און געגלעט דעם גענעראַלס אויער, אַז ער האָט נישט געפּרוּווט אַפילו אַ פאַרש־טון פונוואַנען די ידיעה שטאַמט.

ער האָט איצט גערעדט מיט פאַנאַטישן ענטוזיאַזם:

„פון אייער מויל, קאַמעל, אין אַללאַס אויערן... לאָמיר אַרויף־גיין אין מיין קאַבינעט. דאָרט וועט אונדז קיינער נישט שטערן און מיר וועלן קענען רואיק שמועסן״.

דער כוח פון א קאמפלימענט

אלי האָט קוים איינגעהאַלטן דעם טריאומף־אויסגעשריי. אויף אַזאַ גיכן נצחון האָט ער זיך אַליין נישט גערעכנט און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אַזוי געלונגען געצילט זיין ערשטן קלאַפּ.

אלי כהן

אין געדאַנק האָט ער זיך געחזרט, אַז מען דאַרף שטענדיק געדענקען דעם כוח פון אַ קאָמפּלימענט. וואָס ווערט געמאַכט אין דער ריכטיקער צייט, מיט די צוגעפּאַסטע ווערטער. אָט האָט ער פאַר זיך אַזאַ פאַרהאַרטעוועטן און ברוטאַלן גענעראַל און ווי לייכט ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע פון אַ געשליפן צינגל.

אל־כאפעזס קאַבינעט, אויפן צווייטן שטאָק פון דער אַמבאַסאַדע, איז געווען איינפאַך מעבלירט. אויפן טונקעלן שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ טעלעפאָן, אַן איינגערעמט בילד פון צוויי שמייכלענדיקע קינדער, אַ טעקע פון שוואַרצן לעדער און אין אָרדענונג־סאָרטירטע פּאַפּירן.

אין אַ ווינקל פון זיין קאַבינעט איז געשטאַנען אַ פייער־קאַסע, אין וועלכער עס זענען מסתמא געלעגן געהיימע דאָקומענטן. אלי האָט געכאַפּט אויף איר אַ בליק און אַן אומעטיקער געדאַנק איז דורכגעלאָפן זיין מוח, ווי גוט וואָלט געווען אויסצוקריגן די פּאַפּירלעך פון דער דאָזיקער שטאָלענער קאַסע.

אין אַ צווייטן ווינקל איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט אַ שטעכיקן קאַקטוס. קעגנאיבער דעם שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ לעדער־אויסגעבעטע סאָפע מיט צוויי ברייטע שטולן.

די אלעוויטישע רעליגיע

אלי כהן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, געקוקט ווי כאַפּעז עפנט אויף אַ טירל פון זיין שרייב־טיש און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ פלעשל וויסקי מיט צוויי גלעזלעך, האָט זיך אָנגעגאָסן איינס און דאָס צווייטע דערלאַנגט אַלין, זאָגנדיק דערביי מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פּנים:

„איר האַלט מיך אוודאי פאַר אַ כופר, אָבער איך בין נישט קיין מוסולמענער. איך געהער צו די אלעוויטן און די רעליגיע דערלויבט אונדז טרינקען וויפל עס גלוסט זיך... ווילט איר אויסטרינקען מיט מיר?"

אלי האָט זייער העפלעך אָפּגעזאָגט:

„אַ דאַנק... איך טרינק נישט".

כאַפּעז איז נישט געווען צודרינגלעך, האָט אַליין אויסגעטרונקען און אונטערגעכאַפּט אַליס וווּנטש פאַרן זיג פון „באַאַס". אלי האָט גלייך צוגעגעבן:

„כ׳שטעל זיך נישט פאַר קיין פריי סיריע אָן דער הערשאַפט פון באַאַט״.

אלי האָט באַשלאָסן צו שענקען מער אויפמערקזאַמקייט כאַפעזס אַנגעהעריקייט צו די אַלעוויטן:

„אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, זענען די אַלעוויטן די סאַמע עלטסטע עדה אין סיריע, נאָך פאַר די דרוזן און מוסולמענער״.

„ריכטיק — האָט אל־כאַפעז באַשטעטיקט — אונדזער עדה האָט אַ לאַנגע געשיכטע הינטער זיך. מ׳זאָגט, אַז זי הויבט זיך אָן פון די כנענים, האָט דורכגעמאַכט אַ סך שחיטות, אויפשטאַנדן און בונטן. געווען אָבער אויך שיינע תקופות, ווי למשל, אין די צייטן פון פראַנצויזישן מאַנדאַט. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט פולע אויטאָנאָמיע״.

אלי האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט:

„און אייער רעליגיע דערלויבט אייך טאַקע צו טרינקען שאַר־פע געטראַנקען?״

אל־כאַפעז האָט זיך צעלאַכט:

„אָ, די אַלעוויטישע רעליגיע איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין. זעלטן ווער עס קען גוט די רעליגיע, בלויז געציילטע אַלטע לייט קענען זי גרינטלעך. און מעגלעך, אַז דערפאַר ווילן בעסער די יונגע זיך אויפפירן מער וועלטלעך. איך האַלט זיך פאַר אַ יונגן און טראַדיציע איז אַן ענין פאַר זקנים״.

אלי האָט געפּרוווט שפּילן אויף אַ פּילבאַרער סטרונע:

„באַליידיקט עס נישט די פּאַטריאָטישע געפילן? איז עס אין איינקלאַנג מיטן קאָראַן?״

אל־כאַפעז האָט זיך געכאַפּט:

„חלילה, מען דאַרף נישט מישן די רעליגיע מיט דער מדינה. מיר זענען וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן. מיר, כ׳מיין די מיטגלידער פון באַאַט, שטרעבן אַריינצוברענגען מער פאָרשריט אין דער אַראַבישער וועלט. מיר זענען פאַר רעפאָרמירן און קעגן רעליגיעזע אָדער פּריוואַטע אינטערעסן, וואָס שטערן דעם פאָרשריט״.

„דאָס קלינגט אַ ביסל קאָמוניסטיש — האָט אלי באַמערקט — מיינט איר נישט אַזוי?״

דער גענעראַל האָט באַקומען אַן ערנסט פּנים, ווי ער וואָלט געהאַלטן, אַז ער דאַרף פאַרטיידיקן די פּרינציפּן פון זיין פּאַרטיי:

„חס וחלילה. די טעאָריעס פון קאַרל מאַרקס זענען באַזירט אויף מאַטעריאַליזם, אָן מענטשלעכע און גייסטיקע ווערטן, אָן

אלי כהן

נאַציאָנאַלן געוויסן... לויט מאַרקסן זענען פעלקער נישט מער ווי גרויסע משפחות, וואָס יעדע האָט אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן. די אַראַבישע פעלקער קענען זיך אָבער נישט באַגנוגענען מיט די דאָזיקע אידייען. די וועלט־אָנשויאונג פון באַאַט איז באַזירט אויף סאָציאַליזם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם און מיטן אָנערקענען דעם שעפערישן גייסט פון אַראַבישן מענטש".

אלי כהן האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז די דאָזיקע אַלע לאָזונגען האָבן גאָרנישט קיין שייכות מיט מעשים. דער תהום צווישן דער פלאַטפאָרם פון דער פאַרטיי פאַרן דערגיין צו דער מאַכט און נאָכן שטיין ביים רודער, איז אַ ריזיקער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט דיסקוטירן מיטן גענעראַל. זיין ציל איז געווען אָנצובינדן מיט אים אַ וואָס ענגערן קאָנטאַקט.

ער האָט גוט געקענט די פסיכאָלאָגיע פון די אַראַבער און געוווּסט, אַז אויך דער גענעראַל איז נישט באַפרייט פונעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן שטריך, אַ דאַנק וועלכן מען קען געווינען זיין האַרץ. ער איז גרייט צו גיין אין פייער אַריין פאַר אַ מענטש, פאַר וועלכן ער קען זיך אויסגיסן זיין ביטער האַרץ אין מאָמענט, ווען עס עפנט זיך אַפילו אויף אַ קורצער צייט.

אלי האָט שוין דעמאָלט גוט געקענט די געשיכטע פון דער באַאַט־פאַרטיי און האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו שטעלן די פראַגן, אַז זיי זאָלן אָנרעגן כאפעזן צו ענטפערן אויף זיי באַריכות. ווי יעדער אַקטיוויסט פון דער אַראַבישער פאַרטיי, האָט אויך אל־כאפעז געמוזט זיין זייער פילבאַר לגבי אַלעם, וואָס רירט אָן די פּאָזיציע און די געשיכטע פון דער פאַרטיי, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די רומרייכסטע אויפן מיטעלן מזרח. אלי האָט געזאָגט:

„איר, ה' גענעראַל, זאָגט, אַז דער באַאַט וועט אינגיכן קומען צו דער מאַכט. ווי אַזוי שטעלט איר עס זיך פאָר? זי עקזיסטירט דאָך ערשט אַ קורצע צייט און האָט נאָך נישט קיין סך מיטגלידער".

אל כאפעז האָט אים נישט געלאָזט וואַרטן אויף קיין ענטפער און ער האָט גיך גערעדט:

„טייערער פריינט, איר האָט אַ גרויסן טעות. זינט דעם יאָר 1942, ווען מישעל אפלאג איז אַוועק פון זיין פעדאַגאָגישער אַרבעט און געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר, איז באַאַט פאַקטיש געוואָרן אַ גרויסע פאַרטיי. אפשר נישט אַזוי גרויס ווי שטאַרק, אַקטיוו און דינאַמיש.

אונדזער מענטש אין דמשק

אין יאָר 1947, ווען די פראַנצויזן זענען אַרויס פון סיריע, האָט די פּאַרטיי געציילט איבער 1.000 מיטגלידער, די בעסטע מענטשן אין סיריע".

אלי האָט נאָך געפּרוּווט באַרירן דעם דורכפאַל אין פּאַלעסטינע אין יאָר 1948, אָבער כאַפעז האָט עס פאַרענטפערט מיט דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור אין די אַראַבישע לענדער, מאַנגל אין אייניקייט, קאָנפליקטן, וואָס דערלאָזן נישט די אַראַבער אויס־נוצן זייער מעכטיקן פּאָטענציאַל. ער האָט אַליין איבערגעגעבן אויך דעם איצטיקן מצב פון דער פּאַרטיי.

„מיר האָבן איצט 50 טויזנט מיטגלידער, וואָס זענען אָרגאַ־ניזירט אין אַכט־פּערזאָניקע קעמערלעך און זענען צעוואָרפן איבער אַלע אַראַבישע לענדער. מיר קאָנען זיין נאָך אַמאָל אַזוי גרויס, אָבער מיר זענען זייער פּאָרזיכטיק ביים צונעמען מיטגלידער. מיר היטן זיך פאַר שוויצערס, אַוואַנטוריסטן, ליידיקגייער אָדער אַגענטן פונעם שונא".

כוח פון נאסטאלגיע

אלי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, דערלאַנגט דעם גענעראַל און נאָכדעם פאַר זיך אַליין אָנגעצונדן און איינגעאָטעמט פולע לונגען, דאָס האָט אים דערלויבט צו כאַפּן דעם געדאַנק פאַר ווייטערדיקע פראַגן:

„זאָגט מיר, ה' גענעראַל, וואָס פאַר אַן אויסזיכטן האָט מען צו ווערן אָנגענומען אַלס מיטגליד אין דער פּאַרטיי?"

„מיינט איר דען אומצוקערן זיך קיין סיריע?" — האָט אל כאפעז געפרעגט.

אלי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פאַרטראַכטן בליק און געשוויגן. באַלד האָט ער זיין בליק אָנגעשטעלט ערגעץ אויף אַ פונקט אין חלל פונעם צימער. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

„איר ווייסט, ה' גענעראַל, טיילמאָל כאַפּט אייך אָן אַזאַ בענקשאַפט, כאָטש אַ קוק צו טאָן נאָכאַמאָל אויפן פאָטערלאַנד, באַזוכן דאָס הויז ווו מען האָט געוווינט, דורכגיין די גאַסן, אין וועלכע מען האָט זיך געשפּילט, דערמאָנען זיך די וווּנדערלעכע קינדהייט... עס ווערט דעמאָלט שווער צו לעבן דאָ אַפילו אין די בעסטע באַדינגונגען. דאָ בין איך, ביי מיין גאַנצער רייכקייט, אַ פרעמדער".

אלי כהן

דעם גענעראַלס פּנים איז געווען אומבאַוועגלעך און ער איז געבליבן קאַלט און אָפיציעל. עס האָט אויסגעזען ווי אַליס רירנדיקע נאָסטאַלגיע האָט אויף לגמרי נישט געווירקט. ער האָט גערעדט מיט אַ טרוקענער שטים:

„דער סטאַטוט פון דער פּאַרטיי שטעלט פעסט, אַז אַלס מיט־גליד קען מען ווערן אַנגענומען נאָך אַ מינימום פון צוויי יאָר קאַנדידאַטור, אין וועלכע ער דאַרף דורכגיין די עקזאַמענס פון ערלעכקייט, פון ערלעכן שטרעבן צום ציל. אָבער אויב איר וועט דווקא וועלן, קענט איר אויסנוצן מיין פריינטשאַפט און זיך איינשפּאָרן די צוויי יאָר קאַנדידאַטור".

אליס פּנים האָט געשטראַלט פון דאַנקבאַרקייט:

„איך וועל אייך, ה' גענעראַל, זיין זייער דאַנקבאַר".

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און וואַרעם געדריקט אל כאפעזס אויסגעשטרעקטע האַנט, זאָגנדיק דערביי:

„איך האָף, ה' גענעראַל, אַז מיר וועלן זיך אינגיכן ווידער זען".

דער גענעראַל האָט שטייף, אָבער מיט אַ וואַרעמער נאָטע אין זיין שטים, געזאָגט:

„אָן שום צווייפל, איך וועל אייך געדענקען צום גוטן".

נזירות פון א פרומען מוסולמענער

דאָס איז געווען ביים סוף פון יאָר 1961, ווען אלי איז אַרויס־געשיקט געוואָרן אינעם לייבן־גרוב, ווו ער האָט נישט געקענט האָפן אויף קיין שום הילף און איז געווען אויסגעשטעלט נאָר אויף זיך אַליין, אויף זיין אייגענער פלינקייט און פעאיקייט אַרויס־צודרייען זיך פון די געפערלעכסטע סיטואַציעס.

פאַרן אַרויפגיין אויפן עראָפּלאַן, וואָס האָט אלין געפירט פון לוד קיין מינכען, דייטשלאַנד, האָט ער זיך ווידער אַמאָל געטראָפן מיט זלמנען, וועלכער האָט אים געגעבן גענויע אינסטרוקציעס אויפן ווייטערדיקן וועג:

„דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט געפינט זיך ביי זעלינגערן, מיט וועלכן דו וועסט זיך טרעפן אין מינכען. ער וועט אים דיר איבערגעבן צוזאַמען מיט די דאָקומענטן אויף דיין פאַלשן נאָמען. ווען דו וועסט אָנקומען קיין דמשק, וועט זיך מיט דיר פאַרבינדן עמעץ פון סירישן ראַדיאָ, אויך אַזאַ „אימיגראַנט" ווי דו, אָבער דו דאַרפסט

צו אים נישט האָבן צופיל צוטרוי, נישט זוכן אים. זיין אויפגאַבע איז צו געפינען דיך און אָנצובינדן מיט דיר אַ קאָנטאַקט״.

איבער אליס פנים האָט דורכגעשוועבט אַ טונקעלער וואָלקן. זלמן האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

„פאַרגעס נישט, אַז אויך דאָרט וועסטו נישט זיין אַליין. מיר זענען מיט דיר, אויף דעם זעלבן שיפל, און מיר פאַרגעסן נישט אין דיר אויף קיין איין מינוט״.

גלייך ווי דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט אויפן פלי־פּלאַץ אין מינכען, האָט שוין דאָרט זעלינגער געוואַרט און אַזוי ווי אלי איז אַריינגעקומען אינעם פּאַסאַזשיר־זאַל איז ער צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט מיט אים, געפרעגט ווי ער פילט זיך. אלי האָט געענטפערט:

„אויסגעצייכנט, ס'איז מיר שוין נמאס די כסדרדיקע געשפּאַנט־קייט... איך וואָלט שוין געוואָלט טאָן עפּעס אויף אַן אמת״.

זעלינגער האָט געשמייכלט. ער האָט אַרויסגענומען אַ שאַכטל שמעקעדיקע פּאַפּיראָסן און דערלאַנגט אליך, וועלכער האָט אָבער זיך העפלעך אָפּגעזאָגט. זעלינגער האָט אים געפרעגט:

„דווקא איצט, אין אַזאַ שפּאַנונג האָט איר אויפגעהערט צו רויכערן?״

„איך מוז זיך צוגעוווינען צו אַ ביסל גזירות... איר פאַרגעסט, אַז איך בין אַ מוסולמענער און טאָר נישט קיין סך רויכערן און נישט טרינקען״.

זעלינגער האָט איראָניש געשמייכלט:

„אויב אַזוי, וועל איך זיך דערלויבן איינצולאַדן אייך אין רעסטאָראַן אויף דער צווייטער זייט גאַס... איך, למשל, וואָלט אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרבעט, ווען איך וואָלט געדאַרפט אויפ־הערן טרינקען אָדער רויכערן. וואָס נאָך האָט אַ מענטש אויף דער וועלט חוץ די צוויי הנאות?״

א „מינימום״ פון א מיליאנער

אין דעם קאַפע־הויז, נישט ווייט פונעם פלי־פּלאַץ האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פאַרשאָטנט ווינקל און זעלינגער האָט אים גענומען איבערגעבן די לעצטע אינסטרוקציעס:

„אין דער דאַזיקער טעקע וועט איר האָבן אַלץ וואָס איז אייך

נויטיק. איר האָט דאָ די מאָדערנסטע אויסשטאטונג פאַר אַ שפּיאָן: פּאַפּיר, אויף וועלכן מען שרייבט מיט אומזעבאַרער טינט; אַ קליי־נעם טראַנזיסטאָר מיט אַ זענדער, אַן עלעקטרישן ראַזיר־אַפּאַראַט, אין וועלכן עס איז פאַראַן אַן אַנטענע; דינאַמיט־פינגער ליגן אין דעם שטיקל זייף. איר האָט אויך דאָרט ציאַניד־טאַבלעטן אויפן פאַל פון זעלבסטמאָרד".

ביי די לעצטע ווערטער האָט זעלינגער אָנגעשטעלט אויף אים זיין בליק, געוואָלט זען זיין רעאַקציע. אלי האָט פאַרשטאַנען, וואָס יענער דערוואַרט פון אים צו הערן און האָט געזאָגט:

„כ׳וויס... ווען עס וועט שוין זיין ניִשט קיין שום אויסוועג".

זעלינגער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אלי האָט קוים באַמערקט זיין לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ. נאָך אַ ווײַלע שוויַיגן, האָט ער זיך אָנגערופן:

„בעסער נישט טראַכטן וועגן דעם. אין דאָזיקן מאָמענט דאַרפן מיר טראַכטן ווי אַזוי דורכצופירן די אַלע זאַכן דורך דער סירישער גרענעץ, וואָס איז לעצטנס געוואָרן איינע פון די פילבאַרסטע גרענעצן אין דער וועלט. די איינציקע מעגלעכקייט איז דורכצופירן עס דורך לבנון, אָבער דאָס איז אויך נישט לייכט".

ווידער איז אַריינגעטראָטן אַ שטילשוויַיגן. זעלינגער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. באַלד אָבער האָט זיך פייערלעך צעצונדן אין זיינע אויגן. ער האָט געזאָגט:

„איר פאָרט ארויס פונדאנען מיטן „איירפראנס"־עראָפּלאַן קיין רוים. פון דאָרט וועט איר פאָרן קיין גענואַ מיט דער באַן, זיך איינשאַפן אַ שיפס־קאַרטע און פאָרן מיט דער שיף „אסטאריע", וואָס גייט אַרויס קיין ביירוט דעם 5־טן יאַנואַר. אויף דער שיף וועט זיך מיט אייך פאַרבינדן אַ סירישער אַראַבער, אַ רייזנדער און אַ סוחר, אַזוי ווי איר.. ער וועט אייך דורכפירן די גרענעץ. דאָס איז ביי אים נישט דאָס ערשטע מאָל און מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן".

אלי איז געווען אומגעדולדיק:

„אָבער ביז צום אָפּפאָרן האָב איך נאָך 4 טעג".

„אין אייראָפּע זענען די טעג אַ סך קירצער, ווי אויפן מיטעלן מזרח. חוץ דעם דאַרפט איר דערליידיקן געוויסע פאָרמאַליטעטן. איך מיין, אַז איר וועט דאַרפן פאָרן פריער קיין ציריך ווו מען וועט אייך דערליידיקן די וויזעס קיין סיריע און איטאַליע. דער

אַרגענטינער פּאַספּאָרט וועט אייך נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן... פאַרשטייט זיך, אַז איר קענט עפענען אייך אַ באַזונדערע קאָנטע אין דער שווייצאַרישער באַנק. ביי דער געלעגנהייט קענט איר זיך באַקענען מיט אייער קאָנטאָ אין דער באַנק, כדי צו וויסן אויף וויפל איר קענט זיך דערלויבן... נעמט זיך נישט איבער מיט דער גרויס פון דער סומע, באַזונדערס, אויב איר וועט זיך שטארק נויטיקן, וועט אייך גאָרנישט פעלן. עמעץ, וועלכן איר דאַרפט אַפילו נישט קענען, וועט שוין זאָרגן, אַז אויף אייער קאָנטאָ זאָל זיך שטענדיק געפינען אַ מינימום".

אלי האָט נישט געקענט איינהאַלטן זיין געלעכטער:

„אַ מינימום ?..."

זעלינגערס שמייכל האָט איצט אויסגעזען געגנוג כיטרע:

„יאָ, אַ מינימום, מיט וועלכן יעדער וואָלט זיך געקענט באַרימען אַלס גרויסער מיליאָנער".

אלי איז אַוועק צוריק צום פּלי־פּלאַץ, געקויפט אַ בילעט און אָפּגעפלויגן גלייך קיין ציריך. איירפּאָפּע האָט אים נישט געדייצט. ער האָט אין גאַנץ איירפּאָפּע געזען נישט מער ווי אַ מיטל, אַ קאָמוניקאַציע־וועג צו זיין אמתן ציל. ער האָט זיך אינגאַנצן נישט איבערגענומען מיט דער נייער לאַנדשאַפט. אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט זיינע נייע אויפגאַבן, וועלכע ער האָט אָפּגעשאַצט אין דער גאַנצער וויכטיקייט.

אויף דער שיף קיין ביירוט

„אסטאָריא" איז געווען אַן איינפאכע פּאַלקס־שיף. דער רוב פון די פּאסאזשירן איז באשטאַנען פון נידעריקערן קלאַס, קליינע סוחרים, וואָס זענען געפאָרן קיין ביירוט אָדער קיין דמשק דורך ביירוט, מיט אויסזיכטן אויף קלענערע געשעפטן. ווען אלי איז ארויף אויף דער שיף און דערזען פאַר זיך מערסטנס אראבישע פּאסאזשירן, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. די שפּראַך און די מנהגים זענען אים געווען באקאנט און די מענטשן — לייכט צום דערעדן זיך און דעראָבערן פאר זיינע צילן.

ער האָט אייגנטלעך נישט געהאט קיין שום זאָרגן, בלויז דאָס דערקענען לויט די געזיכט־שטריכן דעם פאַרבינדלער...

דורכן קאפּיטאַן פון דער שיף איז ער אויפגענומען געוואָרן

זייער פריינטלעך, ווייזט אויס, אז עס האָט אים עמעץ געזאָגט אויפן אויער, אז דאָס איז א רייכער און ברייט־האַרציקער דמשקער סוחר.

אלי איז ארויף אויפן צענטראַלן דעק, אוועקגעשטעלט זיך ביי דעם אייזערנעם פּאַרענטש און אַרויסגעקוקט אויף די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקלאַפּט ביים באָרט פון דער שיף. עס איז געווען נאכט, דער זון־אונטערגאנג איז דאָ געווען א פּרעכטיקער און ווען די לבנה האָט גענומען שיינען, האָט ארום געהערשט א ראָמאַנטישע שטימונג...

אין שיין פון דער לבנה האָט אלי דערזען נעבן זיך א געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן פּאָרענטש, ווי פאַרקוקט אין די כוואַליעס, אָבער מיטאמאָל האָט ער דערהערט זיין שטילע שטים: „קאמעל״? — האָט דער מאַן פאָרזיכטיק איבערגעפרעגט.

אלי האָט באשטעטיקט מיט א שטילן ברום און שאָקל מיטן קאָפּ. יענער האָט אים פונקט אַזוי שטיל געזאָגט:

„קום נאָך מיר״.

אלי האָט אַזוי געטאָן, איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיין קאַיוטע, ערשטע קלאַס. דאָרט האָט ער זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, דערלאנגענדיק אים די האנט:

„מיין נאָמען איז מאזשאט שייך אל־אראד״.

ער האָט דערביי ארויסגענומען א פּעקל פּאפּיראָסן און מכבד געווען אלין. דאָס איז געווען א שמעקעדיקער מצרישער פּאפּיראָס. אלי האָט הנאהדיק געשמייכלט און געזאָגט:

„איך מיין, אַז איר ווייסט אַלץ וועגן מיר״.

„אלץ איז נישט מעגלעך צו וויסן. מיר האָט מען געזאָגט, אז איך דאַרף אייך העלפן דורכגיין די סירישע גרענעץ. איך טו עס, ווייל איך האָב נישט איבעריק ליב די גרענעץ־וועכטער און באזונדערס די שפּיצן פון סירישן מיליטער. ווי מיינט איר, זענען זיי אייך סימפּאטיש?״.

אלי האָט אויסמיידנדיק געענטפערט:

„איך ווייס... אפשר וועלן זיי שוין נישט זיין ווען מיר וועלן אהינקומען״.

אוואנטוריסטיש בלוט

מאזשאט האָט אלין געקלאַפּט איבערן אקסל, מודה געווען, אז מען האָט אים באצאָלט דערפאַר, אָבער נישט אַלץ טוט ער פאַר

געלט. עס טרעפט, אז ער האָט זיין אייגענע מיינונג וועגן געוויסע זאַכן און דעמאָלט טוט ער ווי אים געפעלט...

אלי האָט אים געבעטן, ער זאָל אים דערציילן וועגן זיך, גע־מאכט אים א קאָמפּלימענט, אז ער האָט געהערט וועגן אים, ווי וועגן א פעאיקן סוחר, אַן ענערגישער געשעפטס־מאַן. מאזשאד האָט עניוותדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן:

„מען דאַרף נישט איבערטרייבן, מיין הער. איך האָב געמאכט אַ געוויסע קאַריערע, אָבער נישט קיין באזונדערס וויכטיקע. איר פארשטייט, אין דמשק קען מען מיך אלס גוטן סוחר, מענטשן זע־נען מיך מקנא. אויך די מאכט האָט נישט באזונדערס געגרן זעלב־שטענדיקע מענטשן... אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך מערסטנס געווען אין דייטשלאנד. איך בין געווען א צושטעלער פון סחורות, געקויפט מיליטערישע אויסשטאַטונג און געמאכט גוטע געשעפטן מיט די נאַצישע מיניסטעריומס. איך האָב גאָרנישט געהאַט קעגן זיי. מיר איז אפילו געווען סימפּאַטיש ווי אזוי זיי האָבן ליקווידירט די יידן. איך אליין קען קיינעם נישט טאָן קיין שלעכטס, נישט קיין ייד און נישט קיין אַראַבער. איך האָב אפילו א יידישע פרוי פון דמשק... אדאנק איר טאקע האָב איך עס באקומען די סירישע בירגערשאַפט".

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געמאכט דעם אָנשטעל, אז דאָס איז אים זייער סימפּאַטיש און געפרעגט:

„און נאָך דער מלחמה?"

„נאָך דער מלחמה איז געווען אביסל שווער. איר פארשטייט דאָך, ביז אַלץ אָרגאניזירט זיך, מען שטעלט איין אָרדענונג אין דער וועלט און מענטשן הערן אויף ליב צו האָבן אוואנטוריסטישע געשעפטן... צו שפּעט בין איך געקומען צום אויספיר, אז איך בין א מענטש, וואָס בין מצליח דווקא אין שווערע צייטן, בעת מלחמות, איבערקערענישן און אַנדערע אַזעלכע שטורמישע צייטן, וואָס ציען זיך לאנג... ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין קאָרעא, האָב איך אין אונ"אָ געזוכט פּראָטעקציע ווי אזוי צו פאָרן אהין, אָבער עס איז מיר נישט געגאנגען. בין איך דערפאַר געפאָרן קיין אר־געטינע אַ־ן דאָרט אַנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן. עך, דאָרט קען מען מאַכן א משוגע לעבן. איך האָב דאָרט געטראָפן א סך באַקאַנטע פון דער מלחמה־צייט. דאָרט טרעפט מען צענדליקער אגענטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

ווער נאָר עס האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק, קען זיכער

זיך דאָרטן גוט איינאָרדענען. דאָרט טאַקע איז מען געקומען צו מיר, געבעטן מיך, איך זאָל אייך העלפן אריבערגיין די גרענעץ".
אלי האָט געפרעגט, כדי צו ציען ווייטער דעם שמועס:
„וואָס וועט זיין, אויב מען וועט אייך אמאָל כאַפּן?"
מאַזשאַד האָט זיך א קראַץ געטאָן אין קאָפּ, אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט און מיט א מעלאַנכאָלישער שטים געזאָגט:
„איך האָב וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט... ווייזט אויס, אז עפּעס איז פאַראַן ביי מיר אין בלוט, וואָס מאַכט פון מיר אַן אוואַנ־טוריסט, א טיפּ, וואָס לעבט בלויז מיטן היינט. און וואָס עס וועט זיין מאָרגן — „אינשאַללאַ"".
מאַזשאַדס דערציילן האָט אלין פאַרכאַפּט און ער האָט נישט געפילט, ווי דער פאַפּיראָס איז פאַרלאָשן געוואָרן. זיי זענען נאָך א לאַנגע צייט געזעסן און גערעדט. ביים געזעגענען זיך האָט מאַ־זשאַד געזאָגט:
„בעסער מיר זאָלן זיך נישט צופיל באַגעגענען ביז מיר וועלן אָנקומען אויפן פּאָרט אין ביירוט. איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איך וועל שוין זאָרגן פאַר אייך די גאַנצע צייט ביז מיר וועלן זיין אין דמשק".

א טוריסט אין לבנון

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען אין ביירוט, די שיף האָט פאַר־אַנקערט און מען האָט זי צוגעבונדן צום פּעראָן. די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן אראָפּצוגיין. אויפן פּראָנט פון דער געביידע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער צאָל־אַמט, איז געהאַנגען א גרויסער טראַנספּאַרענט מיט דער אַראַבישער אויפשריפט: „ברוכים הבאים".
אלי האָט זיך ארומגעקוקט. פון דערווייטנס האָט מען געזען די בערג און די געביידעס פון דער שטאָט, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס פּאַריז פון מיטעלן מזרח. ער האָט זיך אויס־געגלייכט, פאַראַכטן זיך דעם קראַוואַט און גענומען זיין טעקע.
אויף דער פראַגע פון דעם צאָל־באַאמטן, וואָס ער האָט צו דעקלאַרירן, האָט אלי געשמייכלט און זיינע אויגן האָבן זיך צו־נויפגעטראָפן מיט מאַזשאַדס בליק. יענער איז צוגעגאַנגען צום צאָל־באַאמטן, עפּעס אים איינגערוימט אין אויער און דער באַאמ־טער האָט גלייך גענומען קוקן אויף אלין ווי אויף א וויכטיקע פּער־

זענלעכקייט. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ העפלעכער שמייכל מיט א סך פאַרשטענדעניש פאר וויכטיקע מענטשן, באזונדערס מיט אָפענע הענט.

אויף מאזשאדס ווונק האָט אלי ארויסגענומען אַ הונדערט דאָלאר און עס ארייננעשטעקט אין דעם באאמטנס אויסגעשטרעק־טער האנט.

ביים ארויסגיין איז מאזשאד צוגעגאַנגען צו א טעלעפאָן־ביידל און זיך פאַרבונדן מיט זיין שאָפער. ער האָט באַשלאָסן, אז צו דער סירישער גרענעץ זאָלן זיי פאָרן אין זיין אייגענעם אויטאָ.

דערווייל זענען זיי אריינגעגאנגען אין א קאַפע־הויז, באשטעלט אַ קאַלטן געטראנק און זיך אוועקגעזעצט ווי צוויי וויכטיקע סוחרים. אלי האָט זיך געוואָלט ארומקוקן, באטראכטן די פארשוינען, וואָס זענען דאָרט געזעסן. אָבער באלד האָט זיך דערהערט איני־דרויסן א סיגנאַל און מאזשאד האָט מיט א שאָקל מיטן קאָפּ גע־געבן צו וויסן, אז מען דאַרף גיין.

אלי האָט אוועקגעשטעלט זיין פלעשל אויפן טיש, געזאָגט דעם קעלנער א דאנק, געלויבט דאָס געטראנק, אז עס דערפרישט אין אַזאַ הייסן טאָג, און איז צוזאַמען מיט מאזשאדן אַרויס אין גאַס.

ביים טראָטואר האָט שוין געוואַרט דער אויטאָ, אין וועלכן ביידע זענען איינגעשטיגן און מאָמענטאַל האָט די מאַשין גערירט פון אָרט און מיט דער גאנצער שנעלקייט גענומען גאַלאָפּירן אי־בער די רוישיקע ביירוטער גאַסן.

אלי האָט גיריק געשלונגען די בילדער און זיינע אויגן האָבן איינגעקריצט אין זכרון אַלץ, וואָס האָט פארבייגעשוועבט אין די גאַסן. זיין געדאַנק האָט פיבערהאפטיק געאַרבעט, האָט פארבונדן דאָס אַלץ וואָס ער האָט געזען אויף זיין לאַנגן וועג, און מיט צו־פרידנקייט, וואָס קיין זאַך איז אים נישט ארויס פון זכרון, האָט ער צו זיך געשמייכלט.

מאזשאד האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

„איר זעט אויס הנאה צו האָבן פון לבנון”.

אלי האָט געענטפערט:

„אָהאָ... איך האָב געטראַכט ווי לייכט מען קען דאָ איבערצייגן די צאָל־באאמטע”.

מאזשאד האָט זיך פאַרויכערט א פאפיראָס און מיט דער גאנ־צער ערנסטקייט מסכים געווען:

„לבנון איז אַ ליבעראל אַראַביש לאַנד, האַלט זיך אויס פון

טוריסטיק און קיינעם פאַלט דאָ נישט איין צו מאַכן שוועריקייטן א טוריסט".

אלי האָט נישט אָפּגעלאָזט:

„אָבער פאַרוואָס האָט ער נישט געפּרוווט אפילו א קוק טאָן אין מיין וואַליזע? אפשר פיר איך כאַשיש? אפשר האָב איך מיט זיך א געהיימען ראַדיאָ־זענדער?"

„פאַרוואָס זאָלט איר אזעלכעס טאָן? איך אליין בין איבער־צייגט, אַז איר פירט געשמוגלטע סחורה אין אייער באַגאַזש, אפשר טאָקע כאַשיש. אָבער דעם צאָל־באאמטן האָב איך געזאָגט, אז איר פירט פּאָרנאָגראַפישע ליטעראַטור".

אלי איז געווען צופרידן. ער האָט געזען, אַז דער מאַזשאַד איז א דורכגעטריבענער פאַרשוין, און קען זיכער אויסגעצייכנט דאָס געשעפט פון דורכשמוגלען.

די „קאָנטראָל" אויף דער סירישער גרענעץ

דער אויטאָ, אין וועלכן שייך מאַזשאַד און אלי כהן זענען גע־פאָרן, האָט זיך מיטאַמאָל פאַרהאַלטן. זיי זענען געווען ביי דער סיריש־לבנונישער גרענעץ.

אין באַגאַזשניק זענען געלעגן אליס וואַליזעס, פול געפּאַקט מיט זענדער־אויסשטאַטונג און אנדערע געפערלעכע מאַטעריאַלן. דער קאָנטראָלער, וואָס איז צוגעקומען צו דער מאַשין, האָט אויס־געזען צו זיין פריילעך און געריבן זיך די הענט מיט הנאה. די לוקסוסאַרטיקע לימוזינע האָט אויסגעזען צו פירן מיט זיך זאַכן, וואָס גיבן אָ מעגלעכקייט אָפּצולעקן א ביינדל.

דער סירישער אָפיציר האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פענצ־טערל פונעם אויטאָ און אויסגעצויגן די האַנט נאָך דעם פּאַספּאָרט. ביידע האָבן דערלאַנגט זייערע פּאַספּאָרטן מיט די אריינפאָר־וויזעס. ער האָט פאַרגליכן די פּאָטאָגראַפיעס פון זייערע דאָקו־מענטן מיט זייערע פּנימער און האָט זיי צוריק דערלאַנגט די דאָ־קומענטן, פרעגנדיק דערביי צי זיי האָבן וואָס צו דעקלאַרירן.

אין דעם מאָמענט איז שייך מאַזשאַד ארויסגעגאַנגען פונעם אויטאָ און פריילעך אויסגערופן:

„אבו כאַלדון, דו שפּאַסט? שוין אזוי לאַנג ווי מיר האָבן זיך נישט געזען" — האָט ער אים געקלאַפּט איבערן אַקסל.

עטלעכע מינוט זענען זיי געשטאַנען ארומגענומען און געהאלדזט זיך אויפן מזרחדיקן שטייגער. דערנאָך האָט אלי באמערקט ווי זיי שעפטשען עפעס איינער צום אַנדערן און באלד איז שייך מאזשאד צוריקגעקומען צו דער מאַשין, אָפגעזיפצט מיט דערלייכטערונג און געזאָגט דערביי צו אלין:

„אוי, מיין פריינט, אבו באלדון געפינט זיך אין פינאַנסיעלע שוועריקייטן. מיט 500 דאָלאר קען מען אים אָפּראַטעווען".

כהן האָט מיט פאַרשטענדעניש געשאָקלט מיטן קאָפּ, ארויסגענומען דאָס געלט און עס דערלאַנגט מאזשאדן, וועלכער האָט עס באלד ארייגעשטעקט דעם אָפיציר אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן דער שלאַבאַן און די לימוזינע האָט זיך לייכט ארייגעגליטשט אויף דער סירישער טעריטאָריע אין דער ריכטונג פון דמשק.

אויפן וועג האָט אלי נישט געקענט איינהאַלטן זיין נייגעריקייט און געפרעגט:

„צי איז אבו כאלדון דיינס א קרוב, צי א באקאנטער?"

מאזשאד האָט אויף אים אָנגעשטעלט א פּאָר פארוואונדערטע אויגן:

„אבו כאלדון? צום ערשטן מאָל רעד איך ארויס דעם דאָזיקן נאָמען. דער דאָזיקער אָפיציר הייסט גאָר נאצער אדין וואלדי. מיר האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געטראָפן, אָבער שוין זייער לאַנג..."

אין די הויכע פענצטער פון דמשק

אין די רוישיקע גאַסן פון דמשק איז געווען לייכט צו פאַרלירן זיך. וואָלט מען אויף אלין ארויפגעלייגט די אויפגאבע אויסצומישן זיך מיט דער מאַסע, וואָלט נישט געווען עפעס לייכטערס ווי דאָס צו טאָן. אָבער אויף אים האָט מען ארויפגעלייגט די אויפגאבע אויסצוטיילן זיך פון אלע, שוין פון דער ערשטער מינוט.

ער האָט דערפאַר מיט דער הילף פון שייך מאזשאד געדונגען אַ פּרעכטיקע ווילע קעגנאיבער דעם שטאַב פון סירישן מיליטער. דאָס איז געווען זייער א רייכע געגנט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען א הויז, אין וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהאלטן די אָפיציעלע סירישע מלוכה־לייט. דאָרט זענען אויך געווען די הייזער פון אויסלענדישע אמבאַסאַדאָרן.

אלי כהן

שטייענדיק איצט ביים פענצטער האָט אלי אָבסערווירט די וווּנדערלעכע לאַנדשאַפט און דערביי אין געדאַנק מודה געווען, אַז קיין שום הויז אין יעדן אַנדערן אָרט וואָלט נישט ווערט געווען דעם הויכן פּרייז, וואָס ער צאָלט פאַר דער דאָזיקער ווילע.

אים איז, פאַרשטייט זיך, נישט געגאַנגען בלויז אין דער שיי־נער לאַנדשאַפט... דערפאַר ווען דער באַלעבאָס האָט אים געבעטן צו באַצאָלן פאָראויס פאַר אַ גאַנץ יאָר, האָט אלי לאַנג נישט גע־טראַכט און גלייך אים אויסגעצאָלט די 1300 סירישע לירעס. די באַרימטע אַראַבישע מידה פון פלאַפלען, האָט אלי געוווּסט, וועט באַלד לאָזן אין גאַנג די ידיעה וועגן דעם נייעם ברייט־האַרציקן לאָקאַטאָר און אַ סך וועלן זיך צואײַלן מיטן קומען צו אים און פּרוּוון זיך פאַרעכענען פאַר זיינע נאָענטע מענטשן.

זיינע ערשטע טעג אין דמשק האָבן אים באַפרייט פון יעדן חשד און מורא. ער האָט זיך גיך דערפילט פריי. חוץ דער שיינער ווילע איז אויך די צייט געווען אַ באַקוועמע אַריינצודרייען זיך אין די קרייזן פון דער העכערער געזעלשאַפט, וואָס האָט געהערט צו דער הערשנדיקער קאַסטע.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אויפגעלייזט געוואָרן די פאַר־אייניקטע אַראַבישע רעפּובליק און די נייע מאַכטהאָבער האָבן זיך בעיקר פאַרנומען מיט די, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר מצרישע סימפּאַטיקער. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ קאָנטער־איבערקערעניש לטובת די מצרים. אויך די געהיים־דינסט איז בעיקר געווען פאַרנומען מיטן דאָזיקן פּראָבלעם און דער שפּיאָנאַזש אין אַלגעמיין איז געווען אין אַ געווויסער מאָס פּאַראַלי־זירט.

אין יענער צייט האָט די הערשנדיקע קאַסטע געזוכט בייע מענטשן און אלי כהן האָט אויסגענוצט צו זיין דער כּוח, וואָס פאָדערט זיך פאַר דער נייער מאַכט. ער איז געווען אַ באַגייסטערטער פּאַ־טריאָט, ער האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד, דערצו האָט ער אויך געהאַט אַ ברייטע האַנט און איז גיך געוואָרן פּאָפּולער אַלס מיליאָנער און דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן. ער האָט אויסגענוצט צו זיין דער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט.

אָן שום ספק האָבן אויך צוגעהאָלפן דערצו די רעקאָמענדאַציע־בריוו, וועלכע האָבן געעפנט פאַר אים די טירן פון דער הויכער געזעלשאַפט. זיין יחוס האָט אויסגענוצט צו זיין אומבאַשטרייטבאַר. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס טשעק־ביכל, וואָס האָט אַרויסגע־

אונדזער מענטש אין דמשק

רופן אַזויפיל רעספּעקט ביי די דמשקער סוחרים און באַנקירן — די קרייזן, וועלכע האָבן פינאַנסירט די איבערקערעניש דעם 29־טן סעפּטעמבער 1961.

מיט די געלטער, וואָס זענען געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע, האָט אלי באַשלאָסן צו פאַרקערפּערן מיט זיך ביזן סוף די גע־שטאַלט פון אַ געשווירענעם באַאַטיסט און אַ רייכן ברייט־האַרציקן סירישן פּאַטריאָט.

ער האָט געשפּענדעט געלטער פאַר דער פּאַרטיי, ער האָט אויך אויפגעשטעלט אַ ספּעציעל הויז, וווּ די אַרעמעלייט פון דמשק האָבן באַקומען צו עסן און טרינקען, ווי אויך נאַכט־געלעגער. געווען דאָרט אויך אַ קלוב.

דערביי האָט אלי אין דער ערשטער פּאַזע באַמיט זיך נישט צו שטופּן צופיל צווישן די מענטשן פון נייעם רעזשים. אין יענע טעג איז געווען זייער וויכטיק אין סיריע דער פּרינציפּ פון אָפּהיטן דאָס גלייכגעוויכט ביים גיין אויף אַ שטריק. עס זענען אָבער גע־נוג געווען עטלעכע גרויסמוטיקע זשעסטן, אַז אַלעמענס אויגן זאָלן זיין געווענדן צו אים און פון אומעטום זאָל שטראָמען צו אים די וואַרעמסטע אויפמערקזאַמקייט.

באַזונדערס האָבן זיך באַמיט אַ ריי רייכע סוחרים, וועלכע האָבן געחלומט צו האָבן אלין פאַר אַן איידעם. אלי האָט דערווייל אָפּגעוואָרפן אַלע חתונה־פאַרשלאַגן און אים איז געלונגען צו בלייבן דער פּאָפּולערסטער קאַוואַלער אין דמשק.

אלי כהן

צווייטער טייל

צענזאר פון פראפאגאנדע־מאטעריאל אין ראדיא

אין א געוויסן אָוונט האָט אין דער טיר פון זיין דירה אָנגע־קלאפט א סימפאטישער מאן, מיט א שווארצן קאָפּ האָר און קיי־לעכדיק פנים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס דער, וואָס פירט אָן מיט די אויסלענדישע אודיציעס פון דעם ראדיאָ דמשק.

דערהערנדיק זיין נאָמען האָט אלי מיט געקינצלטער התפעלות אויסגערופן:

„סאַלעם טייף, אַ, ווי איך פריי זיך אייך צו באַקענען".

סאַלעם האָט וואַרעם געדריקט זיין האנט און זיך געוווּנדערט:

„האָבן מיר זיך דען אמאָל באגעגנט?"

אלי האָט נאָך אַלץ גערעדט מיט דער זעלבער וואַרעמקייט:

„ניין. אָבער איך האָב וועגן אייך זייער פיל געהערט, און איך האָב זיך צוגעהערט אָפט צו אייערע אודיציעס זייענדיק נאָך אין אַרגענטינע".

„איך פריי זיך זייער דאָס צו הערן — האָט סאַלעם געזאָגט מיט אויסדריקלעכער באשיידנקייט — אגב מיין איך, אז איר ווייסט גענוי צוליב וואָס איך בין אהער געקומען".

אלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„יאָ. איך האָב געהערט, אז עס איז פאַראַן א ספּעציעלער פּראָ־פאגאנדע־מאטעריאל פאר אויסלענדישע אודיציעס און אז איך דאַרף אים איבערקוקן".

סאלעם האָט מיטן זעלבן באַשיידענעם טאָן געזאָגט:

„דאָס קלינגט אויסטערליש. אָבער איך בין שוין אזעלכער, אז אויב מען פאַרלאַנגט עפּעס פון מיר נישט אומזיסט, בין איך תמיד גרייט אנטקעגנצוקומען..."

אלי האָט זיך באמיט וואָס גיכער צו באפרייען אים פון יעדן צווייפל:

„איר פארשטייט? איך בין לאַנגע יאָרן געווען אין אויסלאנד

און איך מיין, אז איך קען גוט די שטימונגען צווישן די סירישע בירגער, ווען זיי געפינען זיך ווייט פונעם פאָטערלאַנד און איך ווייס וואָס זיי ווילן הערן אין די אוידיציעס אין דער אראבישער שפּראַך".

סאלעם סייף האָט זיך הכנעהדיק פאַרנויגט:

„דער גאנצער מאטעריאל וועט געשטעלט ווערן צו אייער דיספּאָזיציע, ה' טאבעט. איך באקום דאָס מאטעריאל סטאביל פון נעם אינפאָרמאציע־מיניסטער. אין מערסטנס פאלן דאַרף איך זאָגן דאָס לעצטע וואָרט לגבי דעם מאטעריאל, וואָס דאַרף גיין אויף אַן אוידיציע. אָבער אין זעלטענע פאלן דאַרף מען צענזורירן אויך מיינע פּראָגראַמען".

אלי האָט געוווסט, אז דאָס איז דער, וועגן וועלכן זלמן האָט אים דערציילט נאָך זייענדיק אין ישראל. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אז די, וואָס האָבן אים מאָביליזירט, האָבן באוויזן צונויפצושטעלן וועגן אים א גאַר געלונגענע דערציילונג...

לויט ווי עס האָט זיך שפּעטער אויפגעקלערט, האָט סייף גע־גלויבט ביז דער לעצטער מינוט, אז קאמעל אמין איז אַן עקסטרע־מער סירישער נאציאָנאליסט, מיט געוויסע פּאָליטישע אינטערעסן, וועלכע עס איז כדאי צו דינען. סייף האָט זיך דעמאָלט געטראכט, ווער ווייסט, צי דער דאָזיקער מענטש מיט אזעלכע פאַרצווייגטע פארבינדונגען און אזא גרויסן פאַרמעגן וועט אין איינעם א טאָג נישט ווערן דער פירער פונעם לאנד, אָדער מינדעסטנס דורכפירן אַן איבערקערעניש אין די שפּיצן.

„די שעה פון עמיגראַנט"

אזוי האָט זיך אנטוויקלט די שטאַרקע פריינטשאפט צווישן סייף און קאמעל, אַ פריינטשאפט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אויסטויש פון אינפאָרמאציעס, אין ענגער קעגנזייטיקער צוזאַ־מענארבעט.

סייף האָט אים געליפערט יעדעס וויכטיקע מאטעריאל, וואָס ער האָט באקומען פון סירישן פּראָפּאגאנדע־מיניסטעריום, און אלי האָט פאַרשטאַנען ווי אזוי אויסצונוצן די אינפאָרמאציעס פאַר זיין מיסיע. יעדן פרימאָרגן צו דער באשטימטער שעה האָט ער איבער־געפירט די נייעס קיין תל־אביב.

אלי כהן

זיינע זענדערס האָבן גענאָסן פון פולשטענדיקער דעקונג — זיינע זענדונגען זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטוב, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פונעם סירישן גענעראַל־שטאַב און זיי האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די טויזנטער אוידיציעס, וואָס האָבן ארומגעשוועבט אויף די כוואַליעס פון דעם דאָזיקן ראַיאָן.

כדי אויסצומיידן די מעגלעכקייט פון אונטערהערן האָט אלי יעדעס מאָל געטוישט דעם סדר פון די אוידיציעס, אין איינקלאַנג צו די באַדערפענישן פון דער שעה.

זיינע פאַרשטאַרקטע פאַרבינדונגען מיט סאַלים סייף האָבן אים דערמעגלעכט דורכצופירן אינספּעקציעס איבער דער ראַדיאָ־סטאַציע. שפּעטער — אין רעזולטאַט פון אַ צופעליקן שמועס — איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער געדאַנק איינצופירן די „שעה פון עמיגראַנט", אַ פּראָגראַם פון אינטערוויוען און שמועסן מיט סירישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן דערציילט וועגן זיך און וועגן דעם וואָס זיי טוען אין אויסלאַנד, אומעטום ווו זיי געפינען זיך. דער אָנפירער און קאָנפעראַנסיע פון דעם דאָזיקן ספּעציעלן פּראָגראַם איז געווען קאַמעל אמין טאַבעט, וועלכער האָט מיטאַמאָל אַרויס־געוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן ראַדיאָפאָנישן טאַלאַנט.

דער ישראלדיקער אינפאָרמאַציע־דינסט, וואָס האָט כסדר נאָכ־געפאָלגט אליס טעטיקייט אין דמשק, האָט סטאַביל גענומען צו־הערן זיך צום דאָזיקן ספּעציעלן פּראָגראַם. לויט אָפּגערעדטע ציי־כנס האָט אלי אַריינגעדרייט אין דאָזיקן פּראָגראַם ידיעות אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם, כדי זיי זאָלן נישט אַרויסרופן קיין שום חשד. ווען אלי האָט עפּעס געדאַרפט צוווייסן טאָן דעם צענטער, אָדער אָנזאָגן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער אַריינגעדרייט אין דעם פּראָגראַם דעם לעצטן זאַץ פון דער דערציילונג „ראָבינ־זאָן קרוזאָ". ער האָט עס געלייענט אין פראַנצויזיש און אין אַ פאַרקערטער אָרדענונג.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם איז נאָך דעמאָלט די אינפאָרמאַציע, וועלכע ער האָט איבערגעפירט, נישט געווען פון קיין באַזונדערער וויכטיקייט.

אין אַ געוויסן אָונט, ווען ער איז געזעסן איבערגעבויגן איי־בער זיין ראַדיאָ־זענדער, האָט ער באַקומען אַ דרינגענדיקע אינ־סטרוקציע פון ישראל, צו טאָן אַלץ אויף צו אַנטדעקן דעם נאַצישן פאַרברעכער פראַנס ראַדעמאַכער, וועלכער האָט זיך אין סיריע באַ־האַלטן הינטער דעם פאַלשן נאָמען דזשאָן ראַזאַלי.

אויף זיין פּראַגע, וואָס עס וועט זיין ווען ער וועט אים אַנט־דעקן, האָט ער באַקומען דעם ענטפער, אַז ער וועט דאַרפן געפי־נען דעם וועג ווי אַזוי אים צו ליקווידירן.

אלי האָט איבערגעריסן די פאַרבינדונג, פאַרויכערט אַ פּאַפּי־ראָס און אַ מינוט זיך פאַרטראַכט ווי אַזוי צו אַנטדעקן דעם ראַ־זאַלי. צוליב די באַדינגונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט געהערשט אין סיריע, האָט עס אין דער ערשטער מינוט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך.

אָבער מיטאַמאָל האָט אין זיין מוח אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ער האָט גיך פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס, אָנגעטאָן זיך דעם מאַנטל און אַרויס פון שטוב.

אויף די שפורן פון נאַצישן פאַרברעכער

דאָס וועטער האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פונעם ווינטער, אַ קאַלט ווינטל האָט אַרומגעהוליעט איבער די גאַסן, ווו מען האָט זעלטן געזען אַ פאַרבייגייער. אלי האָט גיך געשפּאַנט איבער די טראָטואַרן, איז פאַרבייגעגאַנגען די האַלב־פאַרלאָשענע שוי־פענצ־טער מיט א פארנומענעם בליק און האָט נישט געזען וואָס ארום אים טוט זיך. ער איז געגאַנגען גלייך צום פּלאַץ ראַאמאַדאַ.

דער מענטש, וועלכן ער האָט געזוכט, איז געווען אין שטוב. ער האָט הייגט פרי פאַרמאַכט זיין געשעפט פון קרייטעכצער און מציאות. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען שלאָפראָק און ווען ער האָט דערזען קאַמעלן אויף דער שוועל האָט ער פריינט־לעך פאַר אים געעפנט זיינע אָרעמס און פריינטלעך אים באַגריסט:

„ברוך הבא, מיין הער".

דאָס איז געווען מאַזשאַד, וועלכער האָט שוין באוויזן צו עפע־נען זיך אַ געשעפטל אין דמשק.

קאַמעל איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב ווו עס האָט אים אַנט־קעגנגעשלאָגן אַן אָנגענעמער אַראָמאַט פון טאַבאַק, וואָס איז גע־גאַנגען פון דער רויכערנדיקער נאַרגילע. מאַזשאַד האָט אומעטיק גערעדט:

„עס קומט שוין אַן דער ווינטער... אָדער אפשר הויב איך זיך אָן צו עלטערן. איך פיל שוין גוט די קעלט אין די ביינער".

מאַזשאַד האָט דערלאַנגט קאַמעלן די קאַפע, וואָס האָט אַרויס־

געגעבן פון זיך אַ שמעקעדיקן אַראָמאַט.ביידע האָבן זיך באַקוועם צעזעצט אין די פאָטעלן און גענומען פאַרפירן אַ שמועס, וואָס האָט אויסגעזען צו ציען זיך אָן אַ סוף. אָבער מאזשאד האָט דער ערשטער באַריִרט די פראַגע וועגן דעם ציל פון אליס קומען צו אים.

אלי איז געזעסן רואיק, אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן דער הנאה פון זויגן די נאַרגילע. אָבער אינדערמתן האָט ער אָבסערווירט יעדן ריר פון די מוסקולן אין מאזשאדס פּנים און געזוכט א פאסיקע געלעגנהייט ווי אזוי ארויסצוקומען מיט זיין פּראָבלעם.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך צו פרי צו דערציילן אויפריכטיק דעם ציל פון זיין וויזיט, ווייל דאָס וועט גלייך אַרויסרופן דעם חשד, אַז עס באַהאַלט זיך הינטער דעם גאָר אַן ערנסטע זאַך. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו פאַרציִען דעם שמועס וואָס לענגער וועגן די פאַרשידענע פּראָבלעמען אין דער וועלט.

מאזשאד האָט זיך אָנטציקט מיט דעם שאַכטל קובאַנער ציגאַרן, וואָס אלי האָט אים געבערענגט אַ מתנה. ער האָט אָוועקגעלייגט די נארגילע און פאַרויכערט אַ קובאַנער סיגאַר. דערביי האָט ער פון דער זייט געקוקט אויף קאמעלן און געפרעגט אים, צי ער האָט אַ סך אַזעלכע ציגאַרן.

אלי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם, געפרעגט צי אַזעלכע ציגאַרן וואָלטן אין סיריע געהאַט אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק, ווייל ער האָט אַ געלעגנהייט צו באַשטעלן אַ גרעסערע צאָל. מאזשאד איז געוואָרן אויפגערודערט:

„דאָס קען גיין אויסגעצייכנט און דווקא ביי די „גרויסע". קענט איר מיר אָפּטרעטן אַ טראַנספּאָרט?"

אלי האָט אים פאַרזיכערט אַ חלק אין דעם טראַנספּאָרט און דרך אגב זיך דערמאָנט, אַז זיין אַגענט אין אַרגענטינע האָט אים געבעטן אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון זיינס אַ פריינט, אַ דייטש מיטן נאָמען ראַזאַלי. ער זאָגט, אַז יענער וווינט אין דמשק, אפשר אונטער אַן אַנדערן נאָמען. אָבער וואָס פאַרדרייט ער אַ קאָפּ? ווי וועט ער נעמען זוכן אַ ראַזאַלי אין דמשק? ער האָט שוין זיכער געענדערט זיין נאָמען.

מאַזשאד האָט זיך אָנגערופן:

„ניין. ער געפינט זיך דאָ און הייסט נאָך אַלץ מיט דעם זעלבן נאָמען. אַזוי האָט ער זיך גערופן אין יענער צייט ווען ער איז

געווען אייכמאַנס גוטער פריינט, געאַרבעט מיט אים צוזאַמען ביים אויסראָטן די יידן. כ׳ווייס אפילו זיין אַדרעס. אויב איר וועט וועלן, קען איך אייך אַהינפירן צו אים״.

קאמעל האָט זיך באַקוועם אויסגעצויגן אויפן פאָטעל און גלייכגילטיק געזאָגט:

„נו, נישטאָ וואָס צו איילן זיך. צו דעם האָב איך צייט מאָרגן, איבערמאָרגן״.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז מאַזשאד אליין וויל עס בע־סער דערליידיקן אויפן אָרט, ווייל שפעטער קען ער פאַרגעסן, אָדער קאמעל וועט נישט האָבן קיין צייט. ער האָט טאַקע שוין געוואָלט זיך אַריינזעצן אין אויטאָ און פאָרן מיט אים, אָבער קאַ־מעל האָט אים געפרווווט אָפּהאַלטן:

„נישט כדאי זיך אָנצושטרענגען, אינדרויסן איז אַ פאַסקודנע וועטער, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער״.

אָבער ווען מאזשאד איז געווען צודרינגלעך, האָט קאמעל ענדלעך נאָכגעגעבן און באַוויליקט אריינצוזעצן זיך אין מאזשאדס לימוזינע און נאָך אַ האַלבער שעה זענען זיי געווען אויפן אָרט.

דאָס הויז האָט זיך געפונען ביי דער בריק, קעגנאיבער דער צענטראַלער באַנק. דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער האָט זיך געזען ליכט. ראַזאלי און זיין פרוי זענען געווען אין שטוב.

אלי האָט זיך געפרעגט ווי אַזוי די גאַס הייסט און זיי האָבן נאָך א ווײַלע געשמועסט און ענדלעך זיך געזעגנט.

פארן פרייז פון טויזנט דאלאר

אין יענער נאכט איז אלי געגאנגען צופוס אין דער ריכטונג פונעם נאַכט־קלוב אל שאראק, וואָס האָט זיך געפונען אין דרום־דיקן טייל פון שטאָט. אין מוח ביי אים איז שוין געווען פאַרטיק אַ גענויאַלער פּלאַן.

דער נאַכט־לאָקאַל „אל־שאראק״ איז געווען אַ טרעף־פונקט פאַר מענטשן וואָס האָבן געפירט פאַרדעכטיקטע געשעפטן. די אַטמאָספער איז דאָרט געווען אַ דראָענדיקע, אָבער דאָך איז דאָרט געווען אַ געוויסע אינטימקייט.

אינעם טונקעלן לאָקאַל האָבן געבליצט נאָר אייניקע רויטע

לעמפּלעך. אויך די בינע פאַרן אָרקעסטער איז געווען שוואַך באַ־לויכטן, און די לופט איז געווען פול מיט רויך פון ציגאַרן און נאַרגילעס.

ביי קאַמעלס אריינקומען האָט זיך פאַר אים פאַרנויגט אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַ טאַרבוש און האָט זיך ברייט צעשמייכלט, ווען ער האָט דערפילט דעם סירישן פונט, וואָס אלי האָט אים אַריינ־געשטעקט אין האַנט אַריין.

„שפרינגער איז דאָ?" — האָט אלי געפרעגט.

יענער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„ער איז מיט דער טענצערין סאמיל".

אינעווייניק האָט אלין אויפגענומען אַ גראָב־בייכיקער קעל־נער, וואָס האָט אים צוגעפירט צו א טישל אין צענטער פונעם זאל, ווידער האָט אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט אַריינגעוואַנ־דערט אַ סירישער פונט און גלייך האָט ער זיך צוגעבויגן צו אלין, וועלכער האָט אים אַריינגעפליסטערט אין אויער:

„זאָג שפרינגערן, אַז אל אראדס גוטער פריינט וויל אים זען".

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס ליכט אין זאַל פאַרלאָשן און אַ פאַרביקער רעפלעקטאָר האָט געוואָרפן זיין שיין אויף דער בינע און צענטער פונעם זאַל. די לופט איז פול געוואָרן מיט געדעמפטע קלאַנגען, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן די מזרח־אינסטרומענטן.

דער שיין פון רעפלעקטאָר איז מיטאַמאָל געפאַלן אויף סאמילן וועלכע איז אַרויסגעקומען פון הינטער די קוליסן, אָנגעטאָן אין אַ טיולענעם שלייער, מיט אַ נאַקעטן בויך. זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן, צום ערשט לאַנגזאַם, אָבער וואָס אַמאָל שנעלער, מיט אַן אַלץ האַסטיקערן טעמפּאָ שאָקלענדיק צום טאַקט פון דער מוזיק מיט די אַנטבלויזטע טיילן פון איר קערפּער...

ביי אליס טישל איז געבליבן שטיין א ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַן אייראָפּעאיש פּנים. ער האָט זיך באגריסט:

„גוטן אָוונט, מיין הער".

אלי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אָן הקדמות געזאָגט:

„זיצט, ה' שפרינגער".

יענער האָט אויך אָן צערעמאָניעס געפרעגט:

„מיט וועמען האָב איך דעם כבוד?"

„מיטן ה' טויזנט דאָלאר".

דער פאַרשוין האָט אַ ווײַלע אַ שלונג געטאָן דאָס שפּייעכץ און זאַכלעך געפרעגט:

„וואָס דאַרף איך טאָן דערפאַר, ה׳ טויזנט דאָלאר?״
„קענט איר א מאן מיטן נאָמען ראדעמאכער?״
שפּרינגער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געפרעגט:
„איז עס איינער פון דער נאַצישער קאָלאָניע אין דמשק?״
עס איז צוגעקומען דער קעלנער און דערלאַנגט די באַשטעלטע געטראַנקען. אלי האָט אים א ווונק געטאָן, ער זאָל ברענגען נאָך אַזאַ פּאָרציע. דערביי האָט ער געענטפערט שפּרינגערן:
„איר האָט געטראָפן, אָבער נאָר טיילווייז. דער מאן איז ווירק־לעך א נאַצי, אָבער איצט איז ער נישט מער ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן... דאָך איז ער געפערלעך פאַרן רעזשים. ער וווינט אויף שאהאבאנדער גאס, נישט ווייט פון דער צענטראַלער באַנק. ער הייסט היינט דזשאָן ראָזאלי״.
שפּרינגער האָט זיך צעשמייכלט מיט צופרידנקייט:
„פארוואָס האָט איר באלד נישט געזאָגט וועגן וועמען עס רעדט זיך? איך קען גוט דעם הינטישן זון״.
עס האָט זיך אָנגעהויבן א האנדל וועגן דעם פּרייז פאר אָפּ־רוימען ראָזאלין. שפּרינגער האָט פון אליס רייד געדרונגען, אז דאָס איז אַן אויפגאבע, וועלכע עס שטעלט אים די באאט־פּארטיי. אלי האָט אים געגעבן דערביי אָנצוהערן, אז דערפאר וועט מען זיך מאכן נישט זעענדיק זיינע טונקעלע געשעפטן, וואָס ער פירט אין דמשק.
זיי זענען נאָך געזעסן א ווײַלע און געשמועסט, ווען עס איז צו זייער טישל צוגעקומען די טענצערין סאמיל, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו באוועגן מיט אירע לענדן, בויך און בריסטן. איר קערפּער האָט זיך געדרייט, געוויקלט און געציטערט, אין הייסן ריטם, צום טאקט פון דער ברויזנדיקער מוזיק, וואָס האָט אלץ נישט אויפגעהערט צו שפּילן.
אלי האָט באמערקט ווי איר גאנצער קערפּער באָדט זיך אין שווייס. שפּרינגער האָט צו אים וווילעריש א ווונק געטאָן:
„זי איז א שיינע, האַ?״
אלי האָט געמאכט אַ מינע פון אַן אָרנטלעכן מוסולמענער, וואָס האָט שוין לאנג באזיגט דעם יצר הרע. האָט זיך אויפגעשטעלט און ארויס פון דעם נאכט־לאָקאל. עס איז פאר אים געווען קלאָר, אז שפּרינגער וועט זיין אויפגאבע אויספירן אויף 100 פּראָצענט.

אלי כהן

ווי אזוי מען ווערט א מיליאָנער

אויף צומאָרגנס האָט מען אלין איינגעלאדן אויף א באנקעט, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט סאלעם סייף. מען האָט אים דערביי פאַרזיכערט, אַז עס וועלן דאָרט זיין די סאמע שפיצן פון דער סירישער געזעלשאפט, הויכע מיליטער־לייט. סאלעם אליין האָט צוגעגעבן, אז די סירישע מיליטער־לייט האָבן דווקא ליב אזעלכע נישט אָפיציעלע באנקעטן, וואָס מוזן אויך נישט זיין קיין גאָר באשיידענע... ער האָט דערביי זיך געוואָנדן צו קאמעלן, ער זאָל נעמען דעם דאָזיקן אָוונט אונטער זיין פראָטעקטאָראט.

סאלעם סייפס וווינונג האָט זיך געפונען אינעם רייכסטן קוואר־טאל אין דמשק און דער קאָקטייל־אָוונט, וואָס ער האָט דאָרט איינ־געאָרדנט האָט זיך גערעכנט פאר א וויכטיק געזעלשאפטלעך גע־שעעניש. עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז אויף די באנקעטן אין זיין וווינונג זענען אָפט געפאלן וויכטיקע באשלוסן, וועלכע האָבן זיך נישט איינמאָל געענדיקט מיט פּאָליטישע סקאנדאלן.

גלייך ביי אליס אריינקומען האָט א לאָקאי גענומען פון אים זיין מאנטל און ער האָט קוים באוויזן צו פאריכטן זיך זיין קראַ־וואט ווי פאר אים איז געבליבן שטיין א פרוי מיט אן אויסגעצויגע־נער האנט צו אלין און ווי זיי וואָלטן געווען פריינט שוין פון לאנגע יאָרן, האָט זי אויסגערופן מיט א זיסער שטים:

„גוטן אָוונט אייך, קאָמעל. עס איז פאר אונדז א גרויסע פרייד צו זען אייך אויף אונדזער קאָקטייל־אָוונט״.

אלי האָט אויף איר אָנגעשטעלט אן אומגלויבלעכן בליק. זי איז געווען א געזונטע, מיט א רויטלעכן קאָפּ האָר. דאָס ענגע אָוונט־קלייד האָט אונטערגעשטראָכן אירע ווייבלעכע מעלות, בלויז אַ דיקער שיכט שמינקע האָט פארבאהאלטן הינטער זיך איר אמתן עלטער.

אלי איז געווען העפלעך און האָט עלעגאנט פארנויגט זיך און אין זעלבן ענטוזיאסטישן טאָן געזאָגט:

„אייער פרייד איז אויך מיין פרייד... איך בין זיכער, אז איר האָט מיך ערגעץ ווו באקענט״.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט:

„מיין נאָמען איז קאמילא סייף. איך בין סאלעמס שוועגערין״.

זי האָט אלין גענומען אונטערן אָרעם און אים אריינגעפירט אינעם גרויסן זאל, ווו די געסט, אָנגעטאָן אין עלעגאנטע מונדירן און טונקעלע אנצוגן, זענען שוין געווען בגילופנדיק.

אויף א מינוט האָט זי אים געלאָזט שטיין, האָט זיך אויסגע־מישט צווישן די געסט און באלד איז זי צוריקגעקומען מיט א יונגן אָפיציר, וועלכן זי האָט פאָרגעשטעלט אלס סאלעם כאטום.

ביידע האָבן זיך פריינטלעך באגריסט און די פרוי האָט זיך אומגעקערט צום אריינגאנג אויפצונעמען די אנדערע געסט.

אלי מיט דעם פולקאָווניק כאטום זענען געבליבן אליין.

כאטום האָט אלין נישט געזשאלעוועט קיין קאָמפלימענטן, גע־זאָגט, אז מען רעדט וועגן אים ווי וועגן א דערפאָלגרייכן סוחר און גרויסן פילאנטראָפ, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז זיין פאטריאָ־טישקייט, וועגן וועלכער מ׳רעדט א סך אפילו אין גענעראל־שטאב.

דער פולקאָווניק האָט געוואָלט וויסן עפעס מער וועגן אים, דער עיקר די אומשטענדן, וועלכע ער האָט צו פארדאנקען זיין דערפאָלג. אלי איז געווען בארעדעוודיק:

„קלאָר, אז מיין געלט האָב איך זיך דערוואָרבן נישט פון קיין איבערקערעניש און נישט פון קיין רעוואָלוציעס. מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין כאלאב און עס איז זיי גאָרנישט אזוי גוט גע־גאנגען, זיי האָבן דערפאר געמוזט עמיגרירן קיין מצרים און דערנאָך האָבן זיי געזוכט גליקן אין ארגענטינע. קיין רייכע ירושה האָבן זיי מיר נישט איבערגעלאָזט און איך האָב געמוזט אלץ דערוואָ־בערן מיט די אייגענע כוחות. איך האָב געוווסט, אז געלט גייט צו געלט און דער עיקר איז, אז איך זאָל קומען צום ערשטן מיליאָן און דאן קומען שוין די מיליאָנען צולויפן אליין און דערנאָך אויך דער כבוד...״

כאטום האָט אים אויסגעהערט מיט אן אָפן מויל און אין עקס־טאז האָבן זיך ארויסגעזען זיינע בלאנקנדיקע ווייסע ציינער פון הינטער די וואָנסעס.

קאמף — דער וווּנדערלעכסטער ספארט

דער קאָלאָנעל האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון רעוואָלו־ציעס, וועגן וועלכע אלי האָט אים אויסגעזען צו רעדן מיט גרינג־שעצונג. ער האָט געהאלטן פאר א נויטיקע זאך דורכצופירן אן איבערקערעניש דעמאָלט, ווען דער רעזשים האָט נאָך נישט פעסט־געשטעלט דעם וועג, אויף וועלכן ער דארף פירן דאָס פאָלק. לויט זיין מיינונג טאנצט נאָך אלץ סיריע צום ריטם פון נאצערס פייפל...

אלי כהן

עס מוז פֿאַרקומען אַ ראַדיקאַלע ווענדונג און דערצו מוז מען טוישן דעם רעזשים אויף אַ מער פֿעסטן און סטאַבילן. סיריע מוז ווערן זעלבשטענדיק און אַ וועג־ווייזער פֿאַר דער גאַנצער אַראַבישער וועלט... באַצער פֿאַראַט די אינטערעסן פֿון אַראַבישן פֿאָלק, האַנדלט זיך צו די אימפּעריאַליסטישע לענדער, האָט אַ צו וויכן כאַראַק־טער..."

„אָבער ווער וועט אונדז גאַראַנטירן, אַז דער נייער רעזשים וועט ווירקלעך אַרויספֿירן סיריע אויפֿן ריכטיקן וועג?" — האָט אלי געפֿרעגט.

„קיינער קען עס נישט גאַראַנטירן, אָבער צי דערפֿאַר דאַרפֿן מיר רעזיגנירן? תמיד דאַרף מען פּרוּוון. „באַאַט" האָט אָנגעהויבן ווי אַ קליינע פּאַרטיי, איצט איז זי אַ מעכטיקער כוח. מיר דאַרפֿן נעמען אַ ביישפּיל פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, פֿון דער קובאַנישער רעוואָלוציע. מיינט איר נישט אַזוי?"

אלי האָט זיך אויסגעגלייכט און ערנסט גערעדט:

„פֿאַרשטייט זיך... אָבער איך בין נאָך אַלץ אומרואיק, איך ציטער, אַז עס קען אויפֿשטיין אַ נייע באַוועגונג, וואָס וועט אומ־וואַרפֿן דעם „באַאַט". קען מען זיין זיכער מיט אַלע אָפֿיצירן?"

כאַטום האָט גערעדט מיט היץ:

„אַזאַ באַוועגונג קען מער נישט אַנטשטיין. אָבער עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווען אַפֿילו אַזאַ באַוועגונג וועט זיך שאַפֿן... אויב זי וועט זיך קערעווען לויט די פּרינציפּן פֿון גערעכטיקייט און נאַציאָנאַלן אינטערעס, איז פֿאַרוואָס זאָלן מיר זי נישט אונטער־שטיצן? פֿאַרוואָס זאָל זי נישט האָבן די אַרמיי אויף איר זייט?"

„אויך אייך?"

סאַלים האָט זיך אויסגעגלייכט און שטאָלץ געענטפֿערט:

„איך בין קודם כל אַ מיליטערמאַן, וואָס פֿירט אויס באַפֿעלן. אַן אמתער מיליטערמאַן דאַרף זיך נישט מישן אין פּאָליטיק. זיין אויפֿגאַבע איז צו קעמפֿן".

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע און אָפּגעזיפֿצט:

„דאָס איז אַ װוּנדערלעכער ספּאָרט... קאַמף, קאַמף... איר שטעלט זיך נישט פֿאָר ווי שיין דאָס לעבן איז, ווען עס איז אויס־געפֿולט מיט קאַמף".

אלי האָט אויסגעטרונקען די משקה פֿונעם גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און דײַטלעך אַרויסגעוויזן זיין צופֿרידנקייט

מיט כאטומס רייד. און ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן זיין ענטוזיאזם האָט ער אין אַן אָפיציעלן טאָן געזאָגט:

„איבערמאָרגן אָרדן איך איין ביי זיך אן אינטימע מסיבה. עס וועלן זיין מיידלעך און געטראנקען... עס וועט פאר מיר זיין א גרויסע פרייד אויב איר וועט מיך באערן מיט אייער באזוך, ה׳ קאָ־לאָנעל״.

זיי האָבן זיך ווארעם געזעגנט און אלי איז מיטן גאנצן ברען און טעמפעראמענט אריין אין דער הויט פון א פאטראָנאט פונעם דאָזיקן קאָקטייל־אָוונט. עס איז אים געלונגען אזוי איינצוואָרדענען, אז די פולקאָווניקעס זאָלן „פון אייגענער איניציאטיוו״ זוכן צו זיין מיט אים אליין און ווען דער אָוונט איז געווען פארענדיקט, האָט אלי געהאט שוין די גענויע אינפאָרמאציעס וועגן דעם פלאן פון דער באאט־פארטיי דורכצופירן די מיליטערישע איבערקערעניש.

ער האָט זיך אומגעקערט אהיים. צוגעווארט ביז דער באשטימ־טער שעה, ווען ער האָט געדארפט אָפגעבן זיין פרימאָרגן־אודיציע פארן צענטער פון תל־אביב. דער ענטפער פון תל־אביב איז געווען:

„אויסגעצייכנט, אלץ אנטוויקלט זיך ווי עס איז געווען דער־ווארט״.

די מיידלעך אויף אליס רייכן באנקעט

צו דער מסיבה, וואָס האָט געדארפט פארקומען צומאָרגנס ביי אים אין שטוב, האָט אלי גענומען צו הילף צוויי פון זיינע נאָ־ענטסטע פריינט. ער האָט איבערגעלאָזט ביי זיי די שליסלען און געגעבן זיי די אינסטרוקציעס פארן איינאָרדענען די מסיבה, זי זאָל זיין ווי צום שענסטן און אליין איז ער אוועק פערזענלעך איינלאדן זיינע נאָענטע פריינט.

אלי האָט נישט געהאט קיין שום שוועריקייטן ביים ארייננקו־מען אפילו אין די סאמע געהיימסטע קאבינעטן. אין די קאָרידאָרן פון סירישן גענעראל־שטאַב האָבן אלע געקענט דעם גרויסן פאט־ריאָט קאמעל אמין טאבעט און קיין שום שטערונג איז נישט גע־שטאַנען אויף זיין וועג.

ערב דער מסיבה האָט מען פון סירישן קריגס־מיניסטעריום מאָביליזירט עטלעכע סימפאטישע מיידלעך, וואָס האָבן געדארפט פארטרעטן גאסט־געבערינס און אויפנעמען אין אליס שטוב די

אַפּיצירן און אנדערע חשובע לייט, וואָס זענען געשטאַנען ביים רודער. עס האָט געהייסן, אז דאָס פייערט מען דעם געבורטס־טאָג פונעם גרויסן טירישן פּאטריאָט.

איינע נאָך די אנדערע זענען געקומען די געסט אין אליס וווינונג, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט לויטן רייכסטן מזרח־געשמאַק. אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשפּרייט א דיקער טעפּיך, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט באקוועם אוועקזעצן. די אַטמאָספער איז דאָ געווען אַן אינטימע. דער באַר מיט די געטראַנקען האָט פארמאָגט אלע אינלענדישע און אימפּאָרטירטע וויינען און ליקערן. אין יעדן ווינקל האָט מען געפילט טאַבעטס ברייטע האַנט.

ס'איז שוין געווען 10 אזייגער, ווען עס איז אַריינגעקומען סאלים כאטום, וועלכער האָט אויסגעזען מיד און באַזאָרגט. אלי האָט אים אויפגענומען מיט דער האַרציקסטער פריינטלעכקייט:

„איר זעט מיר אויס צו זיין מיד, צו נויטיקן זיך אין דרינגענדיקער פּאַרוויילונג... אָבער כ'מיין, אז איר וועט פריער וועלן אריינגיין אין באָד־צימער און אַראָפּשווענקען דעם שטויב פונעם וועג".

סאַלים האָט אָפן באַוווּנדערט קאַמילס זאָרגעוודיקייט, דאָס טראַכטן וועגן יעדן גאַסט ביזן לעצטן פּרט. אלי האָט אים דערויף געענטפערט:

„אויף אַזאַ אופן דערלאַבערט מען זיך אויפריכטיקע פריינט און מען האָט דערפאָלג אין לעבן".

סאלים האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

„כ'וועל געדענקען די דאָזיקע פאָרמולע. ס'איז זייער אינטערעסאַנט".

דער אָוונט איז צוגעגאַנגען פייערלעך און אינטים. אַ שיין מיידל אין אַ קורץ קליידל האָט אָנגעגאָסן ווײַן אין די גלעזער און סאַלים, נאָכן אָפּוואַשן זיך און איבערטאָן אין די לייכטע מלבושים, וואָס אלי האָט אים געגעבן פון זיין רייכער גאַרדעראָב, האָט זיך געפילט אינגאַנצן אויפגעפרישט און האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען קיין אויג פון דעם דאָזיקן מיידל.

באַשיטנדיק קאַמעלן מיט קאָמפּלימענטן האָט ער אים געזאָגט:

„כ'האָב אַ פאָרגעפיל, אַז דער אָוונט באַהאַלט אין זיך איבעראַשונגען. אָ, אַרגענטינע, דאָרט האָט איר זיך ער אַזוי אויסגעלערנט אַזוי פיין אויפנעמען געסט".

קאַמעל האָט עס אָפּגעוואָרפן מיט ביידע הענט זאָגנדיק:

„די ליבשאפט צו מיינע פריינט און דאָס האַרציקע אויפנעמען זיי — האָב איך אין בלוט פון דורי־דורות. פאַרשטייט זיך, אַז מיט די יאָרן האָט עס זיך נאָך מער אַנטוויקלט און פּרעציזירט. מעגלעך, אַז היינט זעט עס אויס ווי אַ האַרמאָניע פון אונדזערס אַ סולחה און אַן אייראָפּעאישע אינטימקייט".

סאַלים האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט פאַרשטענדעניש. עס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן און ער איז געווען צופרידן צו האָבן אַזאַ אָנגענעמען צוהערער, וועלכער האָט מיט אַזויפיל פאַר־ערונג זיך צוגעהערט צו זיינע רייד:

„איר שטעלט זיך נישט פאָר ווי אָנגענעם עס איז דאָ ביי אייך. נאָך גאַנצע טעג אַרומוואַלגערן זיך אויף דער פאַלעסטינער גרענעץ, אין די טונעלן און בונקערס... עך, ווען איר ווייסט וויפל אונטערערדישע טונעלן מיר האָבן אויפגעבויט איבער דער גאַנצער גרענעץ־ליניע... הונדערטער סירישע זעלנער לעבן דאָרטן ווי אין ריזיקע פעסטונגען. מען זעט דאָרט די ישראלדיקע גרענעץ און די לאַנדשאַפט איז דאָרטן פּרעכטיק... איר וואָלט געהאַט גרויס הנאה... דערמאָנט מיך, קאמעל, וועל איך אייך אמאָל נעמען אויף אַן אינספּעקציע איבער אונדזער גרענעץ מיט ישראל".

קאַמעל האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געווען לגמרי גלייכגילטיק צום דאָזיקן פאַרשלאָג:

„לאָמיר אויפהערן רעדן וועגן פּאָליטיק. היינט איז אונדזער אָונט. און לאָמיר געניסן פון דעם ווייַן און פון די פרויען".

תאווה, שיכרות און מיליטערישע סודות

קאַמעל האָט אַ ווונק געטאָן צום מיידל, וואָס האָט דערלאַנגט דעם וויין, און שטיל צו איר געזאָגט:

„באַמי זיך צו אַנטשפּאַנען דעם פּולקאָווניק פון זיינע צרות, אָבער אויב דו באַמערקסט עפּעס פאַרדעכטיקס, פאַרגעס נישט מיר צו דערציילן".

דאָס מיידל איז גלייך צוגעגאַנגען צום פּולקאָווניק, זיך באַ־גריסט מיט אים און ער האָט איר מיט פאַרגעניגן געמאַכט אַן אָרט נעבן זיך.

באלד אין אָנהויב שמועס האָט זי אים געזאָגט, אַז זי איז קאַמעלס אַ גוטע פריינדין און האָט צו אים אומבאַגרענעצטן

צוטרוי, דערפאַר האָט זי באַוויליקט אָנטיילצונעמען אין זיין געבורטס־טאָג־פייערונג...

די אַטמאָספער אַרום איז געווען ראָמאַנטיש, ווייך און דער וויין האָט צעברויזט דאָס בלוט. אין די אָדערן און ווען כאַטום האָט נאָך לאַנגע בעטעמישן ארויסבאַקומען פון איר א קוש, האָט דאָס מיידל דערביי אויפגעציטערט, ווי עס וואָלט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי קושט אַ מאַן.

זי האָט געזען, ווי כאַטום ווערט מיט יעדער רגע אַלץ אויפגעברויזטער און צערייצטער. אָבער איר בליק איז כסדר געווען אַראָפּגעלאָזט, שעמעוודיק. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַ באַאַמטין אין קריגס־מיניסטעריום און געהערט נישט צו דער קאַטעגאָריע מיידלעך, וואָס ער מיינט...

ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען און זי האָט געפּרוווט זיך אַרויסדרייען. זיינע אומאַרמונגען זענען געוואָרן אַלץ פעסטער און הייסער.

דאָס מויל האָט ביי אים ווי אָן זיין ווילן געפּלאַפּלט:

„פאַרוואָס זאָל נישט זיין קיין געמיינזאַמע צוזאַמענאַרבעט צווישן קריגס־מיניסטעריום און מיליטער?"

זי האָט אויפגעציטערט און זיך ארויסגעריסן פון אים. אין צימער איז געוואָרן טונקל. נישט ווייט פון זיי איז געזעסן נאָך א מאַן אין א מונדיר פון א הויכן אָפיציר. סאַלעם האָט זיך צו אים געוואָנדן:

„פאַרוואָס פלעגט מען נישט קיין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן קריגס־מיניסטעריום און מיליטער?"

יענעמס פּנים האָט כאַטום נישט געזען, בלויז געהערט זיין רואיקע שטים, וואָס האָט אים געענטפערט:

„איר זענט שיכור, מיין הער. איז דען נישט דאָס קריגס־מיניסטעריום דער מוח פונעם מיליטער?"

כאַטום איז געווען איין שטיק פייער און האָט נישט אָפּגעלאָזט:

„אויב אַזוי, פאַרוואָס דרייט זיך אַרויס די דאָזיקע סימפּאַטישע באַאמטין פון קריגס־מיניסטעריום און וויל נישט ארויסווייזן קיין טראָפּן ליבשאַפט צו אַן אָפיציר?"

יענעמס שטים האָט געקלונגען שטיל און באַהערשט:

„זאָגט איר, אַז זי האָט אייך פאַרכישופט, דערציילט איר וועגן אייערע גבורות אין מיליטער. די דאָזיקע מיידלעך שטאַרבן אַוועק פאַר אַזעלכע סודות... זיי דערפילן זיך דעמאָלט וויכטיק.

דאָס מוז זיין אַ וואונדערלעך געפיל. זיי ווערן איבערצייגט, אַז מען האָט צו זיי אומבאַגרענעצטן צוטרוי און „גיבן זיך דעמאָלט אונטער".

סאַלים איז שטיל געוואָרן, האָט אַ ווײַלע געשוויגן און עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס וואָלט אין זיין באַוווסטזיין זיך אויסגעקלאָרט, אָבער באַלד איז זיין מוח ווידער פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ הייסער כוואַליע. יענער פּולקאָווניק האָט ווייטער געזאָגט:

„אונדזערע מיידלעך ווערן משוגע פאַר מיליטערישע אַוואַנטורעס. זיי וועלן מיט אייך ליגן אין בעט אַ גאַנצע נאַכט און צוהערן זיך צו די פאַרשידענע מעשיות".

די שטילקייט אין צימער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טונקעלער תאווה און שיכרות...

אין די פעסטונגען אויף דער גרענעץ

אויף צומאָרגנס האָט ביי קאַמעלן אַנגעקלאַפּט אַ מיליטערישער קוריער, געבראַכט אים אַ טעלעגראַפישע איינלאַדונג פונעם קאָמאַנדיר פון מיליטערישן לאַגער ביי אל־חמה, אויף דער ישראלדיקער גרענעץ.

אין דעם ספּעציעלן בריוול איז געווען צוגעשריבן:

„לויט דער רעקאָמענדאַציע פון סאַלים כאַטום און פאַר אונדזער פריינטשאַפט דערלויבט מיר איינצולאַדן אייך אויף אַ העפלעכקייטס־באַזוך אין אונדזער באַזע".

דער מיליטערישער קוריער האָט איבערגעלאָזט ביי אים די ספּעציעלע דערלויבעניש און אַ ווענדונג, אויף וועלכער קאַמעל האָט זיך געדאַרפט אונטערשרייבן.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זיך ביי קאַמעלס וווינונג אָפּגעשטעלט אַ מיליטערישער קאָמאַנדקאַר, וואָס האָט אים אָפּגעפירט צו דער גרענעץ.

אלי איז שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג פון דעם מיליטערישן לאַגער, וואָס איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער אויף דער סיריש־ישראלדיקער גרענעץ.

די טויערן האָבן זיך פאַר אים ברייט געעפנט. דער קאָמאַנדיר פונעם לאַגער זאַהאַד אַ־דין האָט אָפן פאַר אַלע אַרויסגעוויזן זיין צופרידנקייט מיטן דאָזיקן באַזוך. און ער איז אַליין

מיט אים אַרויס איבער די בערגלעך, פונוואַנען מען האָט געזען די פעלדער פון תל־קציר, דעם כנרת און די גאַנצע פראַכט פונעם פרוכטבאַרן טאָל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער טעפּיך, גרין און געפּלעגט.

זאהאר אַ־דין אַליין האָט אים געגעבן די אויפקלערונגען און צוגעגעבן:

„ווען דאָס אַלץ וועט זיין אין אונדזערע הענט, וועלן מיר האָבן אַ צוטריט צום ים און אַן אויסגעצייכנטן דרוק אויף נאַצערן, אויף כוסיינעו, אויף אַלע"...

קאַמעל האָט נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן:

„מיר פאַרמאָגן דאָך אַ קאָלאָסאַלע קראַפט. מיר זענען מעכ־טיק. אַזויפיל געווער און אַזעלכע אויסגעצייכנטע פּאָזיציעס. מיר קענען זיי דאָך לייכט אַריינוואַרפן אין ים".

זאַהאַר אַ־דין האָט גערעדט באַטראַכט:

„הלוואי וואָלט עס זיך געוואָנדן בלויז אין אונדז. איך פאַר־זיכער אייך, אַז די ישראלים וואָלטן שוין פון לאַנג אַנטלאָפן פונדאַנען. אָבער אין דער וועלט זענען נאָך אַלץ פאַראַן צופיל סימפּאַטיקער פאַר ישראל".

ישראלדיקע חצופות...

אויף קאַמעלס פאַרזיכטיקע פראַגן בנוגע דער ישראלדיקער אַרמיי, האָט זאַהאַר אַ־דין זיך פאַרקרימט אין אַ מאָדנער גרימאַסע:

„אמת, זיי האָבן אַן אַרמיי, וואָס איך וואָלט געוואונטשן צו האָבן אַלע אַראַבישע לענדער. אָבער נישט אין דעם גייט עס. דאָס וואָלט אונדז נישט אָפּגעשראָקן, אונדזער געווער איז פיל פּרעציזער פון זייערן און מיר זענען דאָך פיל גרעסער אין צאָל. דערצו האָבן מיר אויך אַ טאָפּאָגראַפישן איבערגעוויכט".

קאַמעל האָט דערפאַר אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, פאַר־וואָס מען וואַרט מיטן אַנגריף, און זאהאר אַ־דין האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין אַ מאָדערנער מלחמה איז אויך אומבאַדינגט נויטיק די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט, און אין דעם פאַל מוזן די אַראַבישע לענדער פילן הינטער זיך אַ כוח, וואָס זאָל זיין גרייט צו קעמפן מיט די אַלע מערב־לענדער, וועלכע פאַר־טיידיקן ישראל. אין איצטיקן מאָמענט איז עס אַ חלום.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און אלי האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט אַריינצוּוואַרפן:

„און דאָך דערקלערן אונדזערע פירער אָן אויפהער, אַז זיי זענען גרייט שוין אין איצטיקן מאָמענט אַריינצוטרעטן אין אַ מל־חמה קעגן ישראל".

זאַהאַר אַ־דין האָט נאָך אַ ווײַלע שווייגן זיך אָנגערופן:

„ווייזט אויס, אַז אין דער פּאָליטיק האָט עס אַ געוויסן זין... אָבער צווישן אונדז גערעדט, איז עס נישט קיין טובה פאַר דער אַרמיי".

קאַמעל האָט פון אים גענומען זיין לאָרנעטע און האָט אַראָפּ־געקוקט אין טאָל. די לאָרנעטע האָט צען־פאַכיק פאַרגרעסערט די לאַנדשאַפט און קאַמעל האָט קלאָר געזען די קיבוצניקעס ווי זיי זענען פאַרנומען ביי זייער אַרבעט. אַרום זיי זענען אַרומגעלאָפן די מיידלעך פון קיבוץ מיט קורצע הייזלעך, געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט און אלין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זינגען.

זאַהאַר אַ־דין האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות:

„וואָס זאָגסטו נישט צו די חצופהדיקע ישראלדיקע מיידלעך?"

קאַמעל האָט אַ שפּיי געטאָן און ווי אַן עכטער מוסולמענער, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין ווייבלעכע נאַקעטקייט, האָט ער אַרויס־געצישעט צווישן די ציין:

„אַן עקל כאַפּט מיר אָן"...

צומאָרגנס אינדערפרי, אין דער באַשטימטער שעה, האָט אַלי איבערגעגעבן דעם צענטער פון תל־אביב אַ גענויע שילדערונג פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען אויף דער סירישער גרענעץ. דער ענטפער פון תל־אביב איז געווען:

„באַמי זיך נאָכאַמאָל צו מאַכן אַ־אַ שפּאַציר אין דאָזיקן ראַיאָן. מיר דאַרפן האָבן מאַטעריאַל וועגן דריטן אָפּשניט".

הארמאניע פון ברייטן הארץ און גרויסן מוח

אלי איז געוואָרן דער נאָענסטער פריינט פונעם קאָמאַנדיר אויפן ישראלדיקן גרענעץ־ראַיאָן. ער איז געווען דער איינציקער ציווילער, וועמען עס איז געווען דערלויבט פריי ארומצושפאצירן לענגאויס דער פארפעסטיקונגס־ליניע. וואָס איז געווען די שטארקסטע פעסטונג אין סיריע.

די פּאַרטיידיקונגס־פּלענער, דאָס קאָנצענטרירטע געווער און די פעסטונגען, די אַנגריפס־פּלענער, ציפערן און פאַקטן וועגן די אַלע כוחות, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער גרענעץ, זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ אָפענער און צוגענגלעכער פאַר אלי כהן. עס האָבן אים מיט דער גאַנצער העפלעכקייט געהאָלפן אין דעם גרעסערע און קלענערע קאָמאַנדירן פון יענעם ראַיאָן, וועלכע זענען געוואָרן זיינע בעסטע פריינט.

אלי האָט געוווּסט צו וואָס יעדער איינער פון זיי שטרעבט. ער האָט געקענט זייערע שוואַכקייטן, האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב, געטיילט זיי מתנות און פאַרן פרייז פון כלומרשטע סודות, וועלכע ער האָט געוווּסט וועגן די שפּיצן פון דער סירי־שער געזעלשאַפט, האָט ער ביי זיי אַרויסבאַקומען די געהיימסטע אינפאָרמאַציעס און דאָס אַלץ אין דער פאָרם פון אומשולדיקע קאָלעגיאַלע שמועסן.

נאָכן צווייטן באַזוך אינעם גרענעץ־ראַיאָן האָט אלי אויסגע־דריקט זיין דאַנקבאַרקייט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר און אַלס צייכן פון אמתער און ערלעכער פריינטשאַפט האָט ער אים איבערגעגעבן דעם שליסל פון זיין שטוב און געזאָגט, אַז ער קען זיך מיט אים באַנוצן און טאָן דאָרט וואָס אים געפעלט. ער האָט דערביי צו־געגעבן:

„אויב עס פאַרגלוסט זיך אייך אַ פאַסיקע געזעלשאַפט, דאַרפט איר זיך נישט פילן באַגרענעצט, איר דאַרפט נאָר צווייסן טאָן אַ טאָג פריער און אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. פרויען, פאַרוויילונגען און די בעסטע געטראַנקען זענען פאַראַן לרוב אין דער שטוב פון קאַמעל אמין טאַבעט”.

דער קאָלאָנעל האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט און גע־זאָגט:

„אַ דאַנק. איך האָב תמיד געוווּסט, אַז מען קען זיך אויף אייך פאַרלאָזן. ביי אייך איז פאַראַן די האַרמאָניע פון אַ ברייט האַרץ און אַ גרויסן מוח”.

נאַרישע רעטענישן...

זאַהאַר אַ דין האָט נישט געהערט צו די, וואָס באַציען זיך מיט גרינגשעצונג צו אַזעלכע האַרציקע איינלאַדונגען און דערצו נאָך מצד אַזעלכע מיוחסים און אַריסטאָקראַטן ווי קאַמעל אמין טאַבעט.

אונדזער מענטש אין דמשק

אין אַ געוויסן פּרימאָרגן, קורץ נאָך זייער באַגעגעניש אויף דער ישראלדיקער גרענעץ, האָט זאהאר אַ דין איבעראַשט זיין פריינט מיט אַ פּלוצימדיקן באַזוך.

דאָס איז געווען גאָר פרי, ווען אלי איז פּונקט געווען פאַר־נומען מיט איבערגעבן ידיעות קיין ישראל דורך זיין ראַדיאָ־זענדער, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין שלאָף־צימער.

ווען דאָס גלעקל ביי דער טיר האָט זיך צעקלונגען, האָט אלי זיך נישט פאַרלוירן, האָט שנעל איבערגעריסן די פאַרבינדונג, צו־געדעקט דעם אַפּאַראַט און צוגעגאַנגען עפענען די טיר.

דערזעענדיק דעם גאַסט, האָט ער אַזש אויסגעשריגן פון פריידיקער איבעראַשונג, זיך אַרומגענומען מיט אים. זאַהאַר אַ דין האָט געזאָגט:

„איך האָב זיך גענומען אַ ספּעציעלן אורלויב כדי צו דער־ליידיקן דאָ עטלעכע ענינים. איך דאַרף זיך טרעפן מיטן פאַרטיי־דיקונגס־מיניסטער, האָב איך זיך געטראַכט, אַז עס איז כדאי אַריינצוגיין צו אייך טרינקען אַ גלאָז קאַווע".

זאַהאַר אַ דין האָט שוין פון דער ערשטער מינוט זיך געפילט פריי אין אַליס וווינונג, האָט אַרומשפּאַצירט איבער די צימערן, איז אַריין גלייך אינעם שלאָף־צימער און אין אַנטאָן אַרויפגע־שפּרונגען אויף דעם ווייכן בעט, אויסגעצויגן זיך און געזאָגט:

„ווי אָנגענעם עס איז דאָ צו ליגן".

אלי איז געוואָרן עטוואָס צעמישט, ווייל אויף דער פּאָד־לאָגע, נישט ווייט פונעם בעט, האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע פּאַ־פּירן מיט שיפערן. אין דעם מאָמענט איז זאַהאַר א דינס בליק געפאַלן אויף די פּאַפּירן.

אויף זיין פראַגע וואָס דאָס זענען פאַר אַ צייכענונגען, האָט אלי געהויבן מיט די אַקסלען און אָן אַ ציטער מיט אַ ברעם האָט ער געענטפערט:

„עט, נאַרישע רעטענישן... זיי לאַנגווייליקן מיך שוין".

פון דמשק קיין תל־אביב

ס'איז נאָך קיין גאַנץ יאָר נישט געווען זינט אלי איז געקו־מען קיין סיריע און שוין איז ער אַלס קאַמיל אַמען טאַבעט גע־וואָרן אַ צענטראַלע געשטאַלט, באַליבט און פאַרערט סיי צווישן

די מאַסן און סיי צווישן די שפּיצן אין דער העבּרעער געזעלשאַפט.

אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט אין סיריע האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. אין דער לופט איז שוין גע־האַנגען דער אָנזאָג פון אַ נאָענטער איבערקערעניש, און תל־אביב האָט זיך געגרייטקט אין אויפקלערונגען און אינפאָרמאַציעס וועגן די אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דער איבערקערע־ניש. די אינפאָרמאַציעס האָבן געדאַרפט זיין ברייטע און אַלזייטיקע און דאָס אַלץ איז אלי נישט אימשטאַנד געווען איבערצוגעבן דורך זיין קליינעם פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט.

און אזוי איז געשען, אז אין איינעם אן אָוונט האָט אלי באַ־קומען די מעלדונג, ער זאָל איינפּאַקן די וואַליזעס און קומען קיין תל־אביב.

גלייך אויפצומאַרגנס האָבן שוין זיינע פריינט און באַקאַנטע געוווּסט, אז ער פאָרט אַרויס אויף א געוויסער צייט קיין אויסלאַנד דערליידיקן זיינע געשעפטן. בלויז די נאָענטסטע מענטשן זיינע האָבן געוווּסט דעם „סוד", אז ער פאָרט קיין אַרגענטינע.

דאָרט, אין אָפּגעזונדערטן אַפּאַרטאַמענט פון עלעגאַנטן האָטעל „סאַיטש", האָט זיך קאַמעל באַגעגנט מיט אמתע און מכלומרשטע אימיגראַנטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעקניפּט פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען...

נאָך עטלעכע טעג איז ער אָפּגעפלויגן קיין אייראָפּע, ווו ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן געוויסע קליינע אָפּעראַציעס. האָט אי־בערגעפאַרבט זיינע שוואַרצע האָר אויף גרוי און איז אינמיטן דער נאַכט אָפּגעפלויגן קיין לוד.

אויפן פלי־פּלאַץ האָט אלין אָפּגעוואַרט דער פאַרבינדלער זלמן, וועלכער האָט אים גלייך דערקענט, נישט געקוקט אויף זיין אויסער־לעכער מאַסקע, און אָפן אַרויסגעוויזן זיין פרייד דערמיט, וואָס ער זעט אזוי פיין אויס.

אין אַליס קול האָט אָפּגעקלונגען א געוויסער אומעט:

„יאָ, דאָס איז א פיינער פּאָסטן, כמעט א פענסיאָנאַט, ביז דעם טאָג ווען דער פענסיאָנאַט ווערט פאַרוואַנדלט אין א טורמע"....

זיי זענען איינגעשטיגן אין דעם אויטאָ, וואָס האָט זיי אָפּגע־פירט פונעם פלי־פּלאַץ אין צענטער פון תל־אביב, ווו עס האָט זיך געפונען יצחקס קאַבינעט.

זלמן האָט צו אים אויפן וועג געזאָגט:

„יצחק וואַרט שוין אויף דיר מיט אומגעדולד".

אלי האָט אים א ווונק געטאָן, ער זאָל אויפהערן צו רעדן, כדי דער שאָפער זאָל נישט אויפכאפּן וואָס זיי רעדן. אָבער זלמן האָט ביטולדיק א מאך געטאָן מיט דער האנט:

„עס איז שוין צייט, אז דו זאָלסט קענען אונדזערע בעסטע מענטשן דאָ אין תל־אביב".

דערביי האָט ער פאָרגעשטעלט אלין דעם שאָפער פונעם אוי־טאָ — אַן אַקטיווער פונקציאָנער אין זיכערהייטס־דינסט.

„דאָס קלינגט פאנטאסטיש...!"

דער קבלת־פּנים ביי יצחקן אין קאבינעט איז געווען זייער א הארציקער. מען האָט אפילו אויסגעטרונקען א גלעזל משקה און דערנאָך זענען יצחק צוזאמען מיט נאָך צוויי פון זיינע נאָענטסטע מיטארבעטער געזעסן געשפּאנטע און צוגעהערט זיך צו אליס דער־ציילונג.

נאָך עטלעכע שעה האָבן זיי געהאט פאר זיך דאָס פולע בילד פון אליס אַרבעט. אַ ווײַלע זענען אַלע געזעסן שווייגנדיק, איבער־געקוקט זיך איינער מיטן אנדערן. יצחק האָט נישט געקענט איינ־האלטן זיין ענטוזיאזם:

„דאָס קלינגט פאנטאסטיש, אפילו פאר אזא אלטן פוקס ווי איך בין".

נאָך אליס אוועקגיין זענען די דריי נאָך לאנג געזעסן ביי זיי־ערע שרייב־טישן און צוגעגרייט דעם פולן באריכט וועגן אליס טעטיקייט אין דמשק.

אויף צומאָרגנס, 3 אזייגער בייטאָג איז אלי ווידער געזעסן מיט זיי אין קאבינעט און יצחק האָט אים איבערגעגעבן די ווייַ־טערדיקע אינסטרוקציעס:

„אין משך פון דער צייט פון דיין אָפּוועזנהייט האָבן מיר דאָ באקומען אייניקע געהילפס־מכשירים, וואָס וועלן דיר צונוץ קומען ביי דיין ארבעט אין דמשק. אייניקע פּרעציזע אפּאראטן צו פאָ־טאָגראפירן דאָקומענטן, האָסט דאָרט אַן אפאראט, וואָס איז גרויס ווי א טאוול שאָקאָלאד. די מיקראָפילמען לאָזן זיך לייכט באהאלטן אין א שאך־פיגור. דו קאָנסט זיי איבערשיקן דורך דיין אגענט אין ארגענטינע און פון דאָרט וועלן זיי מיט דער דיפּלאָמאטישער פּאָסט אָנקומען קיין ישראל... דאָס אומגיין זיך מיט דעם קליינינקן פאָטאָ־

גראפיר־אפאראט איז זייער איינפאך... איך מיין, אז אויפן דאָזיקן אופן קאָנסטו איבערשיקן דרייפאכיק מער מאטעריאל, אָבער בעיקר אזא מאטעריאל, וואָס איז נישט אזוי דרינגענדיק".

אלי האָט אויפמערקזאם אויסגעהערט די אינסטרוקציעס און געזאָגט:

„איר מיינט אוודאי די אָפּשאצונגען פון דער לאגע ווי א צוגאָב צו די אינפאָרמאטיווע ידיעות?"

יצחק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אלס הסכמה:

„יאָ. אין דאָזיקן מאָמענט מוזן מיר האָבן גענויע און פיל אָפּ־שאצונגען וועגן די באזונדערע כוחות פון באאַט. לויט ווי מיר ווייזט זיך אויס וועט די דאָזיקע פארטיי זיין א פאטאלע פאר ישראל".

אין ווייטערדיקן שמועס האָט אלי ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אז כאפעז איז ביים איצטיקן מאָמענט דער סאמע ערנסטער קאַנ־דידאט איבערצונעמען די אָנפירונג, ווען די באאט־פארטיי וועט קומען צו דער מאכט.

אונדזער מענטש אין דמשק

דריטער טייל

די איבערקערעניש

דעם 8־טן מערץ 1963, א קורצע צייט נאָך דעם, ווי אלי כהן האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע איבער אייראָפּע און ארגענטינע, איז פאָרגעקומען די דערוואַרטע איבערקערעניש.

אין די גאַסן פון דמשק האָבן זיך באַוויזן טאַנקען און סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען די שליסל־פּונקטן אין שטאָט. דער דמשקער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן דעם גאַנצן טאָג מיליטערישע מאַרשן.

צו דער באַשטימטער שעה האָט אמין אל כאפעז געהאַלטן א פייערדיקע רעדע קעגן דער מצרישער אָנפירונג און וועגן די גרויסע צילן, וואָס עס האָט זיך געשטעלט די באַאַט־פּאַרטיי.

קאַמעלס בעסטע פריינט זענען געוואָרן מיניסטאָרן און פאַרנומען הויכע פּאָסטנס. כאַפעז אַליין איז נאָך דער איבערקערעניש אין זיין פּאַרטיי באַשטימט געוואָרן אַלס סירישער מלוכה־פּרעזידענט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די גלענצנדיקע גלאַנץ־תקופה אין קאַמעלס לעבן.

לכבוד דער איבערקערעניש איז אָרגאַניזירט געוואָרן א ריזיקער באַנקעט פאַר אַלע אָנהענגער פון דעם נייעם רעזשים. היינטערן דאַזיקן באַנקעט איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען קאַמעל אמין טאַבעט.

דער באַנקעט איז פאָרגעקומען ביי כהנען אין שטוב. די גאַנצע גאַס איז פול געוואָרן מיט לוקסוס־אויטאָס און מיליטערישע דזשיפּן. אלי כהן אַליין האָט אויפגענומען די אַלע מענטשן, וועלכע זענען איצט געווען די אויבערשטע פון דער סירישער געזעלשאַפט. פאַר יעדן האָט ער געהאַט א גוט וואָרט, דערמאָנט א דערינערונג אָדער אָפּגעגעבן א גרוס פון א געמיינזאַמען פריינט. ער האָט אַליין אָנגעגאָסן די גלעזער ווין און אַנדערע שאַרפע געטראַנקען און אויפגעהויבן טאָסטן פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן פאָלק..

צווישן די געסט האָבן זיך אויסגעטיילט די מיניסטאָרן פאַר אינפאָרמאַציע, פאַר אינערן־ענינים, פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטע־ריום, גענעראַלן און פּולקאָווניקעס.

גענעראַל כאַפעז, וועלכער איז געווען די קרוין פון דער אי־בערקערעניש, איז געקומען מיט זיין פרוי עטוואָס שפּעטער, ווען אַלע זענען שוין געווען אין א דערהויבענער שטימונג. ער איז גע־ווען אָנגעטאָן אין א שיינעם שווארצן אנצוג און זיין פרוי איז גע־שטאַנען נעבן אים אָנגעטאָן אינעם ווינטער־פּוטער, וואָס זי האָט באַקומען ביי אַ געלעגנהייט אלס מתנה פון אלין.

די מאַדאַם כאַפעז, ווי א סך אנדערע פרויען פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס האָבן באַקומען מתנות פונעם גרויסן פילאַנטראָפּ און סירישן פּאַטריאָט, האָט געוווסט ווי אָפּצושאַצן זיין ברייט הארץ און ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי זיך באַמיט אים אָפּצודינען...

מיט דער הילף פון די דאָזיקע פרויען, וואָס זענען געווען פאַר־בענקט נאָך זיינע... מתנות, האָט אלי באַוויזן ארויסצוקריגן אַן א שיעור פּרטים וועגן דער ארבעט פון זייערע מענער...

די סודות ביים אָפּלענקען דעם ירדן און באַניאַס

די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויפן דאָזיקן אָוונט האָט קאַמעל אָפּגעגעבן דעם מאַן, וואָס האָט זיך גערופן בען לאַדאַן. סאַלים כאַטום האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר קאַמעלן אלס פאַראַנטוואָרט־לעכער פאַר דער ארבעט ביים אָפּלענקען די ירדן־וואַסערן.

אלי האָט אים ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע סימפּאַטיע און גאַסטפריינטלעכקייט, כאָטש ער האָט בעתן שמועס אריינגעוואָרפן א באַמערקונג, אַז ער איז גרייט זיך צו ווענדן, אז ער איז גאָרנישט קיין סיריער. לאַדאַן האָט לאַכנדיק מודה געווען:

„ריכטיק, איך בין פון סאַודיע. אַן אונטערנעמער פון געזעל־שאַפטלעכע ארבעטן און אין דער פרייער צייט בין איך אַן אינ־זשיניער".

אלי האָט מיט אים גערעדט אין א טאָן פון א ביזנעסמאַן:

„איך האָב געהערט, אַז איר גייט ענדערן דעם נאַטירלעכן לויף פון באַניאַס און אריינפירן אים קיין סיריע".

„ריכטיק. דאָס איז זייער א וויכטיקער פּראָיעקט נישט בלויז פאַר סיריע, נאָר פאַר דער גאַנצער אראַבישער וועלט. גיט א

טראכט, איז דען פאראן א גרעסערער וועג צו ליקווידירן א גאנץ לאנד, אָן גרויסער אָנשטרענגונג, אָן א שאָס?"

אלי האָט געוואָלט וויסן, צי עס זענען פאראן עפעס שטערונגען און ווען בען לאדאן האָט אים געזאָגט, אז די ישראלים באמיען זיך צו שטערן מיט אלע מיטלען, אָבער זיי גרייטן צו א נייעם בוי־מעטאָד, וואָס וועט פארזיכערן די פארטיידיקונג אפילו קעגן באָמ־באָרדירונג פון דער לופט, האָט אלי אריינגעוואָרפן א באמערקונג:

„אָ, דאָס וועט זיכער פארטייערן דעם פרייז פון דער ארבעט".

יענער האָט אים אויפגעקלערט, אז דאָס שטייגן פון דעם פרייז וועט נישט זיין קיין גרויסער, אָבער דערפאר וועט די ארבעט זיין זיכערער און נוצלעכער. עס זענען אריינגעפירט געוואָרן געוויסע עלעמענטן, וואָס זענען ווידערשטאַנדס־פעאיק קעגן א באָמבאָרדי־רונג, אויסער ווען די באָמבע טרעפט אוממיטלבאר אין פונקט.

אלי האָט אויך א ווײלע אָפּגעצויגן דעם לויף פון בען לאדאנס רעדן, אריינוואָרפנדיק א באמערקונג:

„פארוואָס טראכט איר עפעס, אז די ישראלים וועלן פלוצלונג נעמען באָמבארדירן פון דער לופט?"

יענער האָט גערעדט מיט א טאָן פון א זאכקענער און ספּעציא־ליסט:

„דאָס איז די איינציקע מעגלעכקייט. עס איז נאריש צו טראכ־טן, אז די ישראלים וועלן אריינשיקן דיוועריסאנטן, ווייל דער גאנ־צער ראיאָן איז מינירט, בלייבט איבער בלויז די מעגלעכקייט צו באָמבארדירן פון דער לופט".

אלי איז געווען אנטציקט און האָט מיט באגייסטערונג גערעדט:

„א שאָד, וואָס איך האָב איצט נישט די שטימונג צו נייע גע־שעפטן. מעגלעך, אז איך וואָלט אייך געקענט עפּעס צונוץ קומען, ווען איך ווייס עפּעס גענויער וועגן וואָס עס גייט, וויאזוי מען קען אויסנוצן אייערע קאָנסטרוקציעס, אז זיי זאָלן זיין וואָס שטאַנד־האפטיקער און זיכערער".

בען לאדאן האָט זיך אָנגעכאפּט אין די רייד:

„איך מיין, אז איר וואָלט געדאַרפט רעדן אין קריגס־מיניסטע־ריום. דאָרט וואָלט איר געקענט באקומען אַן אלזייטיקערע אויפ־קלערונג, און אויב איר וועט האלטן פאַר נויטיק, קענט איר אונדז באזוכן און מיר וועלן אייך באקענען מיט די געביידעס, מיט אונד־זער נייער סטרוקטור פון בויען דעם קאנאל".

אלי האָט אים זייער העפלעך געדאנקט און האָט דעם שמועס

אריבערגעפירט אויף פארשידענע אנדערע פראָבלעמען פון דער ווירטשאפט און זיכערהייט אויף דער ישראלדיקער גרענעץ.

עס האָט אויסגעזען, אז ביידע האָבן צו זיך דעם פולסטן צוטרוי. בען לאדאן איז געווען אָריענטירט אויך אין פּאָליטישע ענינים און האָט געוווסט, אז די אָנפירונג פונעם נייעם רעזשים נויטיקט זיך שטאַרק אין אזעלכע מענטשן ווי קאמעל.

דער פארטרוילעכסטער מענטש פון נייעם רעזשים

אויב ביז איצט האָט אלי געדארפט זוכן וועגן אויף פאַרבינ־דונגען, האָבן זיך איצט איבערגעדרייט די יוצרות. אלע האָבן גע־זוכט פאַרבינדונגען מיט אים.

כאפעזס פארטרעטער האָט אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל אויס־ווירקן זיין השפעה אויף מענטשן אין אויסלאנד, זיי זאָלן אינוועס־טירן קאפּיטאל אין סיריע, וואָס נויטיקט זיך איצט אזוי שטאַרק אין פארפעסטיקן איר ווירטשאפט.

אלי איז געווען באשיידן:

„דערלויבט מיר, מיין הער, צו מאכן אייך א באמערקונג. ווען מענטשן אינוועסטירן זייער פריוואט קאפּיטאל, באזונדערס אין דאָלארן, האָבן זיי א רעכט צו פאָדערן אייפקלערונגען וועגן די צילן, צו וועלכע זייער געלט איז באשטימט. מיינט איר, אז מען קען אזוי האָבן צוטרוי צו אלע אויסלענדישע אינוועסטאָרן און דערציילן זיי די צילן פון זייערע אינוועסטיציעס?"

כאפעזס פארטרעטער האָט געהאלטן, אז מען קען געבן געוויסע אייפקלערונגען, חוץ אין זיכערהייטס־ענינים.

„און ווי וועט זיין — האָט אלי געפרעגט — אויב די גרעסטע טייל פונעם געלט וועט דארפן אויסגעגעבן ווערן אויף זיכערהייטס־ענינים?"

„דעמאָלט, מיין איך, וועט אמבעסטן זיין צו שאפן א קערפּער־שאפט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסלענדישע אינוועסטיציעס. די גענויע אינפאָרמאציעס וועגן די אינוועסטיציעס וועלן מיר אי־בערגעבן איינעם, צו וועלכן מען קען האָבן דעם פולסטן צוטרוי און יענער וועט דארפן געפינען דעם וועג איבערצוציגן די אנדערע, אז זיי זאָלן נישט פאָדערן קיין גענויערע אויפקלערונגען".

„די פראגע איז נאָר, ווער וועט עס זיין יענער פארטרויליכער מענטש, וואָס מען קען זיך אויף אים פארלאָזן?"

א ווײַלע האָט געהערשט א געשפאנט שווייגן.

כאפעז פארטרעטער האָט אויסגעזען צו זיין פארזאָרגט, האָט געקנייטשט דעם שטערן און דאן א פרעג געטאָן אליין, צי ער וואָלט נישט גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאבע?

„מיינט איר נישט, אז דאָס איז אביסל א צו אייליקער באשלוס?"

דער פארטרעטער האָט ביטולדיק א מאך געטאָן מיט דער האנט:

„איך בין קאָמפעטענט צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט אויף דער דאָזיקער טעמע. איר קענט אָנהויבן טאָן אין דער זאך".

א פאָר טעג שפעטער, האָט אלי אָנגעהויבן איבערשיקן אָפטער זיינע ראדיאָ־ידיעות קיין ישראל. די ידיעות זענען אויך געוואָרן עפעקטיווערע און די אינפאָרמאציעס וואָס ער האָט מיטגעטיילט זענען געוואָרן ווערטפולערע. אָפעראטיווע באפעלן, באוואָפענונגס־פלענער און טאָפאָגראפישע צייכענונגען פון „פילבארע ראיאָנען" האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין ישראל. א טייל פון די דאָזיקע אינפאָרמאציעס זענען שוין אויף צומאָרגנס פארעפנטלעכט געוואָרן אין „קול ישראל" — טיילמאָל נאָך איידער זיי זענען באקאנט געוואָרן די סירישע מנהיגים גופא.

די באריכטן האָבן אויך פארמאָגט אינפאָרמאציעס וועגן די באוועגונגען פון סירישן מיליטער, די טערמינען, ווען עס איז דער־האלטן געוואָרן וואָפן, די עפעקטיווקייט פון דער אויסשטאַטונג און די מעגלעכקייט אָנצווענדן דעם וואָפן אין די ראמען פון די געוויינלעכע מאנעווערעס פון סירישן מיליטער.

די אינפאָרמאציעס, וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן קיין ישראל מיט יעדן מעגלעכן וועג, זענען אויסגענוצט געוואָרן ביז צום לעצטן פרט. אביסל שפעטער, ווען אלי האָט באנייט די בעלער אין זיין וווינונג, האָט ער אויסגעקליבן פאסיקע מיידלעך און נישט דערוועקנדיק זייער חשד, האָט ער זיי איבערצייגט, זיי זאָלן זאַמ־לען פאַר אים יעדן מאַטעריאל, וואָס זיי וועלן האַלטן, אַז ער איז וויכטיק. בעת די בעלער און מסיבות אין זיין וווינונג, האָט אלי זיך נישט אָפגעשטעלט פון פאָטאָגראפירן צענדליקער בילדער, וואָס האַבן אים געקאָנט דינען ווי ערשטקלאסיקע שאנטאזש־מיטלען.

א הויכער פראַנצויזישער באַאַמטער, וועלכער איז איינגעלאדן געוואָרן צו אזא באל, האָט שפעטער געזאָגט, אז דאָס אָרט, די מענ־

טשן און די אַטמאָספּער, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען ענלעך צו אַן אָריענטאַלישער ווערסיע פון „ראָזן באַלעט", אָדער צו אַן אָריענ־טאַלישער אָרגיע אין נוסח פון דער „פּרשה קילער".

טראָץ אַלע זיינע פּרוּוון פון שאַנטאַזש, האָט כהן, צוליב זיכער־קייט, נישט געמאַכט קיין שום טראַנזאַקציע, וואָס איז עלול געווען צו באַפלעקן זיין נאָמען. פּערזאָנען, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן זייערע באַציאונגען מיט טאַבעטן, כדי צו מאכן געשעפטן מיט דער רעגירונג, האָט ער אָפּגעשטופּט מיט פאַראַכטונג.

ווי אַ רעוואָלוציאָנער און געטרייער אָנהענגער פון „באאַט", פלעגט ער אין אַזעלכע פאַלן אויסברעכן אין אַ צאָרן: „וואָס מיינסטו דיך, קאָנסט קויפן מיין האַרץ מיט באַקשיש? די תקופה פון באַק־שיש איז געשטאָרבן מיטן מאָמענט, ווען די „באאַט"־פּאַרטיי האָט איבערגענומען די מאכט!"

„געטריישאַפט צום רעזשים"

אַזעלכע פּאַטריאָטישע דערקלערונגען און זיין „גרענעצלאָזע טריישאַפט" צום רעזשים, האָט פאַרשאַפט אַלין אַזאַ נאָמען, וואָס קיינער האָט נישט געהאַט ביז דאַן אין דער מיליטאַריסטישער מדי־נה. זיין בירגערלעכע פּאָזיציע האָט דערגרייכט אַ נייעם רעקאָרד.

א באַווייז דערפאַר איז געווען דער באַזוך פון גענעראַל אלי אַמער, דער קאָמאַנדיר פון דער פאַראייניקטער אַראַבישער קאָמאַנדשאַפט, אין סיריע. אלי כהן איז געווען דער איינציקער ציוויליסט, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דער אינספּעקציע פון די קאָלאָנעלן און גענעראַלן אויף דער סיריש־ישראלדיקער גרענעץ. ער האָט מיטן גרעסטן אינטערעס נאָכגעפאָלגט די אויפקלערונגס־רייד פון קאָמאַנדיר פון ־איאָן און האָט זיך באַמיט צו פאַרגעדענקען אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט.

די מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן און פאָטאָגראַפן האָבן גע־ווידמעט דער אינספּעקציע לאַנגע רעפּאָרטאַזשן. די פאָטאָגראַפן האָבן אַן אויפהער געבליצט מיט זייערע פאָטאָגראַפישע לאָמפּן. ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט אמין טאבעט זיך לייכט געקאָנט אַרויסדרייען פון די פאָטאָ־אָביעקטיוון. קיינער וואָלט אים גאָרנישט געזאָגט. אָבער ער האָט, פאַרקערט, זיך באַמיט צו שטיין אין דער ערשטער ריי, זייט ביי זייט מיטן גענעראַל אַמער. די דאָזיקע ביל־דער זענען אים געווען נויטיק פאַר זיין זעלבסט־פּראָפּאַגאַנדע צווי־שן די העכערע אָפיצירן.

אלי טרעפט זיך מיטן געוועזענעם סירישן פרעזידענט

אַ געוויסע צייט נאָך אמערס באַזוך, איז אויף אלין ארויפגעלייגט געוואָרן אַן אָנגעזעענע אויפגאבע. כאַפּעז האָט אים געבעטן ער זאָל אַרויספאָרן צום געוועזענעם סירישן פּרעזידענט סאלאח אל ביטאר, וועלכער האָט זיך געפונען אויף קוראַציע אין ירירחו און אים געווינען פאר דער „באאט"־פּארטיי. אלי איז אַוועקגעפאָרן קיין יריחו, זיך געטראָפן מיטן אַלטן פּרעזידענט און געשמועסט מיט אים לאַנגע שעהן וועגן די פּרינציפּן פון „באאט". ער האָט געטאָן אַלץ, כדי צו איבערצייגן אל־ביטארן ער זאָל זיך צוריקקערן און אָנערקענען דעם נייעם רעזשים.

„דאָס סירישע פאָלק שאַצט זייער אָפּ אייער דערפאַרונג און פּארערט אייער פּערזענלעכקייט. ער וויל אייך זען צווישן אים" — האָט אלי געזאָגט צום באַזייטיקטן פּרעזידענט.

„אָבער איך אָנערקען נישט דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים און דער רעזשים וויל מיך נישט אָנערקענען".

„דער רעזשים אָנערקענט אייך, אָבער דער רעזשים וויל נישט אָנערקענען דעם אופן ווי איר האָט געפירט די מדינה איידער די „באאט"־פּארטיי האָט איבערגענומען די מאַכט".

„אויב איך פארשטיי אייערע כוונות, דאַרף מיין צוריקקערן זיך בלויז סימבאָליזירן מיין אָנערקענונג פארן רעזשים און דאָס וועט א סך ביישטייערן דעם אָנזען פון דער פּאַרטיי".

„טראכט וועגן דעם, מיין אלטער פריינט — האָט אלי געזאָגט — עס האָט נישט קיין זינען צו אנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט".

די געשפּרעכן צווישן אלין און דעם געוועזענעם פּרעזידענט האָבן געדויערט גאנצע 3 טעג. צום סוף האָט סאלאח אל ביטאר צוגעזאָגט צו באטראכטן ערנסט דעם פאָרשלאָג.

אלי האָט זיך צוריקגעקערט קיין דמשק.

„כאפּעז האָט באקומען א שווערע אַטאַקע אויף די נירן" — האָט מען אים אָנגעזאָגט ביים אָנקומען אין סיריע — „און ער מוז שוין אָפּפאָרן קיין פאריז אויף אַן אָפּעראַציע ביים דאָקטאָר קיס".

„אפשר קאָן מיך כאפּעז אויפנעמען אין זיין קאבינעט?" — האָט אלי געפרעגט ביים סעקרעטאר פון פּרעזידענט.

„איך האָב מורא, אז נישט. די דאָקטוירים האָבן אים באפוילן פולשטענדיקע רו. אָבער אויב דאָס איז זייער אייליק, קאָנט איר זיך

אַנשליסן צו אים אויף זיין וועג צום פלי־פעלד. ער פליט אָפּ היינט נאָכמיטאָג קיין פּאַריז".

„גיט אים איבער, אז איך וועל אזוי טאָן" — האָט אלי געבעטן.

אויפן וועג צום פלי־פעלד האָט אלי אָפּגעגעבן דעם פּרעזידענט אַ באַריכט פון זיינע געשפּרעכן מיט סאלאח אל־ביטאר און אלי האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז דער אלטער מנהיג וועט זיך צוריקקערן קיין דמשק, אָבער ער וועט זיך נישט שטעלן אויבנאָן.

„דער זקן הייבט אָן צו ווערן ווייכער" — האָט כאפעז אָן איראָנישן שמייכל געטאָן.

„ איך מיין, אַז ער איז נאָך דערווייל האַרט ווי אַ צעדערבוים אין לבנון" — האָט געזאָגט כהן.

„ניין, ער איז שוין ווייכער געוואָרן, ווען ער האָט מסכים געווען דיך אויפצונעמען אין זיין הויז אין יריחו". — האָט כאפעז אויפגעקלערט. „ער האָט זיכער געוווסט, אז דו ביסט מיין פּערזענלעכער שליח און דאָס אָנערקענען דיין שליחות, איז ווי אַן אָנערקענונג פון מיין עקזיסטענץ".

כאפעז האָט זיך א קרים געטאָן פון ווייטיק און זיך געכאַפּט פאַרן זייט:

„ווען איך וועל זיך צוריקקערן אַ געזונטער פון פּאַריז, וועל איך אָנהויבן צו אָרגאניזירן אייניקע זאכן פון דאָסניי. דער דאָזיקער זקן קאָן הויבן דעם פּרעסטיזש פון „באאט" צווישן די מאַסן. דער עיקר צווישן די קעגנער פון רעזשים".

אלי האָט געדריקט די האנט פון פּרעזידענט כאפעז איידער ער איז ארויף אויפן עראָפּלאַן און אים געוואונטשן אַ שנעלע היילונג. דער עראָפּלאַן איז אָפּגעפלויגן און פאַרשוווּנדן הינטערן האָריזאָנט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם, האָט שוין תל־אביב געוווסט, אַז כאפעז איז ארויסגעפאָרן קיין פּאַריז כדי זיך צו אָפּערירן אויף די נירן ביים בארימטן דאָקטאָר קיס.

„די אָפּעראַציע קאָן אויפהאלטן כאפעזן אין פּאַריז אַ דריי וואָכן. האָבן, לויט דיין מיינונג, די קעגנער פון רעזשים גענוג כוח כדי דורכצופירן אַן איבערקערעניש אין אָט דער צייט?" — איז אלין געפרעגט געוואָרן פון תל־אביב.

אלי האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אליין און געענטפערט: „ווי אַן אָנהענגער פון „באאט" גלויב איך נישט. אַלע אונדזערע קעגנער זיצן הינטער די קראַטן".

אלי האָט פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און ווידער אַ שמייכל געטאָן מיט באפרידיקונג. ער איז געווען איבערצייגט, אַז תל־אביב האָט אויפגענומען די ידיעה און זי פאַרשטאַנען.

אלי כהן ביי דער זייט פון פּרעזידענט

אין דריי וואָכן ארום, ווען דער עראָפּלאַן פון „פּאַן־אראביע" האָט געלאנדעט אויפן פלי־פעלד אין דמשק, איז פון אים אראָפּ כאפעז אַ גליקלעכער און אַ שמייכלענדיקער, הגם ער איז נאָך גע־ווען אביסל שוואך און אים האָבן אונטערגעהאַלטן סטיוארדיסטינס.

די טעלעוויזיע־אפּאראטן האָבן אויפגענומען זיין אָנקום און די זשורנאליסטן זענען אים באפאלן מיט א מבול פון פראַגן. כאפעז האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, אויסער אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין געזונט:

„דאָס איז געווען אַ קוראציע־רייזע און נישט קיין רייזע אויף געשפּרעכן".

„צי האָט דער הער פּרעזידענט נישט אויסגענוצט זיין ווײַלן אין פאריז אויף געשפּרעכן מיט הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן ?" — האָבן געפרעגט די זשורנאליסטן.

„דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט געהאַט בדעה צו אָרגאניזירן א רייע צוזאמענטרעפן" — האָט אויפגעקלערט כאפעז — „אָבער דער דאָקטאָר האָט מיר פאַראָרדנט אויסשליסלעכע רו. איך האָב דעריבער קיינעם נישט אויפגענומען".

„צי האָט איר אפשר, ווייניקסטנס צוגעגרייט דעם באָדן פאר דירעקטע געשפּרעכן בעתן נאָענטסטן צוזאמענטרעף ?" — האָט מען ווייטער געפרעגט.

„מעגלעך" — האָט געזאָגט כאפעז — „אָבער עס איז נאָך פריצייטיק צו רעדן וועגן דעם".

איין זשורנאליסט האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן און געפרעגט:

„איז פראנקרייך אונדזער אַ פאַרבינדעטער ?"

„עס וועט זיין א חוצפה פון מיין זייט, ווען איך וואָלט געזאָגט ניין" — האָט כאפעז געענטפערט — „איך בין זיכער, אַז אַ געוויסן טאָג וועט פראנקרייך זיך איבערצייגן אין אונדזער מאכט און אין אונדזער מעגלעכקייט אָנצופירן מיט דער פּאָליטיק פון ראַיאָן. זי וועט אונדז אונטערשטיצן מער ווי זי שטיצט אונטער ישראל".

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די פּרעסע־קאָנפערענץ. כהן האָט זיך דערנענטערט צו כאפעזן, אָוועקגעלייגט זיין האנט ביי אים אויפן אקסל און געפרעגט: „ווי פילט איר זיך איצט, נאָך דער אָפּעראציע און נאָכן אָנגריף פון די זשורנאליסטן?"

„איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דער היים. דאָרט וועל איך זיך פילן אויסגעצייכנט" — האָט כאפעז אַ פּליסטער געטאָן צו זיין פריינט.

דער פּרעזידענט, ביי זיין זייט אלי און אַלע באַגלייטער זענען דורכגעפאָרן די גאסן פון דמשק. פּונקט אין דער זעלבער צייט האָט דער ראַדיאָ דמשק איבערגעגעבן די ידיעה וועגן כאפעזס צוריקקום.

א קורצע צייט נאָך דעם איז אין דער אַראַבישער נייעס־אוידיציע פון „קול ישראל" איבערגעגעבן געוואָרן א ברייטער רעפּאָרטאַזש וועגן דער נסיעה פון פּרעזידענט כאפעז. אלי האָט געוווסט ווי אזוי אויסצונוצן יעדע אינפאָרמאציע און זי אריבערשיקן קיין ישראל, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו דער שטרענגער צענזור, ווי דאָס האָבן געדארפט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן און אָרטיקע זשורנאַליסטן.

ווען מען האָט וועגן רעפּאָרטאַזש אין „קול ישראל" צוגעטראָגן כאפעזן, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון כעס. ער האָט גלייך פאַראָרדנט דעם סירישן געהיים־דינסט דורכצופירן אַ גענויע אויספאָרשונג, כדי אויפצודעקן ווער פון די הויכע מדינה־באַאמטע גיט אויס די סודות פון דער מדינה.

„עס איז נישט קיין ספק, אז זייערער אַ מענטש געפינט זיך דאָ צווישן אונדז" — האָט קאָלאָנעל טאיארא געזידט פאַר כעס. „איך בין נייגעריק צו וויסן וויפל באַצאָלן אים די ציוניסטן פאַר אָט דער שמוציקער ארבעט".

„אויב עס רעדט זיך וועגן פּערזאָנען, וואָס שטייען נאָענט צו די שפּיצן פון רעזשים — האָט געזאָגט כאַפעז — וואָלט איך געראטן צו פירן די אויספאָרשונג זייער פאָרזיכטיק. קיינער טאָר נישט וויסן, אז דער געהיים־דינסט איז אים חושד. דאָס דאַרף בלייבן אַ סוד צווישן אונדז ביידן".

„זיכער" — האָט געענטפערט טאיארא — „איך וועל טאָן אַלץ, כדי אויסצוגעפינען דעם פאַרעטער אויף אַן איידעלן אופן".

כאפעז האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. ער האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, ווער קען דאָס זיין דער פאַרעטער. אָן ספק,

אונדזער מענטש אין דמשק

אז א דאנק די אינפאָרמאַציעס פון אַט דעם מענטשן, ווייסט מען אין ישראל אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דמשק, אויפן סירישן הויכלאַנד און נעבן באַניאַס־אויסגוס. טראַכטנדיק וועגן דעם האָט זיך אין זיין הארץ איינגעגנבעט א מורא און א כעס. ער האָט געשווירן אין הארצן, אז ער וועט נקמה נעמען אין דעם מענטשן, וואָס האָט געווונען זיין צוטרוי און אים פאַראַטן. אָבער ווער איז דער מענטש? כאַפעז האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ פּראָבע. אויף צו־מאָרגנס האָט ער צוזאַמענגערופן א דרינגענדע זיצונג מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און הויכע אָפיצירן. כאַפעז האָט געוואָרנט, אַז די זיצונג איז אַ געהיימע און קיינער טאָר גאָרנישט אויס־זאָגן פון דער זיצונג, נישט די זשורנאַליסטן און נישט עמעצן אנ־דערש.

יענעם נאָכמיטאָג האָט כאַפעז געעפנט דעם ראַדיאָ און זיך צוגעהערט צו דער אַראַבישער אוידיציע פון „קול ישראל". ער איז געבליבן שטיין דערשטוינט הערנדיק גענויע פּרטים וועגן דער פרימאָרגנדיקער זיצונג.

כאַפעז האָט גלייך אַרויסגערופן צו זיך אל־טאַיאַראַן.

„האָסט געוווסט וועגן אונדזער היינטיקער זיצונג?" — האָט געפרעגט כאַפעז.

„ניין" — האָט געענטפערט טאַיאַראַ — „איך האָב אָבער גע־הערט וועגן איר מיט אַ קורצער צייט צוריק אין „קול ישראל".

„גיב בלויז אַ טראַכט" — האָט שטרענג געזאָגט כאַפעז — „אויף דער זיצונג זענען געווען אַ דרייסיק אָפיצירן. אויב די פּר־טים וועגן דער זיצונג זענען אַזוי שנעל איבערגעשיקט געוואָרן קיין ישראל, האָט דאָס געקאָנט געמאַכט ווערן נאָר מיט דער הילף פון אַ שיפרירטער טעלעגראַמע, אָדער דורך אַ געהיימער ראַדיאָ־סטאַנציע. איך גלויב, אַז דאָס איז גיכער געטאָן געוואָרן דורך ראַדיאָ ווי דורך אַ טעלעגראַמע. קיינער וואָלט נישט ריזיקירט צו שיקן אַ טעלעגראַמע דורך דער זיכערהייטס־צענזור פון קאָלאָנעל באַכרי".

די ערשטע פאַרדאַכטן פון אלי כהן, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, האָבן זיך אין אים דערוועקט אַרום חודש אָקטאָבער 1964. כאַפעז האָט זיך עפּעס אָפּגעקילט אין זיינע באַציאונגען און נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ פריינטשאַפט ווי פריער. ער האָט אויך אויפגעהערט צו רעדן מיט אים וועגן מדינה־ענינים. פאַר זיינע פריינט פלעגט כאַפעז זיך באַקלאָגן אַז דער מצב פון „באַאַט"

איז זייער אַ שלעכטער און אַז פּיינטלעכע פאַקטאָרן סאַבאָטירן דעם רעזשים. לויט זיין מיינונג, זענען עס געווען פאַקטאָרן, וואָס האָבן געפירט זייער טעטיקייט לויט די אינסטרוקציעס פון נאַצערן.

וואָס ווייטער איז די אַטמאָספער געוואָרן אַלץ אַן ערגערע. די הויכע דיגניטאַרן האָבן זיך געהאַלטן קאַלט און נישט אַרויסגעוויזן קיין נטיה צו רעדן. אלי האָט דאַן איבערגעשיקט אַ ידיעה קיין תל־אביב: „די ענינים הויבן דאָ אָן צו ווערן הייס. איך קום".

דאָס איז געווען אין מיטן חודש אָקטאָבער. אלי איז אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין ישראל.

געניע אינפאָרמאַציעס

די אינפאָרמאַציעס, וואָס אלי האָט איבערגעשיקט קיין ישראל, זענען געווען אויסערגעוויינלעך געניע. און צה"ל האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן די באַקומענע אינפאָרמאַציעס בעת דעם גרענעץ־אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 13־טן נאָוועמבער 1964.

יענעם טאָג האָבן סירישע פּאָזיציעס געעפנט אַ פייער אויף ישראלדיקע טראַקטאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער ישראלדיקער טעריטאָריע. די ישראלדיקע רעאַקציע אויף די סירישע פּראָוואָקאַציעס האָט נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. טאַנקען און שווערע אַרטילעריע האָבן געענטפערט מיט פייער און פּאַראַליזירט די סירישע פּאָזיציעס אין יענעם ראַיאָן. די סיריער האָבן אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן. זיי האָבן געעפנט אַ פייער פון אַלע זייטן און עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אָנצוווענדן דעם ישראלדיקן לופט־פלאָט. קאַמפס־עראָפּלאַנען און באָמבאַרדירער האָבן ליקווידירט די סירישע פּאָזיציעס און האָבן צעשטערט די אָפּנויג־קאַנאַלן פון ירדן־טייך, צוזאַמען מיט דער מעכאַנישער אויסשטאַטונג.

די סירישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך באַרימט מיט דער עפעקטיווקייט פון זייערע נייע „מיג"־עראָפּלאַנען און אין דער מעגלעכקייט פון סיריע צו פאַרטרייבן יעדן פיינט אין דער לופטן און אויף דער ערד — האָט געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה.

די ישראלדיקע עראָפּלאַנען האָבן געניו געטראָפן אין ציל און די עפעקטיווקייט פון די באָמבעס איז געווען אַ הונדערט־

פראַצענטיקע. די אונטערשטיצונג פון דער וועלט־פרעסע פאַר דער רעאַקציע פון ישראל האָט געצווונגען די סיריער צו פאַרשטאַרקן זייער זיכערהייטס־גאַרטל און אַזוי ארום אויפדעקן זייער שרעק־לעכע מפלה. עס איז געווען קלאָר, אַז עמעצער, וואָס שטייט נאָ־ענט צו די ענינים, האָט פאַראַטן. אין יענער צייט האָט אלי כהן זיך געפונען אויף אורלויב אין ישראל.

„ווען וועסטו שוין אויפהערן ארומצופאָרן איבער אייראָפּע ?" — האָט אלין געפרעגט זיין ברודער אין זעלבן אָוונט, ווען ער איז געקומען קיין ישראל.

אלי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען: „גלויב מיר, אַז איך וואָלט שוין געוואָלט פאַרענדיקן מיין אויפגאַבע און זיין מיט אייך אין דער היים". ער האָט אַ רגע זיך איינגעקוקט אין זיין ברודער און געפרעגט: „זאָג מיר, מאָריס, איז די מוטער אין דער היים ?"

„יאָ, זי איז אויפן דאַך. הענגט אויף די וועש. לאָמיר ארויפ־גיין און זי איבעראַשן".

„ניין" — האָט אלי געזאָגט — „מיר וועלן וואַרטן ביז זי וועט אַראָפּגיין".

זיין אַלטע מוטער סאָפי איז אַריינגעקומען אין שטוב און דערזען אלין, איר זון. אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און אַ גליקלעכע האָט זי אויסגערופן אין אַראַביש: „יאַ־עיני!" (מיין אויג אין קאָפּ). מיר האָבן אַזוי געבענקט נאָך דיר".

„איך בין דאָ און דו דאַרפסט גאָרנישט זאָרגן" — האָט אלי געענטפערט אויף אַראַביש מיט אַ סירישן אַקצענט.

מאָריס האָט אָנגעקוקט זיין ברודער און אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט: „פון וואַנען האָסטו זיך אויסגעלערנט דעם דאָזיקן אַק־צענט, אלי ?"

„וואָס וווּנדערסטו זיך ?" — האָט אלי געענטפערט — „דאָס רוב אַראַבער אין אייראָפּע רעדן מיטן דאָזיקן אַקצענט".

„וואָס איז, דו האַנדלסט מיט אַראַבישע סוחרים ?"

„זייער אָפט" — האָט אלי זיך אַרויסגעדרייט.

זיין מוטער האָט איבערגעריסן זייער געשפּרעך: „האָסט עפּעס געגעסן, אלי ?"

אלי איז צו צו זיין מוטער, זיך אָנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן:

„דער אמת איז, אַז איך בין נישט הונגעריק, נאָר אויב דו

וועסט מאַכן עפּעס אַזוינס אַזוי ווי דו קענסט, בין איך גרייט צו עסן".

„ווילסט איך זאָל דיר צוגרייטן עפּעס א מאכל ווי דו פלעגסט עסן אין חאלב? עפּעס וואָס דו האָסט ליב געהאַט?"

„ניין, מוטער", האָט אלי געזאָגט גלייכגילטיק — „מאַך עפּעס אַנדערש. אַזעלכע מאכלים עס איך זייער אָפט".

מאָריס האָט אָנגעקוקט זיין ברודער מיט פאַרוווּנדערונג: „ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דו עסט אַזעלכע מאכלים אין אייראָפּע?"

„וואָס איז דער וווּנדער" — האָט אלי שנעל אָפּגעענטפערט — „האָסט נישט געהערט, אַז אין אייראָפּע געפינען זיך רעסטאָראַנען פון אַלע מינים?"

מאָריס איז געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטער און צום סוף געזאָגט: „מעגלעך, איך בין קיין מאָל נישט געווען אין אייראָפּע".

„טאָקע אַ שאָד" — האָט אלי געטרייסט זיין ברודער — „איך וועל אפשר ביי אַ געלעגנהייט דיך מיטנעמען אויף אַ רייזע קיין אייראָפּע. דאָס איז אַ וווּנדערבאַרע זאַך צו רייזן איבער אייראָפּע. באַזונדערס האָב איך הנאה געהאַט פון מיינע באַזוכן אין איטאַליע, שפּאַניע און דייטשלאַנד. אגב, איך האָב שיעור נישט פאַרגעסן, פון דייטשלאַנד האָב איך מיטגעבראַכט אַ לאַלקע פאַר סאָפין. אַזאַ גרויסע לאַלקע, וואָס רעדט און לאַכט".

אלי איז שנעל צו צו אַ וואַליזע און פון איר אַרויסגענומען אַ גרויסע לאַלקע. מאָריס האָט זי באַטראַכט מיט באַוווּנדערונג.

„די דייטשן זענען ספּעציאַליסטן פאַר אַזעלכע איידעלע אַר־בעטן" — האָט אלי זיך אָפּגערופן.

„דאָס איז דאָך נישט קיין דייטשע אויסאַרבעטונג" — האָט מאָריס אַ זאָג געטאָן — „זעסט, אָט שטייט געשריבן „מייד אין פּאַריז".

אלי האָט גענומען די לאַלקע אין האַנט און באַטראַכט דעם אויפשריפט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אָט אַפּעריסטן. פאַרקויפן פראַנצויזישע לאַלקעס אין דייטשלאַנד פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ דייטשער פּאַטענט".

מאָריס האָט ממזריש אָנגעקוקט זיין ברודער: „איך מיין, אַז דו ווייסט אַליין נישט ווו דו האָסט געקויפט די לאַלקע. זינט דו ביסט אַרויסגעפאָרן פון ישראל ווערסטו וואָס אַמאָל אַלץ מער צעשטרייטער".

„קאָן זיין" — האָט אלי שטיל געענטפערט — „סוף־כל־סוף

האָט מען מיר נישט געשיקט קיין אייראָפּע כדי צו קויפן לאַלקעס און שפּילצייג״.

„זיי נישט בייז, אלי״ — האָט מאָריס געזאָגט מיט דרך־ארץ צו זיין ברודער — „אָבער איך גלויב נישט, אַז דו פאַרנעמסט זיך אין אייראָפּע בלויז מיט איינקויפן געווער פאַר דער מדינה״.

„וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט?״ — האָט אלי אָנגעשטעלט אויף זיין ברודער אַ פּאָר אויגן — „ביסט מיר אין עפּעס חושד?״

אין דעם מאָמענט איז די קליינע סאָפי אַריינגעקומען אין צימער און זיך אַריינגעוואָרפן אין איר פאָטערס אָרעמס.

„אבא!״ — האָט דאָס קינד אויסגערופן — „וווּ ביסטו געווען די גאַנצע צייט?״

„ביי דער אַרבעט״ — האָט געזאָגט אלי און גענומען באַדעקן דאָס קינד מיט קושן.

„ביי דער אַרבעט?״ — האָט דאָס קינד געפרעגט — „טאָ פאַרוואָס קומען די טאַטעס פון אַלע קינדער, וואָס גייען צו דער אַרבעט יעדן טאָג אַהיים״.

„איך אַרבעט ווייט, סאָפי, און איך קאָן נישט קומען אַלע טאָג אהיים. זע בעסער, וואָס איך האָב דיר געבראַכט, אַ גרויסע לאַלקע, אַזוי ווי דו, סאָפי״.

דאָס קינד האָט זיך איינגעקוקט אין דער לאַלקע, ווי זי עפנט און פאַרמאַכט אירע אויגן. שפּעטער האָט זי גענומען זי באַ־טראַכטן פון אַלע זייטן און זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין שפּיל, אַז איר האָט שוין גאָרנישט אינטערעסירט וואָס עס טוט זיך אַרום איר.

„וווּ איז נאַדיאַ?״ — האָט פּלוצים געפרעגט אלי.

„זי איז אַוועק אין קינדערגאָרטן ברענגען אַהיים איריסן״.

די אַלטע מוטער האָט אריינגעבראַכט קאַווע פאַרביידע זין און אויסגערופן:

„קאַווע, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן״.

די ברידער האָבן פאַרזוכט דעם קאַווע און אלי האָט זיך אָפּגערופן: „פאַנטאַסטיש!״

„אַלץ וואָס די מוטער מאַכט איז פאַנטאַסטיש״ — האָט אויף דעם געענטפערט מאָריס. ער האָט אַריינגעקוקט אין אליס אויגן און געזאָגט: „בכלל איז גוט, אַז מען איז אין דער היים״.

„יאָ״ — האָט אלי אַ זיפץ געטאָן — „זיין אין שטוב איז זייער גוט...״

אלי כהן

מתנות פון כינע...

אַ קלונג אין טיר האָט איבערגעריסן זייער געשפּרעך. מאָריס איז צו עפענען די טיר, געגומען די קליינע איריס פון נאַדיעס הענט און צו איר אַ ווונק געטאָן.

„זאָג מיר נישט. איך פיל עס אויף דיין פּנים״ — האָט זי אויס־געגרופן און ווי אַ שטורעם אַריינגעפאַלן אין צימער.

„אלי!״ — האָט זי אויסגעשריען און אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס — „אלי, איך האָב דיך ליב, אלי...״

זי האָט אים אַביסל אָפּגעשטופּט פון זיך, באַטראַכט אַ ווײַלע און ווידער אים געגומען אין אירע אָרעמס.

„ווען ביסטו געקומען, דערצייל, ווי אַזוי?״

זיינע ליפּן האָבן געוואַנדערט איבער אירע באַקן און ער האָט זי הייס געקושט.

„איך בין געקומען מיט אַ קורצער צייט צוריק. מיט אַן עראָ־פּלאַן דירעקט פון איטאַליע. איך האָב באַקומען אַן אומבאַגרענעצטן אורלויב״.

„יאָ, ביז אַ נייער מיטטיילונג״.

אלי האָט א ווײַלע באַטראַכט זיין פרוי מיט אַ נייגעריקן בליק:

„ווי פילט ער זיך?״ — האָט ער אָנגעוויזן אויף איר בויך.

„ער? פאַרוואָס מיינסטו, אַז דאָס איז ער?״

„עס איז געקומען די צייט, ניין, נאַדיאַ?״

זי האָט א שמייכל געטאָן: „יאָ, טאַקע אזוי. ווי מען זאָגט: פריער זעכטער, שפּעטער זין״.

„דו ביסט מיר שולדיק אַ זון. איך הייב זיך אָן פילן איינזאַם דאָ, צווישן אייך״.

נאַדיאַ האָט א זיסן לאַך געטאָן צו איר מאַן. אלי האָט זי גע־נומען פאַר אַ האַנט און צוגעפירט צו די וואַליזעס: „קום, זע וואָס איך האָב אייך געבראַכט״. ער האָט איבערגעדרייט אַ וואַליזע און אַרויסגעוואָרפן אויף דער סאָפע אַלץ וואָס דאָרט איז געווען. „איך האָב אייך געבראַכט כינעזישע גלאָז־פיגורן, וואָס זענען באמת פאַנ־טאַסטיש״.

„כינעזישע״ — האָט זיך מאָריס פאַרוווּנדערט — „וואָס עפּעס כינעזישע?״.

„יאָ, איך האָב פאַרגעסן אייך צו דערציילן. מיט א צוויי חדשים צוריק בין איך געווען אין כינע. פון אייראָפּע איז זייער לייכט אַ

שפּרונג צו טאָן קיין כּינע. אַלע גרויסע פּלי־געזעלשאַפטן האָבן ליניעס אין ווייטן מזרח, און פון האָנג קאָנג קיין כינע איז א קורצער וועג, באַזונדערס מיט די קאָנטאַקטן, וואָס איך פאַרמאָג".

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע רייד האָט אלי אַרויסגענומען פון קעשענע זיין בייטל און זיי געוויזן אַ פּעקל בילדער. אויף איין בילד האָט מען געזען ווי ער שטייט נעבן טשו ען לאַי.

„לויט די בילדער קאָן מען מיינען, אַז כינע איז עפּעס אַ קליין שטעטל, ווו דער דאָרטיקער פּרעמיער פאָטאָגראַפירט זיך מיט יעדן אויסלענדישן גאַסט" — האָט זיך אָפּגערופן מאָריס.

„דאָס הענגט אָפּ, ווער עס איז דער גאַסט און וואָס עס איז זיין שליחות" — האָט געזאָגט אלי. „אויסער דעם, ווייסטו מסתמא, אַז די כינעזער זענען פון לאַנג באַקאַנט אַלס מכניס אורחים".

„אויב מען זאָל גלויבן אין אַלץ וואָס דו זאָגסט" — האָט מאָריס נישט נאָכגעלאָזט — „הויב איך אָן בכלל צו צווייפלען אין דיין גאַנצן פּאָסטן. עפּעס זעט עס מיר אויס צו זיין זייער קאָמפּליצירט. וואָס זאָגסטו צו דיין מאַרקאָ פּאָלאָ ?" — האָט ער זיך געווענדעט צו נאַדיאַן.

„איך ווייס נישט" — האָט נאַדיא א פליסטער געטאָן — „איך האָב נאָך נישט געטראַכט וועגן דעם".

זינט דאַן, ווי ביי אים אין דער היים האָט מען אָנגעהויבן עפּעס חושד צו זיין, איז אלי געוואָרן אַלץ מער פאַרשלאָסן אין זיך און געשפּאַנט. אויך אין די אויגן פון זיינע שטוב־מענטשן האָט ער אויסגעזען ווי נישט דער אלי וואָס זיי האָבן אַזוי גוט געקענט.

אַ געוויסן אָוונט, אייניקע טעג פאַר דעם געבורט פון זיין זון שאול, ווען נאַדיאַן זענען באַפאַלן די געבורטס־ווייען, האָט אלי זיך איינגעזעצט נעבן איר און מיט א געוויסן טרויער אין די אויגן האָט ער אויסגעזאָגט פאַר איר זיין האַרץ:

„איך ווייס, אַז דאָס מאָל וועט עס זיין אַ זון" — האָט ער געזאָגט — „נישט אומזיסט זענען דיינע געבורט־ווייען אַזעלכע שטאַרקע". ער האָט געגלעט אירע הענט, איר קאָפּ און צום סוף געזאָגט: „אפשר וועט דער זון זיין פאַר דיר אַ פּאַסיקע פאַרגיטיקונג". זיין שטים האָט זיך אויף אַ רגע איינגעבראָכן: „דו וועסט זיין גליקלעך, נאַדיא".

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרוווּנדערטע, נישט פאַרשטייענדיק וואָס ער רעדט: „פאַרוואָס זאָגסטו מיר „דו וועסט זיין גליקלעך ?"

און דו וועסט נישט זיין גליקלעך, ווען עס וועט געבוירן ווערן דיין זון?"

ער האָט אַ מאָדנעם שמייכל געטאָן. „ניין — האָט ער זיך פאַרענטפערט — איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דיר קומט מער דער זון, וואָס מיר ביידע ווילן אַזוי האָבן".

נאָדיא האָט אָנגעכאַפּט איר מאַנס האַנט און שאַרף געזאָגט: „זאָג מיר דעם אמת, אלי, וואָס איז מיט דיר. וואָס ביסטו אַזוי פאַר־זאָרגט?"

„איך וועל דיר זאָגן דעם אמת" — האָט אלי אַ זיפץ געטאָן — „עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן דאָס כסדרדיקע אַרומוואַנדערן. איך וואָלט שוין געוואָלט פאַרענדיקן מיינע שליחותן און זיך ווי־דער צוריקקערן אַהיים אויף שטענדיק".

„טאָ פאַרוואָס טוסטו עס נישט?"

„איך האָב אָן אַרבעטס־קאָנטראַקט אויף אַ געוויסער תקופה. זי פאַרענדיקט זיך אין מאַי 1965. ממש ערב אונדזער 18־טן יום־העצמאות.

נאַדיא האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטיק און אַ דריק געטאָן איר מאַנס האַנט: „נעם מיך אלי. איך פיל, אַז גאָר אין גיכן וועל איך ברענגען אויף דער וועלט דאָס קינד, וואָס מיר גאַרן אַזוי".

אלי איז צו צום טעלעפאָן און אַרויסגערופן אַ טעקסי, כדי צו פאָרן מיט זיין פרוי אין שפּיטאָל. אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט מען אים שוין אָנגעזאָגט די בשורה וועגן געבורט פון זיין זון.

„איצט — האָט ער געזאָגט, ווען זיין משפחה איז געקומען אויף אַ באַזוך צו אים — האָבן מיר שוין אַ מאַן אין הויז".

נאַדיא האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן. אלי איז שטאָלץ מיט זיין זון. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט געוואַרט אויף דעם מאָמענט מיט גרויס אומגעדולד. זי האָט אָבער אויך געפילט, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן און אלי וועט זי ווידער פאַרלאָזן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דריי וואָכן נאָכן ברית האָט אלי זיך איינגעפּאַקט, געקושט זיין פרוי און קינדער און זיך מיט זיי געזעגנט. נאַדיא האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין איר מאַן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע מורא האָט אין זיי אויפגעבליצט, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז זיי קוקן זיך אָן צום לעצטן מאָל...

אונדזער מענטש אין דמשק

סייף רעדט זיך אראפ פון הארצן פאר אלין

אלי איז אָפּגעפלויגן פון ישראל קיין ציריך און פון דאָרט קיין אַרגענטינע. פיר טעג האָט ער געוויילט אין בוענאָס איירעס און פון דאָרט האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין דמשק.

דער קבלת־פנים דאָרט איז געווען נישט אַזאַ וואַרעמער ווי אַמאָל. זיינע באַקאַנטע, צווישן זיי סאַלים סייף און שייך אל־ארד, האָבן אים דערציילט וועגן דער שרעקלעכער מפּלה אויף דער גרענעץ. אלי, ווי „אַ פּאַטריאָט", האָט אויסגערופן מיט צאָרן: „אויף וואָס וואַרט די פּאַרטיי? ס'איז געקומען די צייט צו עפּע־נען אַ צווייטן פראָנט, כדי צו ליקווידירן די ישראלדיקע אַגרעסיע. ישראל איז דער ערגסטער פיינט פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם. איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאַרף מען זי ליקווידירן".

„יאָ" — האָט געמורמלט סאַלים סייף — „אָבער דאָס מילי־טער איז נאָך נישט גרייט און די אַראַבישע מדינות זענען צע־קריגט איינע מיט דער צווייטער. דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם ליידט פון אָדערן־פאַרקאַלכונג און פון אינערלעכער צעריסנקייט".

זיי האָבן אים באַגלייט אַהיים און דאָרט, טרינקענדיק קאַפע, האָט סאַלים דערציילט וועגן די געשעענישן פון די לעצטע וואָכן. „דער גאַנצער סירישער פּלאַן פון אָפּלענקען די ירדן־וואַסערן, אין וועלכן עס זענען אינוועסטירט געוואָרן מיליאָנען, וועט מען מוזן אָפּלייגן צוליב דער ישראלדיקער טעראָר־אַקציע פון 13־טן דעם חודש".

„פאַרוואָס האָבן זיי געעפנט אַ פייער?" — האָט אלי געפרעגט.

„איך האָב מורא" — האָט געזאָגט סייף — „אַז דאָס האָבן אונדזערע אָפיצירן געעפנט דאָס פייער די ערשטע".

„פאַרוואָס?".

סייף האָט געגעבן אַ זופּ פון זיין קאַפע און כמעט פליסטערנ־דיק געזאָגט:

„לעצטנס הערשט אַ שטאַרקע שפּאַנונג אין די שפּיצן פון דער מדינה. די ענינים גייען נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. די מענטשן זענען פאַרשלאָסן אין זיך און שווייגן. באַזונדערס צוליבן פאַקט, וואָס דו ביסט דאָ נישט געווען. דו האָסט אַ צוגאַנג און קאָנטאַקטן מיט אַלעמען. דאָס הוליען און די צופיל פרייהייט וואָס עס האָבן די הויכע אָפיצירן האָט דערפירט צו אַ מצב פון גריינגשעצן ישראל. מען האָט געמוזט פאַרשטאַרקן די שפּאַנונג

דורך אַ פּייער־אויסטויש אויף דער גרענעץ. אָבער קיינער האָט נישט דערוואַרט אַזאַ שאַרפע רעאַקציע מצד ישראל און נאָך ווייניקער האָט מען דערוואַרט אַזאַ געניקייט אין צעשטערן אונ־דזערע שליסל־פּונקטן".

„דו מיינסט, אַז עס איז ביי אונדז פאַראַן אַן אונטערגרונט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שפּיאָנאַזש?" — האָט אלי געפרעגט.

„איך ווייס נישט. מעגלעך. הגם איך האָב גאָרנישט געהערט וועגן דעם פון אַן אָפיציעלן מקור".

„וואָס זאָגט די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דו דאַרפסט געבן דורכן ראַדיאָ?"

„ווי שטענדיק, ווילן מיר מאָביליזירן די עפנטלעכע מיינונג לטובת דעם אַראַבישן אינטערעס".

„מער גאָרנישט?"

„ניין, מער גאָרנישט".

— ✶ —

אלי האָט געפילט, אַז זיין מצב ווערט אַלץ ערגער. ער האָט געוווּסט, אַז ער שטייט פאַר אַ סכנה, וואָס קאָן אויפקומען שוין די נאָענטסטע טעג. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז אויב ער איז אַריין אין דער וועלט פון שפּיאָנאַזש, איז שוין נישטאָ פון אים קיין וועג צוריק. ער מוז ממשיך זיין. נאַדיאַן האָט ער צוגעזאָגט צו פאַרענדיקן זיין שליחות אין מאַי 1965. ער האָט אָבער געוווּסט, פּונקט ווי מען האָט געוווּסט אין צענטער, אין תל־אביב, און ווי נאַדיאַ האָט עס אינסטינקטיוו אַרויסגעפילט, אַז זיין שליחות וועט זיך קיין מאָל נישט פאַרענדיקן.

זיינע קומענדיקע ראַדיאָ־זענדונגען קיין ישראל זענען געווען קורצע און עס איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין פאַרוואָס. גלייכצייטיק האָט ער אָבער זיינע קאָנטאַקטן מיט די שפּיצן פון דער מדינה נישט איבערגעריסן. די אינעווייניקסטע שפּאַנונג אין דמשק האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין רושם און די ידיעות וואָס האָבן אים אינטערעסירט זענען געפלאָסן צו אים ווי שטענדיק.

סאַלים חאַטום מאַכט אַ כוסה

אַ געוויסן טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר זיין גוטער פריינט סאַלים חאַטום.

„איך האָב באַקומען אורלויב פון שעף פון גענעראַל־שטאַב"

— האָט ער געזאָגט — „און איך וואָלט געוואָלט גוט פאַרברענ־גען. גיב אַ טראַכט וועגן עפּעס גוטס".

אלי האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיין בליק: „דו מאַכסט פון מיר אַן אַלפאָנס. יאָ סאלים" — האָט אלי געזאָגט מיט א שמייכל — „איך מאַך עס נאָר בעת איך גיב אַן אויפנאַמע אין מיין שטוב, אָבער איך בין נישט קיין צושטעלער פון דאַמען, מיין קאַלאַנעל".

„זיי מיר מוחל, קאַמעל" — האָט חאַטום זיך אַנטשולדיקט — „איך האָב עס נישט געמיינט אַזוי. פשוט איך געפין זיך לעצטנס אין אַ שרעקלעכער שפּאַנונג. איך בין כמעט נישט אַרויס פון בעט. זיי פירן איצט דורך אייניקע ענדערונגען אין דער סטרוקטור, אין דער אויסשטאַטונג און אין די אָפּעראַטיווע פּלענער".

„פאַרוואָס דערציילסטו עס מיר, סאלים?" — האָט אלי גע־פרעגט מיט חשד.

„דאָס איז נישט קיין סוד" — האָט סאלים געענטפערט — „דו קאָנסט אַרויסקוקן דורך דיין פענצטער און זען אונטן וואָס עס טוט זיך".

אלי האָט אַ שמייכל געטאָן: „איך האָב טאַקע וועגן דעם נישט געטראַכט. פון דעם הויז קאָן מען אפשר דורכפירן אַ רעוואָלוציע".

„שוין, פאַרגעס וועגן דעם, קאַמעל. קום לאָמיר עפּעס טרינ־קען און עסן. דאָס לעבן איז צו קורץ מען זאָל נאָכאַנאַנד זאָרגן פאַרן מאָרגן".

אלי האָט אָנגעוויזן אויפן באַר: „דער באַר שטייט צו דיין רשות, זיי זיך מכבד".

„און וואָס ווילסטו טרינקען?" — האָט סאלים געפרעגט — „דאָ איז פאַראַן אַ האַלבע פלאַש רוסישע וואָדקאָ. איך האָב עס נישט לאַנג צוריק געטרונקען ביים רוסישן אַטאַשע און דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם".

„דער אַטאַשע צי די וואָדקאַ?"

„דער עיקר די וואָדקאַ" — האָט געזאָגט חאַטום. — „לאָמיר טרינקען פאַרן „באַאט".

חאַטום האָט אַריינגעגאָסן אין האַלדז דעם פולן כוס מיט דער וואָדקאַ:

„וואָדקאַ דאַרף מען טרינקען מיט איין מאָל, אַזוי האָט מיך געלערנט דער סאָוויעטישער אַטאַשע. איך מיין אַז ער איז גע־רעכט".

„איך וועל טרינקען צו ביסלעך" — האָט אלי געזאָגט.

אלי כהן

סאַלים איז אַריין אין קיך און דאָרט געפונען אַ שטיק אַרגענ־טינער ווורשט. ער האָט גענומען פאַמעלעך אָפּשיילן די הויט פון ווורשט און דערביי קוקנדיק אויף אלין געזאָגט: „ווי אויסטערליש עס קאָן זיין דאָס לעבן. אָט ווינסטו הונדערט מעטער פון שטאָב און דו געפינסט זיך ווי אין אַן אַנדער וועלט״.

אלי האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און חאַטום האָט גיך אים אויפגעקלערט: „דאָרט, אונטן, איז ווי אַ ווולקאַן, וואָס האַלט ערב אַן אויפרייס. אָבער דאָ, ביי דיר, איז אַזוי רואיק, אינטים און אָנגענעם״.

„פאַרוואָס מיינסטו, אַז דער שטאָב איז ווי אַ ווולקאַן?״

„ערשטנס, די נייע באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער פּאַרטיי־זיצונג. צווייטנס, די נייע זיכערהייטס־רעגולאַ־ציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער אויסשטאַטונג אין זיכער־הייטס־מיניסטעריום און אין מיליטער״. ער האָט אַ ביס געטאָן פון ווורשט און ממשיך געווען: „ווי איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט, בין איך אַ מיליטערמאַן און איך מיש זיך נישט אין פּאָליטיק. אָבער בעת דער לעצטער פּאַרטיי־זיצונג האָב איך געזען וואָס פאַר אַן ענגע פאַרבינדונג עס האָט זיך געשאַפן צווישן מיליטער און דער פּאָליטיק. בכן, כדי צו דערצערנען די פעסט וואָס הייסט ישראל, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַהין דיווערסאַנטן. די דאָזיקע דיווערסאַנטן וועט מען מאָביליזירן פון צווישן די יונגעלייט אין סיריע און אין עזה. זיי וועלן אויסגעשולט ווערן אין די נייע מע־טאָדן פון קאַמף דורך אַלזשירער גערילאַ־אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן באַוויזן זייער קענטשאַפט קעגן די פראַנצויזן, ביז זיי זענען פון דאָרט אַנטלאָפן. אויב דו וועסט מיך פרעגן — האָט חאַטום פּלוצים געהעכערט זיין קול — איז דאָס די אומשעדלעכסטע ליי־זונג פאַר דער פּאָליטיק פון דער „באַאַט״־רעגירונג. אַ ביסל טעראָר וועט דענערווירן די יידן, אָבער דאָס וועט נישט גורם זיין, אַז די וועלט זאָל זיך שטעלן אויף זייער זייט און, אונדז טאַדלען״.

אלי האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ רגע, איידער ער האָט גוט צעקייט די געהערטע רייד. נאָך דעם האָט ער אַ גרינגשעצנדיקן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„הייסט עס, אַז דאָס איז דער גאַנצער טומל און שרעק וואָס איז לעצטנס געפאַלן אויף דמשק?״

„ניין, דאָס איז נישט אַלץ, אָבער איך מיין, אַז מער קאָן איך דיר נישט דערציילן, קאַמעל״.

אונדזער מענטש אין דמשק

די קורצע צייט וואָס עס איז פאַרבליבן ביזן אויפשפּראָץ פון טאָג האָט אלי זיך געהאַט פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. טראָץ דעם, וואָס ער האָט אָפט איבערגעשיקט ידיעות, צייטנווייז צוויי מאָל אַ טאָג, האָט ער זיך גוט אָריענטירט וועלכע ידיעה איז וויכטיק און וועלכע נישט. דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון קאָלאָנעל סאלים חאטום, האָט ער נאָך נישט געהאַט גוט צעקייט. ער האָט געוואַרט אויף די פרימאָרגן־שעהן, כדי איבערצוגעבן דאָס געהערטע צו זיינע ממונים אין ישראל.

אַרום 8 אין אָוונט האָט ער אַראָפּגענומען דאָס דעקל פון דעם טראַנזיסטאָר און געעפנט די ראַדיאָ־אַנטענע. מיט אַ שטילער שטימע האָט ער אָנגעהויבן איבערשיקן די ידיעות קיין תל־אביב.

אלי האָט מיטגעטיילט, אַז ער האָט געהערט פון האטומען וועגן פּלאַן צו שאַפן אַ פּאַלעסטינער דיוויזיע פון קאָמאַנדאָ־איינהייטן, בראש פון וועלכער עס וועלן געשטעלט ווערן סירישע אָפיצירן. די קאָמאַנדאָ־איינהייטן וועלן דורכפירן דיווערסיע־אַקטן אין ישראל. דער דאָזיקער קאַמף דאַרף זיין אַן אַל־אַראַבישער לויטן מוסטער פון דער אַלזשירער מלחמה.

אלי האָט אַ ווייל געוואַרט אויף אַן ענטפער פון תל־אביב, אַז זיין ידיעה איז דערהאַלטן געוואָרן. אָבער אין דעם מאָמענט, אַנשטאָט צו הערן דעם סיגנאַל, וואָס באַדייט, אַז זיין ראַדיאָ־איבערשיקונג איז אויפגענומען געוואָרן, האָט ער דערהערט שטאַרקע פויסטן־קלעפּ אין זיין טיר. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אינסטינקטיוו צוגעדריקט דעם אַרויסשיק־אַפּאַראַט צו דער ברוסט. די טיר איז אויפגעריסן געוואָרן און קעגן אים זענען געשטאַנען אייניקע זיכערהייטס־באַאַמטע אין ציוויל מיט רעוואָלווערן אין די הענט.

„שטיין בלייבן!" — האָט עמעץ אויסגעשריען. פון הינטער דער גרופּע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ מונדירטער אָפיציר און זיך דערנענטערט צו אלין. אלי האָט אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען קאָלאָנעל אכמעד סווידאני, דער אָנפירער פון געהיים־דינסט און קאָנטר־שפּיאָנאַזש פון סיריע.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון אליס הענט דעם אַרויסשיק־אַפּאַראַט און צופרידן אַ שמייכל געטאָן: „סוף־סוף האָבן מיר דיך געכאַפּט אויף „הייס", יאָ, פאַרעטער".

ערשט איצט איז אלי געקומען צום באַוווסטזיין וואָס עס באַ־

דייט זיין דורכפאַל. זיין מוח האָט אינטענסיוו געאַרבעט ווי אַזוי צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

„מיינע הערן" — האָט ער זיך אָנגערופן — „איך האָב אַ טעות, איך בין אַן אַראַבישער עמיגראַנט פון אַרגענטינע".

„די געשיכטע האָבן מיר שוין געהערט" — האָט אויסגעשריען דער קאָלאָנעל מיט אַ ברילנדיקער שטים — „איצט זאָג אונדז ווער דו ביסט אויף אַן אמת".

„קאַמעל אמין טאַבעט, אַן אַראַבישער עמיגראַנט פון אַרגענ־טינע".

„זאָל זיין אַזוי" — האָט סאַלים געזאָגט — „קאַמעל אמין טאַ־בעט, איך אַרעסטיר דיך!" ער האָט אַ וווּנק געטאָן צו צוויי פון זיינע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין צימער און אַרויסגעע־זייט צווישן די ציין: „איך פאַרזיכער דיך, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך וויסן ווער דו ביסט און וואָס דו טוסט דאָ אין סיריע. און איצט — געגאַנגען!"

סווידאַניס לייט האָבן אָנגעטאָן אַליין קייטלעך אויף די הענט. די אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן געצילט אויף אים, האָבן אַלין איבערצייגט, אַז עס האָט נישט קיין זין זיך קעגנצושטעלן. אויב אין זיין האַרץ איז נאָך געווען וועל־כער עס איז פונק פון האָפענונג, האָט אים אָבער זיין זעקסטער חוש אונטערגעזאָגט, אַז פון איצט אָן איז אַלץ פאַרלוירן.

איידער זיי האָבן פאַרלאָזט זיין וווינונג איז סווידאַני צו צום קליינעם טישל, נעבן וועלכן אלי איז געזעסן, און אויף אים גע־פונען אַ ראַדיאָ־ידיעה, וואָס אלי האָט אינדערפרי באַקומען פון תל־אביב. דאָרט איז געווען געשריבן: „תל־אביב וויל ווייטער־דיקע אינפאָרמאַציעס וועגן..." אין דעם אָרט איז די ידיעה געווען איבערגעריסן.

קאָלאָנעל סווידאַני האָט באַטראַכט דעם קליינעם טראַנזיסטאָר מיט באַוווּנדערונג. „נישט צו גלייבן, אַז אַזאַ קליינער ראַדיאָ זאָל האָבן אַזאַ קראַפט און קאָנען איבערשיקן ידיעות קיין תל־אביב" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — „אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז אָט דער קאַמעל אמין טאַבעט, אָדער וואָס פאַר אַ נאָמען ער זאָל נישט האָבן, איז אַ ציוניסטישער שפּיאָן". דערביי האָט סווי־דאַני זיך דערמאָנט וועגן די פאַרבינדונגען, וואָס טאַבעט האָט גע־האַט מיט די העכסטע רעגירונגס־לייט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שרעקלעכן צאָרן, אַז זיינע אויגן זענען אים שיעור נישט

אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ. מיט אַ קוויטשיקער שטימע האָט ער גע־נומען שרייען: „דו הונט! דו וועסט שטאַרבן אונטער מיינע הענט! דערצייל דעם גאַנצן אמת! ווער האָט דיר געהאָלפן? ווו געפינען זיך די ציוניסטישע שפּיאָנען אין דמשק?"

אלי כהן איז געבליבן קאַלט. ער האָט געענטפערט: „קיינער העלפט מיר נישט. איך קען קיין ציוניסטישע שפּיאָנען אין דמשק. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך געטאָן אַליין מיט דער הילף פון אָט דעם אַרויסשיק־אַפּאַראַט".

איינער פון סווידאַניס מענטשן איז אַריין אין צימער און אי־בערגעריסן די אויספאָרשונג. ווייזנדיק דעם קאַלאַנעל אַ שטיקל זייף. „זע וואָס איך האָב געפונען אין זייף" — האָט יענער זיך אָפּגערופן — „אויפרייס־מאַטעריאַל און דריי טאָרבעלעך גיפט".

סווידאַני האָט שטרענג אָנגעקוקט אלין: „אַ מזל וואָס מיר האָבן דיך געכאַפּט פריער. איך זע, אַז דו האָסט אויך געפּלאַנט דורכצופירן דיווערסיע־אַקטן".

„איר האָט אַ טעות" — האָט אלי אים איבערגעריסן — „איך האָב נישט געהאַט בדעה דורכצופירן קיין דיווערסיע־אַקטן אין דמשק. דאָס האָב איך געהאַלטן אין פאַל ווען מען וועט מיך כאַפּן. ווען דאָס וואָלט נישט געווען פּאַסירט אַזוי פּלוצלינג, וואָלט איך אויפגעריסן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און די גאַנצע אויסשטאַטונג אין מיין צימער. דאָס איז דער אמת".

בעת דער רעוויזיע אין אליס צימער איז אויך געפונען געוואָרן נאָך אַן אַרויסשיק־אַפּאַראַט, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען אַזוי וויכטיק.

קאַלאַנעל אַכמעד סווידאַני האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע און איז אַ פּאָר מינוט געזעסן אַ שווייגנדיקער. פּלוצים האָט ער צוגערופן זיין פּאַרטרעטער, עדנן טאברא, און צו אים אַ פּליס־טער געטאָן עטלעכע ווערטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען אַראָפּגענומען פון אליס הענט די קייטלעך, און אַלע ציווילע גע־היים־אַגענטן האָבן פאַרלאָזן דעם צימער. געבליבן איז בלויז דער קאַלאַנעל, זיין פּאַרטרעטער און איינער פון קאַלאַנעלס לייב־וואַך.

„הער אויס, יאַ קאַמעל" — האָט זיך אָנגערופן דער קאַלאַנעל אין אַ פּאָר מינוט אַרום — „אויב איך וועל דיך איצט אַרויספירן אַן אַרעסטירטן פון שטוב, וועט גאַנץ סיריע וויסן וועגן דעם אין אַ פּאָר שעה אַרום. איך האָב דעריבער באַשלאָסן דיך אַרויסצופירן

פון דאַנעט נאָך דעם ווי עס וועט ווערן פינצטער. דערווייל וועלן מיר די אויספאָרשונג דורכפירן דאָ, אין דיין שלאָף־צימער.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג פון אלי כהן. דער קאָלאָנעל און זיינע מענטשן זענען געווען זיכער, אַז קאַמעל איז אַן אַראַבער, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צום ישראלדיקן שפּיאָנאַזש. אין זעלבן אָוונט, ווען עס איז געקומען די אָפּגערעדטע צייט פון שיקן ידיעות קיין תל־אביב, האָט סווידאני אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און אָנגעצילט אויף אלין:

„איך וויל דו זאָלסט איבערשיקן קיין תל־אביב פאָלגנדיקע ידיעה" — האָט ער באַפוילן — „און זע, מאַך נישט קיין חכמות. איך האָב דאָ אַ ספּעציאַליסט פאַר שיפערן און ער וועט גלייך וויסן, צי דו נאַרסט אונדז נישט אָפּ".

„קאָלאָנעל" — האָט אלי זיך אָנגערופן — „דו צווינגסט מיך צו טאָן אַ זאַך קעגן מיין ווילן. אַלס געפאַנגענער מוז איך עס נישט טאָן".

קאָלאָנעל סווידאני איז צו צו אלין און אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. „טו וואָס איך הייס דיר און רעד נישט מיט מיר וועגן די רעכט פון געפאַנגענע".

אלי האָט נישט געהאַט קיין ברירה און איבערגעגעבן די ידיעה וואָס סווידאני האָט אים געזאָגט: „דאָס סירישע מיליטער געפינט זיך אין אויסנאַם־צושטאַנד".

דער קאָלאָנעל סווידאני און זיין ספּעציאַליסט האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז אלי שיקט איבער די ידיעה אין אַן אַנדער ריטם, וואָס דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטער סימן מיט זיינע ממונים אין תל־אביב, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פון פיינט.

„ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב אים געהייסן?" — האָט געפרעגט סווידאני ביי זיין באַראַטער.

„יאָ" — האָט יענער געענטפערט.

— ✱ —

אין דער זעלבער צייט, אויף אַ מרחק פון צוויי הונדערט קי־לאָמעטער פון אליס צימער אין דמשק, האָבן די ישראלדיקע ראַדיאָ טעכניקער אויפגענומען די ידיעה. זיי האָבן גלייך דערקענט דעם נישט נאָרמאַלן ריטם און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען אַן אויפגערעגטער: „אלי כהן איז געכאַפּט געוואָרן!".

דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער נאַכט־שיכט האָט זיך גלייך

פֿאַרבונדן טעלעפֿאָניש מיטן אָנפֿירער פֿון דער נעץ און אים איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה: „אונדזער מענטש אין דמשק איז ליקווידירט געוואָרן".

די טעכניקער האָבן באַקומען אַ פֿאַראָרדענונג ממשיך צו זײַן און זיך נישט מאַכן וויסנדיק, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אפֿשר וועט מען קאָנען אַזוי אַרום אויפֿקלערן מער פּרטים וועגן דעם וואָס האָט פּאַסירט אין דמשק. איצט זענען אַלע געזעסן געשפּאַנטע נעבן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און געוואַרט אויף ווײַטערדיקע סימנים פֿון אלי כּהן. אויף צו מאָרגנס, 8 אינדערפֿרי, האָט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט אָנגעהויבן זשומען און אלי כּהן איז ווידער געווען אויף דער ראַדיאָ־כוואַליע. דאָס מאָל איז דער ריטם פֿון זײַנע אויסיציעס געווען אַ נאָרמאַלער. אָבער תּל־אָביבֿ האָט מרמז געווען, אַז מען האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט געטאָן און מען ווייסט וואָס עס איז געשען. פֿונדעסטוועגן האָט תּל־אָביבֿ געבעטן: „מיר האָבן נישט געקאָנט אויפֿנעמען דײַן אוידיציע פֿון נעכטן. פּרובּיר זיך מיט אונדז ווידער צו פֿאַרבינדן אין אָוונט".

קאָלאָנעל סווידאַני האָט געשעפּט נחת פֿון זײַן כיטרער שפּיל וואָס ער האָט געפֿירט. ער האָט באַשלאָסן צו פֿאַרבלײַבן נאָך אַן אָוונט בײַ אַלין אין דער וווינונג און מאַכן צו שפּאָט דעם „ציוניסטישן שפּיאָנאַזש־דינסט".

„זיי זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין דער פּאַסטקע" — האָט סווידאַני צופֿרידן געזאָגט — „זיי טאָרן זיך נישט דערוויסן, אַז מיר האָבן געכאַפּט זייער מענטשן".

נאָך אַ שווערן אויספֿאָרשונגס־טאָג, ווען עס איז געקומען די צײַט איבערצוגעבן ידיעות, האָט זיך אין אַליס האַרץ אַרײַנגעגנבֿעט אַ ספֿק: „אפֿשר האָט תּל־אָביבֿ טאַקע נישט פֿאַרשטאַנען, ווי סווידאַני האָט אים געוואָלט אײַנרעדן, און מען ווייסט דאָרט נישט, אַז ער איז געפֿאַנגען. ער האָט דעריבער די ידיעות איבערגעגעבן אין אַ זייער שנעלן טעמפּאָ, וואָס דאָס באַדײַט: „מען האָט מיך געכאַפּט. גלויבט נישט אין די ידיעות".

תּל־אָביבֿ איז שוין איצט געווען זיכער און זי האָט נאָר געוואָלט געווינען צײַט. דעריבער האָט מען זיך ווײַטער נישט וויסנדיק געמאַכט און זיך אָנגעשלאָסן צום שפּיל פֿון דמשק — ביז דער אוידיציע פֿון 24־טן יאַנואַר 1965. יענעם טאָג האָט קאָלאָנעל סווידאַני באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון פּרעזידענט כאַפֿעז צו פֿאַרעפֿנטלעכן, אַז מען האָט געכאַפּט אַ ציוניסטישן שפּיאָן, און ער האָט

אלי כהן

באַפוילן אלין איבערצוגעבן קיין תל־אביב פאָלגנדיקע ידיעה: „צו דעם ממונה איבערן זיכערהייטס־דינסט אין תל־אביב. קאַמעל אמין טאבעט און זיינע פריינט זענען אונדזערע געסט אין דמשק. מיר וואַרטן איר זאָלט אונדז שיקן זיינע חברים.

אונטערגעשריבן: סירישער געהיים־דינסט. סוף".

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ראַדיאָ־דמשק אָנגעהויבן אַ שדים־טאַנץ. דער ספּיקער האָט די נייעס־אוידיציע פון 9 אַזייגער אין אָוונט אָנגעהויבן מיט דער מיטיילונג, אַז די סירישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געכאַפּט איינעם פון די וויכטיקסטע ישראלדיקע שפּיאָנען, וואָס זענען געווען טעטיק אין דמשק, און דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי קאַמעל אמין טאַבעט.

די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דמשק בליץ־שנעל און עס איז נישט מעגלעך צו שילדערן די שטוינונג און פאַרבליפונג וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די סירישע דיגניטאַרן. די אַלע טויזנטער פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך ווען עס איז געטראָפן מיט קאַמעל אַמין טאַבעט אויף מסיבות, אָדער אין געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, האָבן גענומען נאָכטראַכטן זייערע מעשים. זיי אַלעמען איז באַפאַלן אַ שרעק. גלייכצייטיק האָבן זיי אָבער נישט געוואָלט גלויבן, אַז קאַמעל, דער ליבלינג פון רעזשים און קאַנדידאַט אויף אַ מיניסטאַרן־פּאָרטפעל אין דער „באַאַט"־רעגירונג, אַ מיליאָנער, וואָס אַלע האָבן אים מקנא געווען — איז אַ שפּיאָן. און דאָס פון דער געהאַסטער ציוניסטישער מדינה.

דער באַפעל וואָס איז אָנגעקומען אין אויספאָרשונגס־שטאַב פון סירישן געהיים־דינסט איז געווען קורץ און איינדייטיק: „טוט אַלץ אַז קאַמעל זאָל עפענען דאָס מויל. שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין מיטל". אויפן באַפעל איז געווען אונטערגעשריבן גענעראַל אַמין אל־כאַפעז, דער פּרעזידענט פון דער סירישער רעפּובליק און פערזענלעכער פריינט פון אלי כהן.

שפּעטער האָט כאפעז באַשלאָסן אַליין צו גיין אויספאָרשן זיין פריינט, דעם פאַרעטער קאַמעל, אין די פּייניקונגס־קעלערן פון תפיסה, אין אַ מיליטערישן לאַגער נעבן דמשק. כאַפעז איז אין דער באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער וואַך אַריין אין תפיסה־קאַמער פון אַרעסטירטן. אין אַ שעה אַרום איז ער אַרויס פון דאָרט אַ דערשיטערטער.

„וואָס האָט פּאסירט, גענעראַל?" — האָט געפרעגט סווידאַני.

„נישט צו גלויבן" — האָט כאַפעז געמורמלט — „איך האָב געפרעגט אמין טאַבעטן אייניקע פראַגן וועגן רעליגיעזע ענינים.

איך בין דערשטוינט געוואָרן, ווען איך האָב געהערט זיינע ענט־פערס. ער איז בכלל נישט קיין מוסולמענער. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר זאָגן דעם ערשטן פסוק פון קאָראַן, האָט ער אַרויס־געשטאַמלט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע זאַצן. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט פאַרגעסן אייניקע שורות, ווייל ער האָט שוין נישט געדאַוונט א סך יאָרן. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז אַ ייד".

„אַ ייד?!" — האָט אויסגעשריען דער קאָלאָנעל.

„קאָן זיין אַפילו אַ ישראלי פון ישראל" — האָט כאַפּעז געזאָגט.

דער קאָלאָנעל האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און אַרויסגע־צישעט: „גיט מיר 5 שעה, יאַ גענעראַל, און ביי אַללאַ, איך וועל אייך זאָגן ווער עס איז דער מענטש און וואָס איז זיין נאָמען".

די אוּונט־צייטונגען, וואָס זענען אַרויס מיט שרייענדיקע קעפּ, האָבן אָבער קיין סך נישט געוווּסט צו דערציילן וועגן דער פּרשה. זיי האָבן בלויז אויסגעברייטערט די ידיעה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ. די צייטונגס־קעפּ האָבן גע־שריען: „פאַרהאַלטן וויכטיקן ישראלדיקן שפּיאָן. דער געפערלעכ־סטער פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר!"

אמין אל־כאַפּעז איז אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין צימער אַרויף און אַראָפּ אַ צעטומלטער פון די לעצטע געשעענישן. ער האָט אין שפּאַנונג געוואַרט אויף דער רעאַקציע פון קאַיר. אים איז געווען קלאָר, אַז קאַיר וועט די פּרשה גוט אויסנוצן, כדי צו באַפאַלן דעם „באַאַט"־רעזשים אין דמשק און דער עיקר אים גופא. צום סוף איז ער געקומען צו אַ באַשלוס. ער האָט טעלע־פאָנירט צום קאָמאַנדיר פון סירישן מיליטער און אויף יעדן פאַל פאַראָרדנט צו שטעלן די אַרמיי אין אויסנאַם־צושטאַנד. אויך אין דמשק גופא און אין דאָרטיקן מיליטערישן גאַרניזאָן איז ער נישט געווען זיכער. ער האָט שוין נישט געגלויבט קיינעם. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס קאָן קומען צו אַ מיליטערישער איבערקערעניש, ער האָט אָבער נישט געוווּסט פון וואַנען זי קאָן קומען.

די רעאַקציע פון דער אַראַבישער וועלט, וואָס איז געווען פיינטלעך איינגעשטעלט כלפּי דעם „באַאַט"־רעזשים אין סיריע, האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. די ערשטע האָט זיך אָפּגערופן איראַק. ראַדיאָ באַגדאַד האָט אָנגעזאָגט אויף אַ דראַ־מאַטישן אופן די ידיעה וועגן אַרעסט פון אַ ישראלדיקן שפּיאָן, וואָס איז געווען טעטיק אין די שפּיצן פון סירישן רעזשים.

אלי כהן

„כאַפּעז איז אַ פּחדן!“ — האָט געשריען דער ספּיקער פון ראַדיאָ באַגדאַד — „ער וועט נישט דורכפירן קיין עפנטלעכן משפּט. ער האָט מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, וואָס וועט שעדיקן זיין רעזשים“.

אויך ראַדיאָ קאיר האָט נישט געשוויגן: „דמשק איז אין גאַנצן צעטומלט צוליב אַ סוחר פון אַרגענטינע, וועמען ס׳איז געלונגען אָפּצונאַרן די „באַאַט“־לייט און זייערע אַנהענגער. עס איז נישט ווייט דער טאָג ווען כאַפּעז וועט זיצן פאַרשפּאַרט פּונקט ווי זיין גוטער פריינד אלי כהן“.

פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן באַשולדיקונגען, באַליידיקונגען און שפּאָט־רייד אויפן חשבון פון דער סירישער „באַאַט“־פּאַרטיי בכלל און אויף כאַפּעזן בפרט. דאָס האָט כאַפּעזן אַזוי אַרויסגעפירט פון די כלים, אַז ער האָט שוין נישט רעאַגירט לאָגיש. פּונקט ווי אין אַ מכשפה־געיעג האָבן די זיכערהייטס־מאַכט און די געהיים־פּאָליציי אָנגעהויבן אַן אומברחמנותדיקע נקמה־אַקציע. אין די אויספאָרשונגס־קאַמערן אין תפיסה פון דמשק זענען אָנגעווענדעט געוואָרן שרעקלעכע פּייניקונגס־מיטלען. קעגן באַשולדיקטע, וואָס וואָלטן אין אַן אַנדער צייט אָפּגעקומען מיט בלויז אייניקע יאָר תפיסה, זענען איצט אַרויסגעטראָגן געוואָרן שווערע שטראָפן אָדער טויט־אורטיילן. די ציווילע און מיליטערישע געריכטן פון דמשק האָבן אין אָט דער תקופה אַריבערגעשיקט אויף יענער וועלט מער מענטשן ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן צוזאַמען גענומען און דאָס אין אַ מדינה, וווּ טויט־שטראָף איז געווען אַ גאַנץ פּאָפּולערע דערשיינונג.

די מכשפה־יעגער האָבן אויספירנדיק כאַפּעז׳ס באַפעלן נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ שפּיאָן, אַ פאַררעטער אָדער סתם אַ פאַרברעכער. יעדער פון זיי איז באַשולדיקט געוואָרן אין סאַבאָטירן דעם רעזשים און אַלס אַזעלכע זענען זיי געפירט געוואָרן צו דער תליה.

דער סיריִשער אויספאָרשונגס־אָפיציר, וועלכער איז, משמעות, „אויסגעבילדעט“ געוואָרן אין די קאַזעמאַטן פון געשטאַפּאָ, איז געווען א הויכער, דיקער מאַן מיט א טעמפּן בליק.

„נו, געקומען די צייט זאָלסט עפענען דאָס מויל, כהן“ — האָט ער שטיל געציילט די ווערטער.

„איך וועל מער גאָרנישט זאָגן“ — האָט כהן א קרעכץ געטאָן. „ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט, האָב איך נישט מער וואָס צו זאָגן“.

דער אויספאָרשונגס אָפיציר האָט זיך צו אים דערנענטערט מיט אַ דראָענדיקער מינע אויפן פנים: „מיר ווילן דיך אַ לעבעדיקן צום פּראָצעס און מיר ווילן דיך אַ געננג נאָרמאַלן דו זאָלסט וויסן וואָס דו רעדסט. טאָ צווינג מיך נישט איך זאָל דיך ווײַ טאָן אַזוי אַז דו וועסט פאַרלירן דײַן פאַרשטאַנד”.

אלי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן: „גוט וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט. איצט ווייס איך אויף זיכער, אַז דו קאָנסט מיר גאָרנישט טאָן פאַרן פּראָצעס”.

דער אויספאָרשונגס־אָפיציר האָט צאָרנדיק אַ קוק געטאָן אויף אלין: „הער, יאַ כהן, ביסט אַ מיאוסע מאַלפּע, באַזונדערס ווען דו שמייכלסט”. און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ קלינגענדיקן פּאַטש אין פּנים.

כהן האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט: „דאָס וועט נישט העלפן. איך וועל נישט רעדן, איך וועל נישט רעדן...”

ער האָט זיך דערמאָנט וואָס מען האָט אים געלערנט אויפן קורס און ער האָט גענומען פּלאַנירן פאַר זיך אַליין זײַן איינציקע מעגלעכע טואונג. ער האָט גענומען אָטעמען טיף און לאַנגזאַם, כדי אָנצופילן זײַן בלוט מיט זויערשטאָף, בהדרגה האָט ער אָנגעשפּאַנט די מוסקולן פון זײַנע אָרעמס, פון די פיס און בויך. „שפּאַנען — אָנטשפּאַנען, שפּאַנען — אָנטשפּאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אויפנעם פון זויערשטאָף און צוטיילן די בלוט־צירקולאַציע” — האָט ער זיך דערמאָנט די רייד פון אינסטרוקטאָר אויפן קורס.

דער אָפיציר האָט אַ קוק געגעבן אויף זײַן געהילף: „וואָס זאָגסטו, מוחזי?”

„דו קענסט זיי נישט די דאָזיקע יידן? — האָט דער געהילף זיך אָפּגערופן — זיי וועלן בעסער שטאַרבן איידער רעדן. איבער־הויפּט, אַז דו קענסט נישט אָנווענדן די נויטיקע מיטלען ער זאָל יאָ רעדן. לאָז אָפּ. ער וועט היינט נישט זאָגן קיין איין וואָרט, ער איז דאָך שוין האַלב פאַרחלשט און די ווייטיקן וועלן אויף אים נישט משפּיע זײַן. איך לייג פאָר אָפּצולייגן די אויספאָרשונג אויף מאָרגן”.

„ניין!” — האָט אויסגערופן דער אויספאָרשונגס־אָפיציר — „וואָס הייסט אָפּלייגן סתם אַזוי. לאָמיר נאָר אַביסל אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי זיך אַ נעם טאָן צו אים”.

אלי כהן

(פערטער טייל)

שפעט ביינאכט, ווען עס האָט זיך געעפנט די טיר פון זיין צעלע און עמעצער, וואָס איז אין איר אריינגעקומען האָט אָנגע־שטעלט אן עלעקטריש לעמפל אויף זיינע אויגן, האָט זיך אלי אויפ־געכאפט פון זיין קאָשמאַר־דרעמל.

„שטיי אויף, יאַ כהן,״ — האָט ער געהערט א שטימע זאָגן פון הינטערן ליכט־שטראל — „דו דארפסט געדענקען אייניקע זאכן, איידער דו וועסט מאָרגן עפענען דאָס מויל״.

די שטים, וואָס איז צו אים דערגאנגען ווי פון דער ווייטנס, איז געווען א געדעמפטע און מאָנאָטאָנע. אלי איז געווען צופיל אויסגעשעפט, ער זאָל קענען אידענטיפיצירן דעם קול. ער האָט אָבער געוווסט, אז דאָס רעדט צו אים איינער, וואָס געהערט צו דער צווייטער גרופע. דער אומבאקאנטער האָט אים באפוילן נישט צו זאָגן גאָרנישט וועגן זיינע קאָנטאַקטן מיט הויכע מיליטערישע אָפיצירן.

„געדענק״ — האָט אלי געהערט ווי דורך אַ נעפל — „אין אונדזער מיליטער זענען פאראן גרופעס, וואָס באקעמפן זיך. אויב מען וועט וועלן ביי דיר ארויסקוועטשן א דערקלערונג וועגן דיינע באַציאונגען מיט געוויסע אָפיצירן, זאָלסטו גאָרנישט ענטפערן. דו קענסט קיינעם נישט און ביסט מיט זיי נישט געשטאַנען אין פאר־בינדונג״.

אלי האָט זיך א וויש געטאָן מיט דער האַנט די אויגן און מיט אַ שוואַכער שטים ארויסגעפליסטערט: „ווער זענט איר, מיין הער?״

„נישט וויכטיק, איך בין איינער פון די טויזנטער, מיט וועלכע דו האָסט זיך געטראָפן. איך קאָן זיין סאַלים, זאַהאַר, מאחמוד. איך בין יעדער איינער, וואָס איז ווען עס איז געווען מיט דיר אין קאָנטאַקט. איך קאָן בלויז נישט זיין כאַפעז. טראַכט וועגן מיר און וועגן אַלע איבעריקע און האַלט דאָס מויל געשלאָסן״.

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן. אלי האָט געהערט די טריט פון א גרופּע מענטשן זיך דערווייטערן אויף די טרעפּ ארויף פון דער תּפיסה־צעלע.

אויף צו מאָרגנס, נאָך אַ שווערער אויספאָרשונג, איז דעם אויס־פאָרשונגס־אָפיציר געלונגען ארויסצובאקומען, אז א נאכט פריער האָט אליס צעלע באַזוכט אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן געוואָרנט אלין גאָרנישט צו זאָגן.

„האָסט געזען זייערע פּנימער?" — האָט געפרעגט דער אויס־פאָרשער.

„ ניין. איך האָב נישט געקענט זען."

„אָבער די שטימען האָסטו זיכער דערקענט. דו ווייסט ווער עס איז דאָ געווען?"

„זיי האָבן מיך איבעראשט. זיי האָבן גערעדט מיט געענדערטע שטימען. כ'וואָלט זיי נישט דערקענט, אפילו איך וואָלט געווען וואַך".

דער אויספאָרשער האָט אָנגעקוקט זיין געהילף: „ווי מיינסטו, רעדט ער נישט פון היץ?"

מוחזי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין: „נישט אזא ווי אלי כהן".

דער אויספאָרשער האָט זיך דערנענטערט צו אלין, זיך אוועק־געזעצט נעבן אים און אים געגעבן אַ סיגאַרעט. „קום דערצייל מיר אלץ פון אָנהויב. דאָס זעט אויס צו זיין זייער אינטערעסאנט".

✶

די גרויסע רעפּעטיציע, ערב דעם גרויסן ספּעקטאַקל פון אויפ־העגען אלי כהן איז געווען די „פּרשה אַטאַסי", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ שפּאַנענדער פילם אין נוסח פון דמשק און וועל־כער איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער טעלעוויזיע אונטער די קלאַנגען פון מיליטערישע מארשן. די פּרשה האָט זיך פאַרענדיקט אין מערץ 1965, אַ קורצע צייט פאַרן פּראָצעס פון אלי כהן.

די סיריער האָבן באשולדיקט אטאסין אין דעם, אז ער האָט גענומען ביי חאקמין 11 קוילן פון א מאָדערנעם סאָוויעטישן אנטי־אַוויאציע הארמאט, וואָס איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער באַ־וואָפענונג פון סירישן מיליטער און זיי איבערגעגעבן דעם צווייטן סעקרעטאר פון דער אמעריקאנער אמבאסאדע אין דמשק, וואלטער סנאודען, וועלכער איז א קורצע צייט פאר דעם פארטריבן געוואָרן פון סיריע.

וואַשינגטאָן האָט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע באַשולדיקונגען,

אָבער דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן גענוג ענערגיש. דאַקעגן האָט וואַשינגטאָן אונטערגעשטראָכן די אכזריותדיקע פּייניקונגען, וואָס אַטאַסי האָט אויסצושטיין בעת זיין אויספאָרשונג. צווישן אנדערן האָט אַטאַסי באַקומען אַ „באַהאַנדלונג״ מיט עלעקטראָדן, קלעפּ, מוח־וואַשונג און אויסהונגערונג. אמעריקאַנער באַאמטע איז נישט דערלויבט געוואָרן אים צו באַזוכן אין תפיסה און אים איז נישט געגעבן געוואָרן קיין פּאַרטיידיקער. בלויז אייניקע צענזורירטע פראַגמענטן פון זיין פּראָצעס זענען געוויזן געוואָרן אין טעלעוויזיע.

טראָץ אָט דער גרויזאַמער באַהאַנדלונג האָט מען בעת די דאָזיקע פראַגמענטן פון פּראָצעס, וואָס זענען געוויזן געוואָרן אין טעלע־וויזיע, געקענט באַמערקן די שרעק אויפן פנים פון באַשולדיקטן. נישט איין מאָל האָט ער בעתן פּראָצעס געמאַכט אויסגעשרייען, וואָס האָבן פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן: „ניין! ניין! נעמט מיך נישט מער אין דעם עלעקטרישן צימער!״

דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער „באַאט״־רעזשים איז געוועזן פעסט אַנטשלאָסן איבערצושטייגן נאַצערן אין זיין שנאה־אַקציע קעגן אַמעריקע. דער ראַדיאָ, די פּרעסע און די טעלעוויזיע זענען יעדן טאָג פול געוועזן מיט באַשמוצונגען אויפן אדרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און דער סירישער אינפאָרמאַציע־מיניסטער מאַשחור זייתון האָט ביי יעדער געלעגנהייט געטאַדלט אמעריקע פאַר איר „פּאָליטיק פון שפּיאָנאַזש און דיווערסיע אין סיריע״.

✶

אין יענעם אָוונט ווען עס איז שוין געווען קלאָר, אַז אלי כהן דער אַגענט 880 אין דמשק, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דעם סירישן געהיים־דינסט, האָט דער טעלעפאָן געקלונגען אין דער וווינונג פון דער משפּחה כהן אין בת־ים און אַ שטימע, וואָס האָט פון שטענדיק אָן אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אליס משפּחה בעת זיין אָפּוועזנהייט פון לאַנד, האָט געזאָגט מיט ווייטיק: „נאַדיאַ, דאָ רעדט שמעון. אלי איז אַרעסטירט געוואָרן...״ שמעון האָט נישט צוגעגעבן קיין שום צוגאָב־פּרט, אָבער דער קאַמף פאַר ראַטעווען אליס לעבן האָט זיך שוין אָנגעהויבן מיט דער פולער קראַפט.

דער ישׂראלדיקער געהיים־דינסט האָט אָרגאַניזירט אַ נסיעה פון נאַדיאַן און אירע צוויי קינדער קיין פּאַריז. דאָרט איז צוזאַ־מענגערופן געוואָרן אַ גרויסע פּרעסע־קאָנפערענץ, אויף וועלכער

נאַדיאַ האָט דערקלערט, אַז איר מאַן איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ נידערטרעכטיקער פאַרשווערונג און אַז זי איז גרייט צו טאָן אַלץ, כדי אים צו ראַטעווען, אויב נישט צוליב איר איז צוליב איר קליין קינד, וואָס האָט נאָך נישט געזען זיין טאַטן. דאָס בילד פון נאַדיאַן און אירע צוויי קליינע קינדער אין אירע אָרעמס האָט דערשיטערט פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שפּיאָנאַזש האָט מען געעפנט דעם שלייער פון שוויגן, און די מדינה, אין וועמענס דינסט אלי כהן האָט געאַרבעט, האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אַרויסגיין אין אַן עפנטלעכן קאַמף כדי צו ראַטעווען איר אַגענט מיט אַלע מיטלען, וואָס זענען גע־שטאַנען אין איר רשות.

אלס פאַרטיידיקער פון אלי כהן איז אַנגאַזשירט געוואָרן דער באַרימטער פראַנצויזישער אדוואָקאַט זשאַק מאַרסיע. אים איז אויפ־געקלערט געוואָרן דער פאַן און דער געבוי פון דער סירישער הערשער־קליקע, וועגן די מעגלעכקייטן וואָס שטייען אין זיין רשות בעת דעם משא־ומתן צו ראַטעווען אלי כהן, וועמען די גאַנצע וועלט באַטראַכט ווי דעם ישראלדיקן „זאַרגאַ".

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון זיין יורידישער קאַריערע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מאַרסיען צו פירן א משא־ומתן צווישן צוויי פיינטלעכע מדינות, וואָס האָבן נישט פאַר־מאָגט אפילו א שמץ פון א געמיינזאַמער שפּראַך.

מאַרסיע, א געוועזענער פאַראַשוטיסט און אַנהענגער פון גע־נעראל דע גאָל, האָט מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאבע, וועלכע האָט צוערשט אים אויסגעזען צו זיין אַן אומ־מעגלעכע. דמשק האָט נישט דערוואַרט אַזאַ זאַך. אלע מיניס־טעריומס וואָס האָבן געהאַט עפּעס צו טאָן מיט דעם ענין האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון ענטפערן אויף דער פראַגע פון באַשטימען אַ פאַרטיידיקער פאַר אלי כהן. אמין אל־כאפעז, דער מענטש, וואָס געהאַט צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך דאַן „געפונען אויף אורלויב". קיינער, אויסער אים, האָט נישט געקאָנט באַשטע־טיקן אזא זאך ווי באַשטימען אַ פאַרטיידיקער פאַר אלי כהן. דאָס איז געווען א שלעכטער סימן גלייך פון אָנהויב.

✶

„אַראַבישער פאָלק! בירגער פון סיריע" — האָט געעפנט דער געריכטס־פאָרזיצער זיין רעדע און געזאָגט: „דאָס וואָס איר וועט

אלי כהן

הערן אין אָט דעם פּראָצעס, זענען געוויע פאַקטן און פּרטים, וואָס זענען באַקאַנט געוואָרן בעת דער אויספאָרשונג פון ישראלדיקן שפּיאָן אלי כהן, וועלכער איז דער גרעסטער ציוניסטישער שפּיאָן. ער איז געשיקט געוואָרן קיין סיריע, כדי צו צעטרייסלען דעם רע־זשים. מיר האָבן נישט קיין ספק לגבי דער גרויס פון פאַרברעכן, און איר, מיינע ברידער, וועט אַליין קאָנען זען אין גאַנג פון פּראָצעס ווי גרויס עס איז דער פאַרברעכן פון דאָזיקן מענטש".

פון זיין אָרט, אויף דער הויכער באַשולדיקונגס־באַנק, האָט אלי כהן געהערט די דאָזיקע רייד אביסל א מטושטשער, ער האָט זיך געצוווּנגען נישט צו לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון די צאָרנדיקע רעאקציעס פון אַנוועזנדיקן עולם. ער האָט געוווּסט, אז ער דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף די רייד פון אויספאָרשונגס־ריכטער און פּרובירן ענטפערן אויף זיינע פראַגן קאַטעגאָריש און איינדיי־טיק — אויף וויפל דאָס וועט אים געלונגען. ער האָט זיך נישט געמאכט קיין אילוזיעס און גוט געוווּסט, אז דעם גזר דין אויף אים האָט מען שוין ארויסגעטראָגן נאָך איידער ער איז געבראַכט גע־וואָרן אין געריכט. טראָץ דעם, וואָס ער איז געבראַכט געוואָרן אין געריכט דירעקט פון די טאָרטור־קעלערן אין דער דמשקער תפיסה, איז נאָך אים פאַרבליבן א פונק פון קעמפערישקייט און עס איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין אים די שטרעבונג צו צעברעכן פאַר די מאסן די לעגענדע פון דער מיליטערישער קליקע, וואָס האָט אים געשטעלט פאַרן דאָזיקן משפּט.

די האַרטע שטים פון ריכטער, פּולקאָווניק סלאח דאַלי, האָט איבערגעריסן אליס מחשבות:

„דער באַשולדיקטער אליהו בן שאול כהן, פון תל־אביב, ישראל. איז דאָס דיין אמתער נאָמען?"

„דאָס איז מיין נאָמען".

„צי קאָנסטו עמעצן וואָס זיצן דאָ אין דער ריכטער־קאָלעגיע?"

אלי האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט געזען די ריי פון ריכטער און דאָס שטרענגע געזיכט פון קאָלאָנעל סאלים כאטום. א ציטער איז אדורך זיין רוקן און די לינקע באַק האָט נערוועז א צוק געטאָן.

„ניין, מיין הער — האָט אלי זיך אָפּגערופן — איך קען קיינעם נישט פון זיי".

„ווילסט דערמיט זאָגן", האָט דאַלי געהעכערט זיין שטים — „אז דו קענסט נישט קיינעם ביים ריכטער־טיש און אויך נישט קיינעם אין געריכטס־זאַל? דו, קאַמעל אמין טאַבעט, דער מענטש,

וואָס האָט זיך געווײַלט מיט יעדן וואָס געהערט צום „ווער איז ווער אין דער מדינה".

אליס שטים איז געבליבן רואיק: „איך האָב אײַך געזאָגט, מײַן הער, איך דערקען דאָ נישט קיינעם".

סאַלים כאַטום האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. אויסער דעם שאַרפן אויג פון טעלעוויזיע־אַפּאַראַט האָט עס קיינער נישט באַמערקט. סאַלים האָט זיך אויף א רגע צוגעבויגן צום טיש און אָנגעשריבן א צעטעלע צו זײַן פּאַרטרויאונגס־מאַן: „גיב איבער דאָס צעטעלע צו אמינען".

אין געריכטס־זאַל האָט נאָך געהערשט דער טומל, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אלי כהנס תשובה. די ריכטער האָבן געמאַכט באַמיאונגען צו באַרואיקן די געמיטער און ווען אין געריכטס־זאַל איז צוריק געוואָרן רואיק האָט אלי געבעטן אַ וואָרט.

„איך וויל, אין אײַנקלאַנג מיט די רעכט פון אַ באַשולדיקטן, צו געבן מיר אַ פּאַרטיידיקער".

דאַלי האָט אויף אים א קוק געטאָן אן איבעראַשטער — „דאָס איז אוממעגלעך. האָסט שוין צו פיל פּאַרטיידיקער. די גאַנצע פּאַר־קויפטע פּרעסע איז דײַן פּאַרטיידיקער. און דאָס איז איבערגענוג".

אלי האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין זײַנע מחשבות און זיך באַמיט נישט אונטערצוגעבן זיך זײַן ייאוש־געפיל.

„און איצט, ביי אללא", — האָט אויסגעשריגן דאַלי — „אפשר וועלן מיר שוין צוטרעטן צום משפט גופא. דערציייל דעם געריכט וועגן זיך, אָבער באמי זיך צו זאָגן בלויז דעם אמת".

„ווידער אַלץ פון אָנהויב?"

דער ריכטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „קאָנסט צוגעבן פּרטים, אויב דו וועסט עס האַלטן פאַר נויטיק" — האָט ער איראָניש אַ שמייכל געטאָן.

„איך בין געבוירן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע, אין יאָר 1924. איך האָב פאַרענדיקט א פראַנצויזישע גימנאַזיע. געלערנט אַרכי־טעקטור אין אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון פּאַרוק, אָבער איידער איך האָב באַקומען מײַן דיפּלאָם, האָב איך געמוזט אויפהערן לערנען און העלפן אין דער פּרנסה פון אונדזער היים. איך האָב געאַרבעט אין דער אימפּאָרט־עקספּאָרט־פירמע פון ריטשאַרד מזרחי. מײַנע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן אין חאַלב, אין סיריע און זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אלי כהן

נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה אין 1948 זענען מיינע עלטערן און צוויי שוועסטער אַוועקגעפאָרן פון מצרים און זיך באַזעצט אין ישראל. מיין עלטערע שוועסטער אָדעט האָט חתונה געהאַט מיט אַ באַאַמטן פון דער פירמע „פזגז". זי וווינט אין בת־ים. מיין ברודער מאָריס ארבעט אין דער תל־אביבער פּאָסט און וווינט אין רמת־גן. דער דריטער ברודער, עזרא, איז פארהייראט און וווינט אין בת־ים".

אלי האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און ממשיך געווען:

„בעת דער סועץ־אקציע בין איך געוואָרן ארעסטירט צוזאַמען מיט א סך אַנדערע יידן און ארייננגעזעצט געוואָרן אין א גע־פאנגען־לאַגער נעבן קאיר. שפּעטער בין איך געוואָרן אַריבער־געפירט אויף א שיף פאר געפאנגענע אין מיטן ים. נאָך דעם ווי די סועץ־אקציע האָט זיך פארענדיקט איז מיר דערלויבט געוואָרן אָפּצופאָרן קיין אייראָפּע. מיין גאַנצער פאַרמעגן איז געווען בלויז איין וואליזע מיט אלטע זאכן. ווען איך בין אַנגעקומען אין נעאַפּאַל, צוזאַמען מיט נאָך פּליטים, זענען מיר איבערגענומען געוואָרן דורך אַ פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ און מיר זענען איינלאָ־קירט געוואָרן אין האָטעל „אסטאָריא". שפּעטער זענען אויס־געאַרבעט געוואָרן פּאַר אונדז פּאַפּירן. מען האָט אונדז אָפּגעפירט מיט דער באַן קיין גענוא און פון דאָרט זענען מיר מיט א שיף אָפּגעשווומען קיין ישראל. קיינער האָט מיר דאָרט נישט אָפּגע־וואָרט. בלויז איינער, מיטן נאָמען פרץ, וועלכער האָט אונדז אויפ־גענומען אין פּאָרט, האָט מיר איבערגעגעבן דעם אדרעס פון מיינע קרובים".

אלי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און ממשיך געווען זיין דערציילונג:

„איידער איך בין געפאָרן קיין בת־ים זיך טרעפן מיט מיינע קרובים, האָב איך זיך טעלעפאָניש פארבונדן מיט מיין שוועסטער אָדעט, וועלכע האָט אין צווישן חתונה געהאט און האָט געביטן איר נאָמען פון אָדעט אויף רמונה. איר מאַן איז געווען אַ באאמטער פון „פזגז" און האָט געהאט א טעלעפאָן אין שטוב. מיין שוועסטער איז, פאַר־שטייט זיך, געווען גליקלעך צו הערן מיין שטים און האָט זיך פון פרייד פונאנדערגעוויינט, הערנדיק אַז איך בין געזונט און גאַנץ און געפינען זיך אויף דער ערד פון הייליקן לאַנד. די גאַנצע צייט האָבן זיי מורא געהאט, צי איז עפּעס נישט געשען מיט מיר בעת די מצרישע גירושים פון די דאָרטיקע יידן. אַ שטיקל צייט שפּעטער

האָב איך זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אַ ספּעציעלער ביוראָ פאַר איבערזעצונגען פון אראביש און פראנצויזיש".

„וואָס פאַר א מין מאַטעריאַלן האָסטו געדאַרפט איבערזעצן?"

— האָט געפרעגט דאלי.

„איך פלעג איבערזעצן אַלץ וואָס מען האָט מיר געגעבן".

„זענען דאָס געווען זיכערהייטס־דאָקומענטן?"

„איך מיין אַז יאָ. ווייל דאָס איז געווען אַ ביוראָ, וואָס האָט דורכגעפירט איבערזעצונגס־אַרבעטן פאַר דער אַרמיי. צווישן זיי זענען אויך געווען איבערזעצונגען פון אַראַבישע צייטונגען און חודש־זשורנאַלן, וואָס זענען דערשינען אין אראבישע לענדער".

„זענען דאָרט געווען אויך טעגלעכע צייטונגען?" — האָט גע־פרעגט דאלי — „דאָס הייסט צייטונגען, וואָס זענען אין זעלבן טאָג דערשינען אין קאַיר אָדער אין דמשק, האָסטו איבערגעזעצט?"

„יאָ".

„און ווי אזוי זענען זיי אָנגעקומען צו אייך?"

„דאָס ווייס איך נישט און דאָס האָט מיך אויך נישט אינטערע־סירט. איך האָב געאַרבעט כדי צו פאַרדינען געלט און נישט כדי זיך אריינצודרייען אין געהיימע זאכן".

„פון דעסטוועגן האָסטו מסתמא דערהאלטן געוויסע ריכט־ליניעס וואָס פאר א מין מאטעריאל עס איז כדאי איבערצוזעצן?"

— האָט געפרעגט דער געריכטס־פאָרזיצער.

„איך האָב נישט דערהאלטן קיין שום ריכטליניעס. מען האָט מיר געגעבן מאטעריאל און געהייסן איבערזעצן".

„ווי לאַנג האָסטו געאַרבעט אויף דעם פּאָסטן?"

„איך געדענק נישט" — האָט אלי געענטפערט — „נישט מער ווי אייניקע חדשים".

„וואָס האָסטו געטאָן נאָך דעם ווי דו האָסט פאַרלאָזן דעם פּאָסטן?"

„איך בין געווען ארבעטסלאָז".

„און שפּעטער?"

„שפּעטער האָב איך געפונען אַ פּאָסטן אין משביר המרכזי, מיט דער הילף פון אַ פריינט פון מצרים. נאָך דעם האָב איך זיך גענו־מען איינאָרדענען. איך האָב זיך באַקענט מיט מיין פרוי און מיר האָבן חתונה געהאט".

„ווער האָט געזאָרגט פאר אייך וועגן אַ דירה, מעבל?"

„נישט די, וואָס איר מיינט" — האָט אלי געזאָגט. „דאָן האָב

איך נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיטן ישראלדיקן געהיים־דינסט. איך בין געווען פאַרשריבן אויף א שיכון פאַר יונגע פּאָרלעך און האָב געקויפט אזא שיכון".

„און דו האָסט געקענט עקזיסטירן פון אַ געהאַלט פון אַ באַאמטן אין אַט דער דאָזיקער פירמע?"

„אויך מיין פרוי האָט געאַרבעט און זי האָט מיר געהאָלפן ווי נאָר זי האָט געקענט".

א לענגערע ווײַלע איז געווען אַ פויזע אין גאַנג פון פּראָצעס. צום סוף האָט דאַלי זיך אָפּגערופן:

„אין שייכות מיט דעם מענטשן, וואָס איז דיר געקומען פאָרלייגן אַ פּאָסטן אין ישראלדיקן זיכערהייטס־דינסט, וואָס קאָנסטו אונדז דערציילן וועגן אים?"

„איך האָב אים פריער נישט געקענט. ווען ער איז יענעם טאָג געקומען צו מיר אין ביוראָ האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין ערשטן נאָמען. שפּעטער האָט ער געפרעגט צי בין איך גרייט צו אַרבעטן אין געהיים־דינסט. ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז די אַרבעט איז פאַרבונדן מיט א סך נסיעות אין אויסלאַנד".

„און דו האָסט מסכים געווען?"

„איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט און איך האָב נישט קיין חשק צו פאָרן אין אויסלאַנד. ער איז דאַן אַוועק. נאָך דעם איז ער געקומען נאָך אַמאָל און שוין וויסנדיק, אַז מען האָט בדעה מיך צו קינדיקן פון מיין פּאָסטן, האָב איך מסכים געווען צו אַרבעטן פאַר אים. מיין פרוי האָט זייער שווער געאַרבעט און זי איז אויך געווען שוואַנגער".

„און דאַן האָסטו מסכים געווען צו ווערן אַ שפּיאָן?"

אלי האָט אָנגעקוקט דעם ריכטער און געזאָגט: „איך האָב נישט געוווסט גענוי וואָס עס וועט זיין די אויפגאַבע, וואָס וועט אויף מיר אַרויפגעלייגט ווערן".

„אָבער דו האָסט זיכער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שליחות אין אַן אַראַבישער מדינה?"

„אויב איך האָב אפילו פאַרשטאַנען, האָב איך וועגן דעם נישט געטראַכט. איך האָב געקאָנט פאַרלאָזן די אַרבעט יעדע רגע. קיינער האָט נישט געקאָנט אויפצווינגען אויף מיר אַ זאַך, וואָס איז קעגן מיין געוויסן".

„דאָס הייסט, אַז ביסט געווען גרייט צו יעדער אויפגאַבע אויף

דיין נייעם פּאָסטן? — האָט איראָניזירט דאלי — און דאַן האָבן זיי דיך געלערנט אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט שפּיאָנאַזש?"

„זיי האָבן געטאָן אַלץ, כדי איך זאָל קאָנען געטריי דינען דער מדינה".

„און שפּעטער האָבן זיי דיך פאַרוואַנדלט אין אַ סירישן ביר־גער. אין אַן אראבישן סוחר פון אַרגענטינע".

„דאָס איז נישט געווען קיין שווערע אויפגאבע. איך האָב זיך צו דעם צוגעגרייט א לענגערע צייט".

„און וואָס בנוגע דער רעליגיע?"

אלי האָט אָנגעקוקט דעם ריכטער און געזאָגט:

„כדי צו לערנען דעם מוסולמענישן גלויבן האָב איך זיך גע־טראָפן מיט א מוסולמענישן קאדי. דאָס האָט ער מיך געלערנט די עיקרים פון מוסולמענישן גלויבן אויף וויפל איך האָב עס געקאָנט באַנעמען".

„און וואָס וואָלט געווען ווען דו וואָלסט דורכגעפאַלן?"

„וואָלט איך געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין פרומער מוסולמע־נער און איך געדענק אַביסל פון דער שול אויף אַ פאַרנעפּלטן אופן".

דאלי האָט עפּעס אַן אומצופרידענער אַ ברום־געטאָן. ווען נישט אַ צופאַל — האָט ער געטראַכט — וואָלט דער ציוניסטישער שפּיאָן ממשיך געווען זיין פאַרברעכערישע ארבעט. ער האָט שטרענג אָנגעקוקט דעם באשולדיקטן און געזאָגט:

„דערציייל אונדז וואָס מען האָט דיך געלערנט אין קאָראַן?"

„פינף תפילות אַ טאָג, פּרקים פון קאָראַן און די פאתחה (אַ־ריינפיר) צו דער תפילה".

„צו וואָס האָט מען דיך געלערנט די מוסולמענישע רעליגיע?"

„ווייל אין מיין פּאַס איז געווען פארשריבן, אַז איך בין אַ מו־סולמענער".

„כדי דו זאָלסט זיין אַן איבערגעגעבענער ייד און אלס צוגאָב נאָך אַ שפּיאָן, ריכטיק?"

די דאָזיקע רייד האָבן אַרויסגערופן אַ שטילן געלעכטער ביי די אָנוועזנדיקע אין געריכטס־זאַל און דאלי האָט עס גלייך באַ־מערקט, ווי א גוטער שוישפּילער, וואָס פאַרשטייט זיין עולם.

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז די מוסולמענישע רעליגיע וועט זיין פאר מיר צוגעפּאסטער, ווייל די קריסטלעכע רעליגיע איז צו קאָמפּליצירט".

„דאָס הייסט, אַז דו האָסט אויסגענוצט די רעליגיע כדי צו

ווערן אַ שפּיאָן. האָסט אויסגענוצט די רעליגיע כדי זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ מוסולמענער און כדי זיך צו פֿאַרלייכטערן דעם אריינפֿאַר אין סיריע!״

דאלי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אויסגעשריען:

„ירחב ביתכום! (פּארוויסט זאָל ווערן אייער הויז). גאָט האָט אייך פֿאַרבלענדעט. איר זענט בלינד. דיינע באַלעבאַטים אין ישראל האָבן פֿאַרגעסן, אַז זיי זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן ווען זיי האָבן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אויסגענוצט די מוסולמענישע רעליגיע. איר פֿאַרגעסט אייער געשיכטע... דעם תלמוד קאָנסטו?״

„ניין, איך קאָן נישט״.

„ווילסט זאָגן, אַז מען האָט דיך נישט געלערנט קיין תלמוד?״

„ניין״.

„און די תורה קאָנסטו, יאָ כהן?״

„יאָ...״

„אלע קאָנט איר די תורה, לעזאזל, אָבער פארוואָס האָט מען דיך נישט געלערנט תלמוד? זענען דאָס נייע ציוניסטישע פֿאַראָרדענונגען?״

„איך ווייס נישט״.

„יחרב ביתכום! געגוג — האָט דאלי גערופן מיט פּאַטאָס. — איר לערנט נישט די געשיכטע. איר לערנט נישט קיין שום זאַך. איצט זאָג מיר, ווער האָט פֿאַר דיר אויסגעקליבן דעם נאָמען קאַמעל אמין טאבעט?״.

„איך געדענק נישט, אָבער מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיין פֿאַטערס נאָמען איז געווען אמין און מיין מוטערס נאָמען סעידה איבראהים, און אַז איך האָב אַן עלטערע שוועסטער און אַז איך בין ארויסגעפֿאָרן קיין אלעקסאנדריע אין יאָר 1933״.

„און וואָס איז מיט דיין פֿאָטער, לעבט ער נאָך?״

„ער איז געשטאָרבן מיט פיר יאָר צוריק, אין 1961״.

דאלי האָט אַ ווײַלע געפֿינטלט מיט די אויגן און שפּעטער, ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן נעבן אים, האָט ער געזאָגט: „לאָמיר זיך צוריקקערן צום ענין רעליגיע. אמת, כהן, אַז רעליגיע איז א טייערע זאך?״

אלי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„איז אויב עמעצער זאָגט „אללא אכבר״, הייסט עס, אז ער ווערט פֿארוואנדלט אין א מוסולמענער?״

„איך ווייס נישט״.

„אָבער איך קאָן דיר זאָגן עפּעס, כהן" — האָט דאלי געהעכערט זיין קול, ביז ער האָט אזש אָנגעהויבן שרייען. — „זינט איר האָט באַקומען דעם תלמוד פון אייערע חכמים און איר האָט זיך גענומען פאַרנעמען מיט אים, ווייסט איר נישט וואָס עס איז אזוינס רעלי־גיע. גאָט האָט אייך אריינגעפירט אין טעות, ווייל איר האָט זיך דערווייטערט פון דער אמתער רעליגיע און זיך אָנגעכאפּט אָן תלמוד. אָבער עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון דער דאָזיקער גאַנצער באנדע אייערער און פון אלע אגענטן מיט איין מאָל. עס וועט נישט פאַרבלייבן אין דעם אראבישן היימ־לאנד נישט קיין אגענט און נישט קיין שפּיאָן. מיר וועלן פארטיליקן אלע אַגענטן ביזן לעצטן. מיר וועלן ענדיקן מיט אייך מיט איין קלאַפּ" — האָט דאלי געפּאַכעט מיט די הענט אויף א דראמאטישן אופן און דערנאָך צוגעגעבן שטילער: אינשאללא".

גלייך נאָך דעם איז אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן אן איבערייס אין גאנג פון פּראָצעס.

„דאָס געריכט וועט זיך ווידער צוזאמענקומען דאָ, האלב פיר נאָך מיטאָג, כדי צו הערן די ווייטערדיקע עדות־דערקלערונגען" — האָט אויסגערופן דער געריכטס־דינער.

דער עולם האָט זיך מיטאַמאָל געלאָזט צו די טירן.

אין דער זשורנאליסטן־לאָזשע האָבן זיך געפונען זשורנא־ליסטן, וואָס זענען פארבעטן געוואָרן בייצוזיין דעם פּראָצעס. אלע זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז דאלי וועט טאָן אַלץ כדי צו פארמשפּטן די יעניקע, וואָס האָבן מיטגעארבעט מיט אלי כהן. גלייכצייטיק האָבן די זשורנאליסטן גערעדט מיט פארערונג וועגן אלי כהן, וועלכער האָט אזוי פיל געטאָן פאַר זיין לאנד און וועמען עס איז געלונגען זיך אריינצוקריגן אין די העכסטע שפּיצן פון סירישן רעזשים און מאכן פון זיי ס'געגנאר.

די קומענדיקע נאָכמיטאָג־זיצונג פון געריכט האָט זיך פאַר־נומען מיט באַהאַנדלען אלי כהנס שליחות אין דמשק. דער גע־ריכטס־פּאָרזיצער האָט נישט געהאַט בדעה דורכצולאָזן אפילו דעם קלענסטן פּרט פון דעם קנויל פאַקטן און פּרטים, וואָס זענען שוין ביז דאַן אַ סך מאָל אויסגעהערט געוואָרן. דער עיקר האָט ער עס געוואָלט אויסנוצן קעגן די צייטונגען און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן אָנגעגריפן דעם רעזשים אין דמשק און פאַרטיידיקט אלי כהן.

„זיי פאַרטיידיקן דיך" — האָט ער צאָרנדיק געטענהט — „ווייל זיי באַקומען געוויס פאַר דעם געלט".

„מעגלעך" — האָט אלי רואיק געענטפערט.

„וואָס איז דיין מיינונג וועגן אָט דער פרעסע און די דאָזיקע זשורנאַליסטן?"

„אלע זענען זיי פאַרקויפט, אַלע זענען אַגענטן".

„אזוי ווי דו?"

„ניין. איך בין אַ שליח פון מיין מדינה. זיי זענען פאַרקויפט און טוען זייער אַרבעט פאַר געלט".

„איר הערט?!" — האָט דאלי אויסגערופן — „ער איז אַ שליח וואָס פירט אויס זיין חוב אין דער צייט וואָס אַנדערע האָבן זיך פאַרקויפט פאַר געלט. ישראל באַקומט געצאָלט פאַר אונדזער נאַפט און מיט דעם געלט צאָלט זי די דאָזיקע אגענטן... אגב" — האָט פלוצלינג דאלי זיך געווענדעט צו אלין — „וואָס איז דיין מיינונג וועגן ישראל?"

אלי האָט אַ קורצע ווײַלע זיך געקווענקלט און דאַן געענט־פערט: „איך ווייס נישט. אין מצרים בין איך געווען א גוטער בירגער. אין ישראל ווייס איך נישט".

„אָבער דו מוזט דאָך האָבן עפּעס אַ מיינונג וועגן דיין מדי־נה?" — האָט דאלי נישט באַגעלאָזט.

„איך וואָלט געזאָגט, אַז אין ישראל איז שלעכט".

„און וואָס איז דיין מיינונג וועגן ראַדיאָ־ספּיקער פון באַגדאַד, וועלכער טענהט, אז דו ביסט געווען אין ענגע באַציאונגען מיט אונדזער גאַנצער אָנפירונג?"

„איך מיין, אַז ער איז משוגע געוואָרן" — האָט אלי אָפּגע־ענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ.

אין געריכטס־זאַל איז אין דעם מאָמענט אויסגעבראָכן אַ טומל און עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען קעגן באַגדאַד און קעגן באַשולדיקטן. דאלי האָט אין משך פון אייניקע מינוט געקלאַפּט מיטן האַמער אויפן ריכטער־טיש אָבער עס האָט גאָרנישט גע־האָלפן. דער טומל איז געוואָרן אלץ גרעסער און גרעסער. צום סוף איז ער געווען געצוווּנגען צו דערקלערן: „דאָס געריכט לייגט אָפּ זיינע פאַרהאַנדלונגען אויף מאָרגן פרי".

אויף צו מאָרגנס אינדערפרי איז דער געריכטס־זאַל געווען געפּאַקט נאָך מער ווי אַ טאָג פריער. אפילו אין די קאָרידאָרן האָבן זיך געשטופּט מענטשן, כדי בייצוזיין די געריכטס־פאַרהאַנ־

דלונגען. דער ריכטער דאלי איז געזעסן אַן אומבאַוועגלעכער, ווען די געשווירענע ריכטער האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער ביים ריכטער־טיש. גלייך נאָך דעם איז אַריינגעפירט געוואָרן אלי כהן אונטער אַ שווערער וואך. נאָך אים זענען אַריינגעפירט גע־וואָרן נאָך אַ דרייסיק פּערזאָן, מענער און פרויען, וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין מיטאַרבעט מיט אלי כהן און אין שפּיאָ־נאַזש.

לויט דעם קאָמפּליצירטן סירישן געזעץ איז דער משפּט אָנ־געפירט געוואָרן דורכן געריכטס־פּאָרזיצער. אַלע איבעריקע זענען בלויז געווען אַ קאָליראָפולע דעקאָראַציע, וואָס איז אַזוי באַליבט ביי די מזרח־פעלקער. דער ריכטער, וואָס איז סיי דער אויספאָר־שער און סיי דער פּראָקוראָר, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין האַמער אויפן טיש און אין זאַל איז געוואָרן שטיל. עס האָבן זיך בלויז געהערט דער רויש פון די טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן און די שטילע געשפּרעכן אין דער זשורנאַליסטן־לאָזשע.

אלי כהן האָט יענעם אינדערפרי אויסגעזען זייער נערוועז. טראָץ דעם, וואָס די סיריער האָבן זיך באַמיט, אַז דער פּראָצעס זאָל זיך פאַרענדיקן אַן צווישנפאַלן און דעריבער אָפּגעהיט דאָס לעבן פון אלי כהן, ביזן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז פון איין געריכטס־זיצונג ביז דער צוויי־טער, האָבן די אויספאָרשער נישט געשפּאָרט קיין באַמיאונגען צו צווינגען אלין זיך מודה צו זיין אין דעם, אין וואָס זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט. די אויספאָרשונגען אין די פּייניקונגס־קעלערן פון דער לאגער־תפיסה האָבן אלין כמעט פולשטענדיק פיזיש איינגעבראָכן. דאָס האָט מען קלאָר געקאָנט זען אויף די טעלעוויזיע־עקראַנען, ווען אלי כהן איז געוויזן געוואָרן פון דער נאָענט. דורך זיין פּנים פלעגט פון מאָל צו מאָל דורכלויפן אַ נערוועזער צוק.

„איך בעט ס׳זאָל זיין שטיל אין זאַל!" — האָט אויסגערופן דער געריכטס־פאָרזיצער.

אלי האָט מיט זיין האַנט צוגעגלעט זיינע האָר אויפן קאָפּ און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן.

דאלי האָט א לייכטן הוסט געטאָן כדי אָפּצורייניקן דעם האַלדז און געזאָגט:

„בעת די נעכטיקע עדות־דערקלערונגען איז אונדז באַקאַנט געוואָרן, אַז אלי כהן האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט שפּיאָנאַזש.

אויף אים איז אויך אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אָפּצו־געפינען אַ נאַצי מיטן נאָמען ראַזאַלי און אים ליקווידירן אויף יעדן מעגלעכן וועג. כדי אָפּצוגעפינען אָט־דעם נאַצי, וועלכער איז געווען אייכמאַנס א געהילף, האָט אלי באַקומען הילף פון מאַג׳ד שייך אל־ארד, אַ באַקאַנטער סוחר און ביזנעסמאַן.

דאלי האָט געמאַכט אַ פּויזע, כדי צו שאַפן אַ דראַמאַטישן איינדרוק. און זאָל האָבן זיך דערהערט שטילע אויסרופן פון פאַראַכטונג. דער ריכטער האָט ממשיך געווען:

„ווען אין ירושלים איז פאָרגעקומען דער אייכמאַן־פּראָצעס, איז געהערט געוואָרן דער נאָמען ראַזאַלי, איינער פון אייכמאַנס געטרייסטע צוהעלפער אין זיינע עסקים מיט די יידן. מאַג׳ד שייך אל־ארד האָט גענומען אלי כהן אין זיין אויטאָ צום הויז וווּ עס וווינט דער דאָזיקער נאַצי. ביסטו זיך מודה אין אָט דעם פאַקט, מאַג׳ד?" — האָט דאלי אויסגערופן.

„איך האָב בכלל נישט קיין אַנונג וועגן וואָס איר רעדט" — האָט מאַג׳ד היציק אַ געשריי געטאָן.

„ביי אללא, אַז דו ווייסט. מיר ווילן נאָר וויסן, וויפל מאָל דו האָסט גענומען אלין צו יענעם אָרט".

„איך זאָג אייך, אַז איך ווייס נישט צי איך האָב אים אפילו גענומען אהין איין מאָל".

„דו ווייסט נישט, צי דו געדענקסט נישט?" — דאלי האָט א רגע נאָכגעקלערט און דאַן ווידער געפרעגט: „צי האָסטו גע־נומען אהין אלי כהן ווייל דו האָסט געוווּסט, אַז ראַזאַלי איז אַ דייטשער שפּיאָן?"

„איך האָב בכלל נישט געוווּסט, אַז ער איז אַ שפּיאָן".

„און וואָס איז די געשיכטע וועגן שפּרינגערן?"

מאַג׳ד האָט אַ צי געטאָן אַן אומגעדולדיקער מיט די אקס־לען: „דאָס געהערט נישט צום ענין, הער ריכטער".

דאלי האָט שטרענג א קוק געטאָן אויף אים: „דו זאָג מיר נישט וואָס עס געהערט צום ענין, אדרבא, דערצייל אונדז דאָ וועגן שפּרינגערן".

„שפּרינגער איז געווען א דייטש, ה׳ ריכטער. ער פלעגט איינ־שטיין אין האָטעל אומיא, ווען ער פלעגט קומען קיין דמשק אין זיינע געשעפטס־ענינים. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין קלוב „אל־שרק". ער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אלס אינטער־נאַציאָנאַלער סוחר. איך האָב אָבער מיט אים נישט געמאַכט קיין

געשעפטן, וויינקסטנס אין דער ערשטער צייט".

„פאַרוואָס ?"

„איך ווייס נישט, ה׳ ריכטער. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז נישט קיין סוחר נאָר אַן אַגענט פון דער „רויטער האַנט". *)

דאלי האָט זיך ברייט צעשמייכלט: „דיינע געפילן זענען, ווייזט אויס, פּאַרטעמפּטע. אויב דו האָסט געקאָנט חושד זיין אַן אומשעדלעכן סוחר און שענקען דיין צוטרוי אלי כהן, אַ פיינט פון לאַנד".

„דאָס איז אַן אַנדער ענין, ה׳ ריכטער. כהן האָט נישט גע־מאכט קיין איינדרוק פון א פיינט. און בכלל, אויב ער איז געווען דער פריינט פון די הויכע לייט אין דער מדינה, פאַרוואָס האָט ער נישט געטאָרט זיין מיט מיר באַפריינדעט ? איך בין אַ סירי־שער פּאַטריאָט, ניין ?"

אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל און דער ריכטער האָט ווידער גענומען קלאַפּן מיט זיין האמער אין טיש.

„לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן דיין פּאַטריאָטיזם, שייך אל־ארד — האָט געזאָגט דאלי — „איך וויל דיך איצט פרעגן, צי איז דיר נישט געקומען אויפן זינען, אַז סיי כהן און סיי שפרינ־גער זענען נישט קיין פּאָזיטיווע געשטאַלטן, באַזונדערס צוליבן פאַקט, וואָס ביידע זענען זיי דאָ געווען פרעמדע בירגער ?"

„איך ווייס נישט, ה׳ ריכטער. איך בין א סוחר און די דאָזי־קע מענטשן האָבן זיך מיט מיר געטראָפן וועגן האַנדלס־אָנגעלעגנהייטן און מער וועגן גאָרנישט. פון וואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, אַז זיי זענען שפּיאָנען ?"

„גוט, טאָ דערצייל אונדז פאַרוואָס האָסטו גענומען אלין צו ראָזאַלין ?"

„איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז איך האָב אלין קיין מאָל נישט גענומען צו ראָזאַלין, ה׳ ריכטער".

„יאָ, כהן" — האָט דאלי זיך איצט געווענדעט צו אלין —

---

*) „די רויטע האַנט" איז געווען אַ פראַנצויזישע אונטערגרונט־אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז געווען טעטיק אין דער צייט פון דער אַלזשיריע־מלחמה אין די אייראָפּעאישע מדינות און אין די מדינות פון מיטלען מזרח, כדי צו שטערן די געווער־ליפערונגען פאַר די אלזשירישע אויפשטענדלער.

„דערציייל דו אונדז דעם אמת, צי איז מאג׳ד געווען מיט דיר ביי ראַזאַלין, אָדער דו ביסט געקומען צו אים מיט דער הילף פון אַללאַ?״

כהן האָט זיך ארומגעקוקט איבערן זאל און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

„רעד העכער, כהן״ — האָט איינער פון די ריכטער אויסגעשרופן — „זאָל מאג׳ד אויך הערן דעם אמת״.

„איך זאָג, אַז מאג׳ד שייך אל־ארד האָט מיך געפירט צו ראַזאַליס ווױנונג. ער האָט עס אַליין פאָרגעלייגט צו טאָן, ווען איך האָב אים איין מאָל ביינאַכט באַזוכט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויפן הויז, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון צענטראַלן באַנק״.

מאג׳ד איז ווייס געוואָרן ווי קאַלך. זיין פּנים האָט געציטערט און זיינע הענט האָבן זיך פארדריקט אין פויסטן. „מיין הער! די רייד פון באַשולדיקטן זענען אויסגעזויגן פון פינגער״ — האָט ער אַן אויפגערעגטער געשריען.

„דיין געשיכטע איז אויסגעזויגן פון פינגער, דו אַפּעריסט!״

„ניין, אין נאָמען פון אַללאַ, אַז נישט!״

דאלי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק וואָס מאג׳ד שרייט און זיך געווענדעט צו אלין: „וואָס איז געווען די סיבה, וואָס דו האָסט מיטאַמאָל באַשלאָסן צו זוכן די שפּורן פון ראַזאַלין? האָט מען עס דיר פאַראָרדנט פון ישראל?״

אלי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

„אין אַ טעלעגראַמע?״

„יאָ, אין אַ טעלעגראַמע״.

„ווען איז זי צו דיר אָנגעקומען?״

„אַ קורצע צייט פאַרן אָנהויבן דעם אייכמאַן־פּראָצעס״.

„וואָס האָט ישראל געוואָלט פון ראזאלין?״

„ווייזט אויס, אַז עס איז באַקאַנט געוואָרן, אז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פון אַ סך יידן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אים אָפּצוגעפינען. ווען איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראמע, האָב איך זיך געווענדעט צו מיין פריינט מאג׳ד און אים געפרעגט וועגן ראזאלין. ער האָט מיך צו אים געפירט״.

„ער זאָגט ליגן, ה׳ ריכטער!״ — האָט מאג׳ד אויסגעשריגן פון זיין אָרט. ער מאַכט אויף מיר א בלבול! איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט אים צו צווינגען צו זאָגן דעם אמת?״.

דאלי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ טייוולאָנישער באַפרידי־

קונג: „מען דאַרף נישט דריקן אויף אלי כהן. ווען ער זאָגט אמת, גלויבן מיר אים".

די נאָכמיטאָגדיקע געריכטס־זיצונג האָט זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן דעם ראַדיאָ־ספיקער פון דמשק סאַלים סייף, וועלכער האָט געהערט צום קרייז פון אלי כהנס פריינט. ער האָט אים אויך געהאָלפן באַקומען ידיעות. אַ גערויש איז אַנטשטאַנען איבערן זאַל, ווען סאַלים סייף איז גערופן געוואָרן זיך צו שטעלן פאַר דער אויספאָרשונג. אַן עלעגאַנטער מאַן, מיט אַ קיילעכיק פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט גוטמוטיקייט, האָט ער זיך שנעל אויפגעשטעלט און זיך איינגעקוקט אין די ריכטער.

„דיין נאָמען איז סאלים סייף און דו ביסט דער נייעס־רעדאַקטאָר אין ראַדיאָ דמשק?"

„יאָ, מיין הער".

„בעת דער אויספאָרשונג פון הויפט־באַשולדיקטן, האָט זיך דיין נאָמען פאַרמישט אין די ענינים אויף אַ בולטן און צענטראַלן אופן. דו האָסט געהאָלפן אלי כהן באַקומען וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פון די ערשטע מקורות. די ידיעות זענען געווען באַשטימט בלויז פאַר דיר, אין די ראַמען פון דיין אַרבעט אַלס נייעס־רעדאַקטאָר. האָסטו עפעס וואָס צו זאָגן קעגן דער דאָזיקער באשולדיקונג?"

„ניין, מיין הער".

דער ריכטער דאלי האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיך צוגענויגט צו זיין געהילף און מיט אים עפעס אַרומגעשמועסט. ווייזט אויס, אז סאַלימס ענטפער האָט אים אַביסל איבעראַשט.

„נאָך אַמאָל, סאַלים סייף, ביסטו זיך מודה אין דער באַשולדיקונג?"

„ניין, מיין הער" — האָט געזאָגט סאַלים — „איך האָב מורא אַז דאָס געריכט האָט נישט גענוג געפאָרשט און נישט פאַרשטאַנען גענוי די רייד פון הויפט־באַשולדיקטן. איך בין זיך מודה אין ענד־רעזולטאַטן פון אָט דעם פאַל, אָבער נישט אין דעם וועג מיט וועלכן איר זענט צו אים דערגאַנגען".

„צי מיינסטו, געלערנטער מענטש, — האָט דאלי געזאָגט מיט אַן איראָנישן טאָן, — אַז דער דאָזיקער יורידישער פלפול, וועט ענדערן דעם עצם פאַקט?"

„איך ווייס נישט, ווי דאָס איז אין מיליטערישע געריכטן, אָבער

אין ציווילע געריכטן רעכנט מען זיך מיט פאַרלייכטערנדיקע אומשטענדן".

„דאָס איז נישט קיין מיליטערישער געריכט, יאָ, סייף," — האָט דאַלי אויסגעשריגן מיט כעס — „און עס וועט זיין בעסער פאַר דיר דו זאָלסט אויפהערן צו פּלאַפּלען וועגן דעם. דער פּראָצעס קומט פאָר עפנטלעך, ווערט געוויזן פאַר מיליאָנען מענטשן אין דער טעלעוויזיע און זיינע פּרטים ווערן פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען".

סאַלים האָט אויך א לאך געטאָן: „עס איז נישט קיין ספק, אַז דער פּראָצעס ווערט פאָטאָגראַפירט דורך דער טעלעוויזיע און אַז וועגן אים ווערט געשריבן. אָבער זאָגט מיר, ה' ריכטער, וואָס פאַר אַ ראָל וועט דערביי שפּילן קאָלאָנעל באַכרי, דער הויפּט־צענזאָר?"

אין זאַל איז נאָך די דאָזיקע רייד געוואָרן אַ מהומה. דאַלי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיט צאָרן געקלאַפּט אויפן טיש מיט זיין הילצערנעם האַמער.

„סאַלים סייף, דו ווערסט דאָ באַשולדיקט אין מיטאַרבעטן מיט אַ פרעמדן פאַקטאָר! מיר זענען גרייט דאָס מאָל צו איגנאָרירן דיין לעצטע באַמערקונג. אָבער איך וואָרן דיך, אַז אויב דו וועסט נאָך איין מאָל מאַכן אַזעלכע באַמערקונגען וועסטו געשטעלט ווערן פאַר אַ משפּט פאַר באַליידיקן דעם געריכט".

סאַלים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט די וואָרענונג.

„וואָס ווילט איר וויסן, וואָס איר האָט נאָך נישט „אויסגעמאָלקן" פון הויפּט־באַשולדיקטן?"

„ווי אַזוי ביסטו דערגאַנגען צו אלין?"

„מיינע פריינט האָבן מיר פאַרגעלייגט זיך צו טרעפן מיט דעם דאָזיקן מענטשן, און ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אים, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז זייער אַ סימפּאַטישער מענטש".

„און דערפאַר האָסטו אים אַריינגעפירט אין דיין סודותדיקער אַרבעט?"

„עס איז נישט געווען קיין שום סודות אין מיין אַרבעט".

„אָבער דו האָסט באַקומען וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום, כדי דו זאָלסט אַרויסנעמען פון זיי בלויז

די פּאַסיקע טיילן. דער עצם פאַקט, וואָס דער מאַטעריאַל אונטער־ליגט אַ סעלעקציע, ווייזט ווי וויכטיק און ווערטפול ער איז״.

„נישט אומבאַדינגט״ — האָט געזאָגט סאַלים — „אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען געדרוקטע און נישט־וויכטיקע רעדעס פון רעגירונגס־מיטגלידער, און איך האָב געדאַרפט אַרויסנעמען פון זיי בלויז דעם עיקר און דאָס אינטערעסאַנטסטע״.

„איז דאָס געווען אַ שווערע אַרבעט?״

„ניין, נישט באַזונדערס״.

„אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו באַטייליקט אלי כהן אין באַאַר־בעטן דעם מאַטעריאַל?״

„כהן האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם פון אַ פּאַטריאָט, פון א מענטש וואָס איז א מקורב צו די שפּיצן פון דער מדינה־אַנפי־רונג. איך האָב בכלל נישט געטראַכט, אַז איך בין זיך אליין מכשיל מיט באַטייליקן אים אין דער אַרבעט״.

„דו זאָגסט ליגן, סאַלים״ — האָט דאלי אויסגעשריגן מיט כעס — „איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ ליגנער ווי דו. דיין טעאַטראַלע פּאָזע און דיין פינקטלעכער צוקלייב פון ווערטער דעקן אַ באַרג פון ליגנס. דאָס געריכט ווייסט, אַז דו ביסט געווען דער פאַרבינדונגס־מענטש פון אלי כהן אין דמשק, נאָך איידער כהן האָט געשטעלט אַ פוס אויפן סירישן באָדן״.

סאלים איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטער: „איר זענט זיך טועה. עס איז ווייזט אויס בעת דער אויספאָרשונג געשען עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש״ — האָט ער אויסגערופן — „איך האָב שוין פריער דערציילט ווי אַזוי איך האָב זיך באַקענט מיט אלי כהן״.

„זאָג מיר, סאַלים, צי האָסטו געוווסט, אָדער האָסטו חושד געווען, אַז קאַמעל אמין טאַבעט איז נישט קיין „אַרגענטינער עמיגראַנט?״

„פאַרוואָס האָב איך אים געדאַרפט חושד זיין?״

„דערפאַר וואָס מען האָט דיר צוויסן געטאָן דאָ אין לאַנד, אָדער פון אויסלאַנד, דו זאָלסט זיך מיט אים שטעלן אין קאָנ־טאַקט און אים געבן וואָס מער אינפאָרמאַציעס״.

„איך האָב מורא, אַז איך ווייס זייער גוט צו וואָס איר צילט, ה׳ ריכטער, אָבער איך האַלט זיך ביי דעם וואָס איך האָב געזאָגט״.

עס האָט אויסגעזען ווי ביי דאלין פּלאַצט דאָס געדולד. ער האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן:

„ברידער ריכטער, חשובע צוהערער, איז דאָס נישט קיין חוצפה פון באַשולדיקטן זיך צו האלטן ביי דאָס זייניקע אין דער צייט וואָס אפילו אַ טויבער קאָן הערן די ליגנס, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער זיינע רייד?"

ער האָט אַ רגע זיך אָפּגערוט און ווייטער געזאָגט:

„דאָס געריכט האָט געהערט דיין ווערסיע און וועגן די פאַר־לייכטערנדיקע אומשטענדן. ביסט זיך פונדעסטוועגן מודה, אז אין די יאָרן וואָס דו האָסט געקענט אלי כהן, האָסטו אים איבערגע־געבן וויכטיקע זיכערהייטס־אינפאָרמאַציעס?"

„זייער מעגלעך" — האָט געזאָגט סאַלים — „אָבער איך האָב עס נישט געטאָן איידער איך האָב זיך איבערצייגט, אַז קאַמעל־כהן באַקומט אינפאָרמאַציעס, געניסט פון פאַרשידענע רעכט און ווערט מקרב דורך די אָנפירער פון דער מאַכט גופא".

דאלי האָט אויסגעשטעלט אויפן באַשולדיקטן א פּאָר אויגן: „ביסטו דאָס נישט געווען דער מענטש, וואָס האָט געשטופּט כהנען אין דער הויכער געזעלשאַפט, דאָ אין דמשק?"

„ניין, מיין הער!" — האָט אויסגעשריען סאַלים — „קאַמעל איז געקומען קיין דמשק מיט אַ סך רעקאָמענדאַציעס און אַ דאַנק זיין באַקאַנטשאַפט מיטן פּרעזידענט אַליין".

דאָס דערמאָנען דעם נאָמען פון פּרעזידענט האָט צוריק דער־היצט די געמיטער אין געריכט־זאל און ווידער האָט דאַלי געמוזט אָנקומען צו זיין האַמער, כדי איינצושטעלן רו. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

„ווי אַ געבילדעטער מענטש, סאַלים סייף, וווּנדער איך זיך ווי אזוי רעקאָמענדאַציעס אָדער א צופעליקע באַקאַנטשאַפט בעת אַ מסיבה ביי אַ גענעראַל, קאָנען משפיע זיין אויף דיין לאָגישן דענקען, באַזונדערס אין אָנבליק פון דיין אַרבעט, וואָס איז, ווײ־ניקסטנס טיילווייז, געווען אַ זיכערהייטס־ענין".

סאַלים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט צום ריכטער: „איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך טועה געווען וואָס שייך כהנען. אויב מיר זאָלן זיך אַביסל אַ גריבל טאָן וואָלט מען גאַנץ דמשק געדאַרפט ברענגען אַהער, אויף דער באַשולדי־קונגס־באַנק".

דאלי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און זיך געווענדעט צום געריכטס־פּראָטאָקאָליסט: „די דאָזיקע באַמערקונג מעק אויס פון פּראָטאָקאָל" — האָט ער ארויסגעשיפּעט דורך די ציין.

אין גערי־כטס־זאל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אָבער גלייך האָט זיך דערהערט דאליס ווייטערדיקע פראַגע: „ווען אלי איז צום לעצטן מאָל צוריקגעקומען פון ישראל, א קורצע צייט נאָך דעם באַרימטן גרענעץ־אינצידענט, ביסטו געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט מיט אים געשמועסט?״

„ריכטיק. האָב איך עס נישט געטאָרט?״

„צי ביסטו נישט געשיקט געוואָרן צו אלין כדי אים צו זאָגן, אז די ענינים זענען שוין נישט ווי געווען?״

„קיינער האָט מיר נישט געשיקט. אויסער דעם איז אלי גענוג קלוג, כדי אַליין צו פאַרשטיין דעם מצב. די העכסטע מדינה־פירער האָבן דאָך אים געמאַכט פאַר אַ בן־בית אין מיליטער און שפּע־טער, ווען די באַציאונג האָט זיך געביטן, ווי אַזוי האָט ער עס נישט געקאָנט באַמערקן?״.

„דאָס איז אַלץ, סאַלים, דיין אויספאָרשונג איז אויף היינט געענדיקט. אָבער מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן צו דיר אין גאַנג פון פּראָצעס״.

סאַלים האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

אין גאַנג פון די עדות־דערקלערונגען, איז קלאָר געוואָרן, אַז די אָנפירער פון סירישן געהיים־דינסט האָבן זייער אָפּגעשאַצט די טעטיקייט פון אלי כהן און געווען צופרידן מיט אים. קאָלאָנעל סווידאַני, דער אָנפירער מיטן געהיים־דינסט האָט דערציילט, אַז דאָס הויז פון אלי כהן האָט געדינט ווי אַן אָרט פאַר צוזאמענ־טרעפן פאַר דער העכסטער געזעלשאַפט און אלי גופא האָט ארויס־געוויזן קענטשאַפט אין אַ סך געביטן ווי פּאָליטיק, האַנדל, מיליטער און סאָציאַלע טעטיקייט.

„דאָס נאָכשפּירן אלי כהן״ — האָט געזאָגט דער קאָלאָנעל צום ריכטער — „איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. ער האָט זיך אויפגעפירט זייער פאָרזיכטיק. ער האָט נישט געהאַט קיין געהילף, קיין שאָפער אָדער קיין קוכער. ער האָט אַלץ געטאָן אַליין: געוואַשן די כלים, געראַמט די וווינונג און אפילו געוואַשן זיינע וועש. נאָך מער, ער האָט זיך אויסגעהיט פון טרעפן זיך צוויי מאָל מיטן זעלבן מענטשן אין איין טאָג. פאַר ספּעציעלע געסט האָט ער איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַ באַזונדערן קלונג אין טיר אָדער אין טעלעפאָן״.

„נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעפונען דעם צענטער פון די ראַדיאָ־

אַרויסשיקונגען, האָבן מיר באַשלאָסן זיך אַרײַנצורײַסן אין זײַן וווינונג 8 אין דער פרי, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אין דער צײַט געפינט ער זיך נאָך אין בעט. דאָס אַרײַנרײַסן זיך אין זײַן דירה איז פּלאַנירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז אלי זאָל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט זיך צו פּאַרטיידיקן, אָדער צו באַגיין זעלבסטמאָרד דורך אַראָפּשפּרינגען פון פענסטער שטאָק דורכן פענצטער. 3 גוט־אויסגעשולטע אַגענטן זענען פאַראָרדנט געוואָרן זיך אַרײַנצורײַסן אין אַליס שלאָפצימער. איינער פון זיי האָט געדאַרפט זיך גלײַך אַרויפוואַרפן אויף אלין, כדי ער זאָל נישט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו פּאַרטיידיקן אָדער אַנטלויפן. די גאַנצע אַקציע האָט געדאַרפט געדויערן נישט מער ווי 5 מינוט".

„און ווען איר האָט זיך צו אים אַרײַנגעריסן, ווי פּלאַנירט — האָט געפרעגט דאַלי — האָט איר אלין געפונען אין בעט?"

„ניין, ער איז שוין געווען וואַך. מיר האָבן אים געכאַפּט בעת מעשה, אויף הייס. דאָס הייסט, טאַקע בעת ער האָט אַרויסגעשיקט ראַדיאָ־ידיעות. אַזעלכע זאַכן טרעפן בײַ אונדזער אַרבעט בלויז איין אָדער צוויי מאָל אין לעבן. מיר האָבן אלין אַרעסטירט גלײַך אויפן אָרט".

„צי האָט ער געמאכט א פּרוּוו זיך קעגנצושטעלן?"

„ער האָט געזאָגט, אַז זײַן נאָמען איז קאַמעל אמין טאַבעט, און ער האָט עס איבערגעחזרט אייניקע מאָל. שפּעטער האָט ער זיך אײַנגעבראָכן און זיך מודה געווען, אַז זײַן נאָמען איז אלי כהן און אַז ער האָט געאַרבעט פאַרן ישראלדיקן געהיים־דינסט. נעבן זײַן בעט האָבן מיר געפונען אַ מיטטיילונג, וואָס ער האָט דערהאַלטן דורכן ראַדיאָ פון תל־אביב אין וועלכער ער איז געבעטן געוואָרן איבערצוגעבן מער אינפאָרמאַציעס וועגן א געוויסער פּערזענלעכקייט אין אונדזער רעגירונג".

„אויסער דעם, האָט איר געפונען נאָך באַלעסטנדיקע מאַטער־יאַלן אין זײַן וווינונג?"

„מיר האָבן דורכגעפירט אַ גענויע רעוויזיע און געפונען אין זײַן דירה לענטעס פון אַ טייפּ־רעקאָרדער, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו שיקן קיין ישראל. מיר האָבן אויך געפונען געהיים־טינט, זשעלאַניט־אויפרײַס־מאַטעריאַל, שווייצאַרישע טשעק־ביכלעך און אַנדערע זאַכן".

דאַלי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל וואָס איז געווען פול געפּאַקט און ווײַטער אַרויסגעוואָרפן זײַן קומענדיקע פראַגע: „לגבי

אַזאַ זיכערהייטס־מאַן ווי איר, אחמד סווידאַני, וואָס באַדייטן די געפונענע באַווייזן?״

„דאָס זענען די ערשטקלאַסיקע אינסטרומענטן פאַר יעדן שפּיאָן, ה׳ ריכטער. און אלי כהן איז אַן ערשטקלאַסיקער שפּיאָן!״ און נאָך אַ ווייל, ווען אַלע בליקן זענען געווען געווענדעט אויף אים, האָט ער טעאַטראַליש אויפגעהויבן אַ האַנט און אויסגערופן מיט פּאַטאָס: „ישראל איז דער טייוול און כהן איז דער שליח פון טייוול!״

— ✶ —

ווען דאלי האָט זיך אויפגעשטעלט צו האַלטן זיין רעזומע־רעדע און אַרויסטראָגן דעם אורטייל, איז זיין פּנים געווען ווי פאַר־שטיינערט און לייכט פאַרויטלט. ער האָט מיט דער צונג פייכט געמאכט זיינע ליפּן און אַנגעקוקט דעם עולם אין זאַל, וואָס האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף זיינע רייד. דער פּסק־דין איז שוין געהאַט געווען אַרויסגעטראָגן מיט אַ וואָך צוריק, אָבער ער איז אונטערן דרוק פון אויבן נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איצט איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן אַלעמען באקאנט צו מאַכן דעם אורטייל.

„ברידער אראבער און בירגער פון דמשק״ — האָט דאַלי אָנגעהויבן זיין רעדע אַקצענטירנדיק יעדן וואָרט. „דאָס דאָזיקע ספּעציעלע געריכט האָט אין משך פון 2 חדשים באַהאַנדלט די אַוואַנטורעס פון ישראלדיקן אַגענט אלי כהן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רייכן מוסולמענער מיטן נאָמען קאַמעל אמין טאַבעט. די פאַקטן האָבן אַלע גערעדט קעגן אים און דער באַשול־דיקטער האָט כמעט נישט געפּרוווט זיי אָפּצולייקענען. מיר דוכט, אַז עס איז נישט נויטיק אַ סך צו רעדן וועגן דער דאָזיקער טרויעריקער פּרשה. דעריבער וועל איך פאַר אייך איבערלייענען דעם פּסק־דין, ווי ער איז פאַרשריבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל פון אָט דעם געריכט:

היות ווי די באַווייזן און פאַקטן, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דעם געריכט, האָבן אונדז איבערצייגט אָן ספק, אַז דער באַשולדיקטער אליהו בן שאול כהן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט אונטערן נאָמען פון קאַמעל אמין טאַבעט, איז אַריינגעדרונגען אין ראַיאָן „אַלעאַל״, וואָס איז אַ מיליטערי־שער ראַיאָן און דער אַריינגאַנג אַהין איז פאַרבאָטן — און דאָס מיטן ציל צו דערגרייכן ידיעות, וואָס קאָנען נוצן דעם פיינט;

אלי כהן

אין היות דאָס עצם אַריינגיין אין יענעם ראַיאָן ווערט באַשטראָפט מיט טויט, לויט די פּאַראַגראַפן 159,158 פון מיליטערישן שטראָף־קאָדעקס;

אין היות ווי די דאָזיקע ידיעות, וואָס קאָנען ברענגען נוצן דעם פיינט, מוזן פאַרבלייבן געהיים — קומט דעם שול־דיקן טויט־שטראָף לויט די פּאַראַגראַפן 234,272,271 פון מיליטערישן שטראָף־קאָדעקס.

אין נאָמען פון ספּעציעלן געריכט
פּולקאָווניק סלאַח דאַלי.

ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין דראַמאַטישן פאַרלייענען, האָט דער געריכטס־פאָרזיצער זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף זיין אָרט. אין זאַל האָט די שפּאַנונג זיך פאַרוואַנדלט אין געמיטער־אויס־ברוך. צאָרן־אויסרופן האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן. אין דער זשורנאַליסטן־לאָזשע זענען די זשורנאַליסטן געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען די צום טויט־פאַרמשפּטע נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די פיס, ווי פאַרשטייפטע.

„גיב אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אַרום — האָט זיך אָנגערופן מוחי איבראַהים — אַזוי זעט עס אויס אין דמשק פון „באַאַט".

ג'אַמר האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. „פאַרמאַך דאָס מויל! דו געפינסט זיך אין דמשק און דאָ האָבן די ווענט אויערן".

„יאָ, פאַריקן חודש 2 אמעריקאנער. איצט אלי כהן. דער המון איז בלוטדורשטיק און דער רעזשים טרינקט אים אָן מיט בלוט ביז צום פאַרשיכורן".

נישט נאָר ג'אַמר און מוחי איבראַהים האָבן זיך נישט אידענ־טיפיצירט מיטן באַשלוס פון די ריכטער. די ספּעציעלע קאָרעספּאָנ־דענטן פון דער לבנונישער צייטונג „אל־אסבוע", וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום פּראָצעס אין דמשק, האָבן אין זייערע קאָרעספּאָנדענצן אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנקייט מיטן גאַנג פון פּראָצעס און דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן די קאָרעספּאָנדענטן פון די גרויסע נייעס־אַגענטורן און צייטונגען אין דער וועלט.

די מאכט־אָרגאַנען אין דמשק האָבן דורכגעפירט אַ גענויע סעלעקציע בעתן איינלאַדן אויסלענדישע זשורנאַליסטן, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרמיידן די סימפּאַטיע און פאַרערונגס־געפילן כלפּי אלי כהן, דעם ישראלדיקן בירגער, ווען עס איז געלונגען צו דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט.

אין געריכטס־זאל איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער המון און געיובלט לכבוד דעם גזר־דין פון געריכט...

גלייך ווי עס איז באקאנט געוואָרן דער גזר־דין האָט ישראל אָנגעהויבן נאָך מער צו פאַרשטאַרקן אירע באַמיאונגען אין דער גאנצער וועלט צו ראטעווען אלין פון דער תליה. דער פויפסט האָט געשיקט אַ תחנונים־טעלעגראַמע צו די סירישע מאַכטהאָבער, דעפוטאטן פון ענגלישן פארלאמענט האָבן אונטערגעשריבן א פע־טיציע צו פאַרבייטן די טויט־שטראָף אויף א לייכטערער שטראָף, דער ענערגישער אַדוואָקאַט, אלי כהנס פאַרטיידיקער, האָט גע־קלאפט אין די טירן פון אלע מיניסטעריומס אין סיריע. נאָך לאנגע באַמיאונגען איז אים געלונגען זיך צו טרעפן מיטן קאָלאָנעל סווידאני, דעם אָנפירער פון סירישן געהיים־דינסט.

„צי מיינט איר נישט" — האָט מאַרסיע געפרווט ווירקן אויף די פערזענלעכע געפילן פון קאָלאָנעל — „אַז כאַפעז וועט נישט נאָכקומען אייער ביטע, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער שאַצט אייך זייער?"

„איך בין זיכער אַז נישט. ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ קאָמ־פליצירטן עסק און קיינער קאָן אים נישט ראַטן וואָס צו טאָן. קאָמעל איז געווען זיין בעסטער פריינט און איר זעט, קיין זאַך האַלט אים נישט אָפּ פון שיקן אים צו דער תליה. נאָך מער, אפילו דאָקטאָר קיס, וואָס האָט אונדזער פרעזידענט כאפעז געראטעוועט דאָס לעבן בעת ער האָט אים אָפּערירט אין פאַריז און כאַפעז האָט אים הייליק פאַרזיכערט, אַז עס וועט קומען א טאָג, ווען ער וועט אים קאָנען אָפּדינען דערפאַר — האָט געשיקט א בקשה צו כאַפעזן ער זאָל פאַרמיידן אויסצופירן די טויט־שטראָף איבער אלי כהן. אָבער אויך די בקשה פון ד"ר קיס האָט נישט געהאָלפן. כאַפעז האָט אים אפילו נישט געענטפערט.

מאַרסיע האָט שווער אָפּגעזיפצט: „ווייזט אויס, אַז אייער פרעזידענט פאַרמאָגט נישט קיין מענטשלעכע געפילן. אפשר וואָלט איר אים געקאָנט פאַראינטערעסירן מיט דעם ספּעציעלן פאָרשלאַג פון מדינת ישראל, וואָס איך קאָן אים פאָרלייגן?"

קאָלאָנעל סווידאַני האָט אַביסל נאָכגעטראַכט און דאַן געזאָגט: „איך וואָלט געוואָלט וויסן וואָס קאָן שוין ישראל פאָר־לייגן פארן לעבן פון אלי כהן. אייך איז קלאָר, אוודאי, אז דער פאָרשלאַג צו באַפרייען 10 סירישע שפּיאָנען פאַר אלי כהן איז

נישט געגוג. די 10 שפּיאָנען זענען שוין סיי ווי סיי „פֿאַרברענט".
„פּונקט ווי אלי כהן" — האָט געזאָגט מאַרסיע.

„ניין. אלי כהן איז א ישראלדיקער נאַציאָנאַלער העלד. אויסער דעם ווייסן מיר נאָך נישט, טראָץ אַלעם, וואָס אים איז געלונגען זיך צו דערוויסן וועגן סיריע און וועלכע אינפֿאָרמאַציעס ער האָט איבערגעשיקט במשך פון דער צייט וואָס ער איז דאָ געווען טעטיק. ער איז נאָך אַלץ „וואַרעם", אויך איצט, נאָך דעם ווי ער איז „פֿאַרברענט געוואָרן".

מאַרסיע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„די ישראל־רעגירונג האָט געטראַכט וועגן דער אָ מעגלעכקייט. זי לייגט אייך דעריבער פֿאָר מעדיצינישע הילף, אויסטויש־טיילן פאר אויטאָס און דזשיפּן, ווי אויך מיליטערישע צושטעלונגען".

מאַרסיע האָט נאָכגעפּרוווט סווידאַניס געזיכט־אויסדרוק און געפרעגט: „איז דער דאָזיקער פֿאָרשלאַג מער פּראַקטיש?"

„ער וואָלט געווען פּראַקטיש אין יעדן אַנדערן פֿאַל, אָבער..."

„פּארוואָס קאָן ער נישט זיין פּראקטיש אין פאל פון אלי כהן?"

„ווייל דאָס וועט אויסזען נאַריש" — האָט סווידאַני געענטפערט. „כאַפּעז און די סירישע רעגירונג אָנערקענען נישט די ציוניסטישע מדינה. ווי אזוי זשע וועט סיריע מיט איר האַנדלען? צי פֿאַרשטייט איר נישט, אַז אַזאַ טראַנזאַקציע וואָלט אומדירעקט גורם געווען צום געדאַנק, אַז מיר אָנערקענען דעם צווייטן צד?"

מאַרסיע האָט אַ שמייכל געטאָן: „אָבער דאָס איז דאָך נאַריש. איר וועט גאָרנישט פֿאַרדינען פון אלי כהנס טויט. דאַקעגן קאָנט איר באַקומען אויסשטאַטונג אין ווערט פון מיליאָנען, ווי אויך געווינען פֿאַר זיך די עפֿנטלעכע וועלט־מיינונג".

סווידאַני האָט אַביסל נאָכגעטראַכט און געזאָגט: „די עצם טראַנזאַקציע קאָן אפשר פֿאַראינטערעסירן כאַפּעזן. אָבער איך האַלט, אַז אים אינטערעסירט נישט אַזוי די וועלט־מיינונג. פֿאַר איר האָט ער נישט קיין מורא. דאַקעגן האָט ער שטאַרק מורא פאר דער עפֿנטלעכער מיינונג אין די אַראַבישע לענדער. פֿאַר איר האָט ער יאָ מורא".

„פּונדעסטוועגן" — האָט אים איבערגעשלאָגן מאַרסיע — „גיט אים איבער מיין פֿאָרשלאַג. קיינער דאַרף נישט דערציילן וועגן דער דאָזיקער טראַנזאַקציע. זי קאָן דורכגעפירט ווערן הינטער די קוליסן".

„דאָס פאַרשטייט זיך. קיינער האָט נישט געטראַכט צו מאַכן פון דעם רעקלאַמע. פאַרבינדט זיך מיט מיר איבערמאָרגן. איך מיין, אַז ביז דאַן וועל איך האָבן פאַר אייך אַן ענטפער".

מאַנטיק, אין די פרימאָרגן־שעהן, איז ווידער מאַרסיע געקומען אין ביוראָ פון קאָלאָנעל סווידאַני. דער קאָלאָנעל איז נישט געווען אין זיין ביוראָ און אים האָט אויפגענומען זיין אַדיוטאַנט.

„די תשובה פאר אייך פון פרעזידענט איז אַ קאַטעגאָרישער ניין" — האָט דער אַדיוטאַנט אים געזאָגט — „כאָפּעז איז נישט גרייט צו מאַכן וועלכע עס איז טראַנזאַקציעס און, ווייזט אויס, ער ווייסט וואָס ער טוט".

מאַרסיע האָט נערוועז אַ גלעט געטאָן זיינע האָר אויפן קאָפּ:

„איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט איך זאָל דירעקט רעדן מיטן פרעזידענט?"

„איך האָב מורא, אַז נישט, הער אַדוואָקאַט" — האָט דער אַדיוטאַנט געענטפערט. „אָבער אויב איר האָט זיך נאָך נישט מייאש געווען, פרווט רעדן מיטן ריכטער דאַלי. ער האָט אַ געוויסע השפעה אויף כאָפּעזן".

מאַרסיע האָט אויסגעצויגן די האַנט צום אַדיוטאַנט און געזאָגט: „עס האָט מיך געפרייט אייך צו באַקענען. איך וועל טאַקע פרווון רעדן מיטן ריכטער. אפשר וועל איך ביי אים מער מצליח זיין".

*

אין זעלבן טאָג האָט סווידאַנין דערוואַרט אַ וויכטיקער גאַסט.

„קאָלאָנעל" — האָט געזאָגט זיין אַדיוטאַנט — „איר האָט אַ וויכטיקן גאַסט, מאל אסבוע אל ערבי".

„אָט דער עזותדיקער זשורנאַליסט?" — האָט א מורמל געטאָן סווידאַני — „איך האָף, אַז ער וועט נישט האָבן די חוצפה צו בעטן אַ באַגנעדיקונג, אין נאָמען פון דער אַראַבישער וועלט".

„ניין. ער וויל אייך זען זייער דרינגענד".

„ווי הייסט ער?"

„חאַסנין".

סווידאַני האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „ער איז אַמאָל געווען נאָענט צום רעזשים און איצט פאַרטיידיקט ער זיינע קעגנער. הייס אים אריינקומען".

חאַסנין, אַ הויכער מאַן, מיט אַ דאַר פּנים, די אויגן פאַרטיפט אין די לעכער, איז אריינגעקומען מיט שנעלע שריט.

„מיין נאָמען איז חאַסנין" — האָט ער קורץ געזאָגט אויס־שטרעקנדיק די האַנט צום באַגריסן. „איך גלויב אַז איר האָט שוין געהערט וועגן מיר און וועגן דער צייטונג וואָס איך רעפּרעזענטיר אין דעם פּראָצעס?"

„צו מיין גרויסן באַדויערן, האָבן אייערע קאָרעספּאָנדענצן געדינט אַלס טעמע פאַר אַ געשפּרעך צווישן פּרעזידענט און געריכטס־פּאָרזיצער" — האָט געזאָגט סווידאַני, נישט באַהאַלטנדיק זיין אומצופרידנקייט. „איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל פאָר־מולירן די פראַגע, אָבער צי איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטיצט די צייטונג, כדי זי זאָל באַקעמפן אונדזער רעזשים?"

„איך האָב זייער מורא, מיין הער," — האָט חאַסנין געענט־פערט — „אַז איר קאָנט נישט אונדזער וואָכנצייטונג. זי איז געווען פאַר „באַאַט", ווען „באַאַט" איז נאָך געווען א מאַסן־פּאַרטיי. איצט, ווען די אידעאַלן האָבן זיך אויסגעוועפּט און דאָס פאָלק ווענדט זיך אָפּ פון דער פּאַרטיי, פּרוווט זי זיך אָנכאַפּן אין אלי כהן, אָדער אין צוויי אָרעמע אַמעריקאַנער אַגענטן".

סווידאַני האָט פאַרקרימט דאָס פּנים מיט אַן אָפּענעם עקל. „מען דאַרף פאַרמאָגן אַזוי פיל חוצפּה ווי איר, כדי צו זאָגן אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט, דאָס וואָס איר האָט נאָר וואָס געזאָגט" — האָט סווידאַני אויסגערופן — „און איצט זאָגט מיר וואָס איז דאָס אַזוי דרינגענדיק, וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר?"

„איך וויל זען אלי כהן אין זיין צעלע".

סווידאַני האָט אין פאַרוווּנדערונג אויפגעהויבן זיינע ברעמען.

„אַזאַ נאַרישע ביטע האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געהערט".

„דאָס איז נישט קיין נאַרישע ביטע: מעגלעך, אז בעת מיין געשפּרעך מיט אלין, וועל איך אויסגעפינען עפּעס לטובת דעם רעזשים. אויסער דעם פאַרנעם איך זיך נישט מיט קיין קאָמענ־טאַרן. איך שרייב נאָר וועגן דעם וואָס מיינע אויגן זעען".

סווידאַני האָט אַ רגע געטראַכט און דאַן געזאָגט: „גוט, איר וועט קאָנען רעדן מיט אים צען מינוט. אַ זיכערהייטס־אָפיציר וועט זיין אָנוועזנד בעתן געשפּרעך און אייער קאָרעספּאָנדענץ וועט דורכגיין די צענזור, איידער איר וועט עס אָפּשיקן קיין לבנון".

חאַסנין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „טראָץ אַלעם, בין איך מסכים".

דער צוזאַמענטרעף מיט אלי כהן אין זיין צעלע איז פאָרגע־קומען אויף צומאָרגנס, אַ קורצע צייט פאַר דעם איידער ער איז צוגענומען געוואָרן פון דער צעלע צום געריכט.

חאַסנין איז אריינגעפירט געוואָרן אין דער צעלע און אים איז דערלויבט געוואָרן צו רעדן מיטן אַרעסטירטן 10 מינוט.

„ווען איר זענט אַרויסגעפאָרן אויף אייער שליחות אין דמשק, צי האָט איר געוווסט, אַז איר טוט זיך אַליין אָן אַ שטריק אויפן האַלדז?"

„איך מיין, אַז אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך געוווסט, אַז איך שטעל זיך אויס אויף אַ סכנה" — האָט אלי שטיל געענט־פערט — „אָבער ווי יעדער מענטש האָב איך געגלויבט, אַז איך וועל האָבן אַ שאַנס זיך פון איר אַרויסצודרייען. אַלנפאַלס בין איך אַרויסגעפאָרן אין אַ שליחות פון ישראלדיקן געהיים־דינסט, כדי צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון מיין פרוי, מיין מוטער און די דריי קינדער. נאָר צוליב זיי האָב איך מסכים געווען אויסצופירן אָט די דאָזיקע געפערלעכע שליחות".

חאסנין האָט אָבסערווירט אליס פנים, אָבער ער האָט נישט געזען אויף אים קיין שום ענדערונג.

„פון פּראָצעס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זייענדיק נאָענט צו די שפּיצן פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג האָט איר, ווי אַ מיטגליד פון דער „באַאַט"־פּאַרטיי, געגעבן גרויסע געלט־סומען פאַר דער פּאַרטיי־טעטיקייט און אירע אָרגאַניזאַציעס. מיט דעם דאָזיקן געלט האָט איר געהאָלפן קויפן געווער און פאַרפעסטיקן דעם רעזשים. צי מיינט איר נישט, אַז איר האָט אַביסל איבער־געטריבן מיט פאַרמירן אייער געשטאַלט אַלס סירישער פּאַטריאָט ביז אַזאַ מצב, וואָס איז עלול באַטראַכט צו ווערן דורך אייער מדינה ווי אַ פאַראַט?"

אלי האָט אָנגעקוקט דעם זשורנאַליסט מיט אַ צאָרנדיקן בליק.

„ניין, איך האָב נישט פאַראַטן מיין היימלאַנד. איך האָב גוט געוווסט, וואָס איך טו און מיינע עלטסטע האָבן צו מיר געהאַט דעם פולן צוטרוי. איך וואָלט קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דאָס וואָס איך בין דערגאַנגען, ווען נישט די דאָזיקע געלט־אינוועסטי־ציעס פאַר דער סירישער „באַאַט"־פּאַרטיי".

„איר האָט פריער געזאָגט, אַז איר האָט געגלויבט זיך צו

קאָנען אַרויסדרייען פון גאַנצן ענין. וואָס אַזוינס איז עס געווען, וואָס האָט אייך געגעבן דעם דאָזיקן גלויבן?״

„מיין דינסט האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן אין אונדזער אומאָפּהענגיקייטס־טאָג, דאָס הייסט, אין אָנהויב פון קומענדיקן חודש מאַי״.

חאסנין האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער דער זיכער־הייטס־אָפיציר האָט אים פאַראָרדנט איבערצורייסן. „עס זענען שוין אַריבער די 10 מינוט, ה׳ זשורנאַליסט״ — האָט ער געזאָגט.

חאסנין האָט געדריקט אליס האַנט און צו אים א פּליסטער געטאָן מיט סימפּאַטיע: „זייט וויסן, אַז איך און מיינע חברים זשורנאַליסטן פאַרערן אייך״.

״ ״ ״ ״ ״ ״ ״ ״

— — — — — — — — — — — — — — —

מאַרסיע איז געזעסן און באַטראַכט די באַצירונגען אויף די ווענט פון זיין צימער. ווען דאַלי איז אריינגעקומען האָט מאַרסיע גלייך באַמערקט, אַז ער איז נישט אין קיין גוטער שטימונג.

„מיר האָבן זיך שוין, דוכט זיך, אַמאָל באַגעגנט, ה׳ אַדוואָקאַט״ — האָט דאַלי געזאָגט.

„ריכטיק. אָבער איך מיין, אַז דער ענין איז היינט געוואָרן נאָך דרינגענדער, אין ליכט פון פסק־דין, וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן״.

„האָט איר וואָס קעגן דעם פסק־דין, ה׳ אַדוואָקאַט?״ — האָט דאַלי געפרעגט מיט איראָניע.

מאַרסיע האָט אים אָנגעקוקט און געזאָגט: „דעם אמת געזאָגט, האָט איר זיך נישט אַזוי געהאַלטן אין די כללים פון יורידישער קאָרעקטקייט. אָבער, ווי איר פאַרשטייט געוויס, בין איך נישט געקומען זיך שפּילן אין פאָרמאַליטעטן. איך וויל פאַרמיידן דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל״.

דאַלי איז ביי די ווערטער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שרעקלעכן כעס, אַז עס האָבן אים פאַרפעלט רייד און די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. לסוף האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט און געזאָגט מיט אַ קאַלטן טאָן: „איצט בין איך געצוווּנגען אייך בעטן גיין. איר ווייסט וואָס פאַר אַ בקשה איר בעט?... איך בין זיכער, אַז איר האָט נישט געטראַכט וואָס עס

קאָן געשען, אויב מיר וועלן נישט אויספירן דעם טויט־אורטייל? צי האָט איר געטראַכט וועגן די אָפּקלאַנגען, וואָס דאָס קאָן אַרויסרופן?״.

„אויב איר רעדט וועגן אָפּקלאַנגען, פאַרוואָס באַאומרואיקן אייך נישט די נעגאַטיווע אָפּקלאַנגען, וואָס די גאַנצע פּרשה קאָן אַרויסרופן אין אויסלאַנד? צי האָט איר קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס מען רופט „עפנטלעכע וועלט־מיינונג?״

דאַלי האָט נישט געענטפערט. אָבער אויף זיין פּנים איז געווען צו זען אַ געוויסע שרעק. „דער גרעסטער פעלער פון דער מדינה, וואָס האָט געשיקט אלי כהן, שטעקט אין דעם, וואָס זי האָט געמיינט, אַז זי קאָן מאָביליזירן די עפנטלעכע וועלט־מיינונג פאַר דעם ענין. אָבער זי האָט נישט גענומען אין באַטראַכט דעם „איך״ פון רעזשים. דער רעזשים קאָן זיך נישט דערלויבן אויף דעם, ער דאַרף באַווייזן דעם פאָלק, אַז ער איז אומאָפּהענגיק און פריי פון אויסערלעכן דרוק. אלי כהן איז גרויס געוואָרן און דערגרייכט אַזעלכע מאַסשטאַבן, אַז די שפּיצן פון רעזשים האָבן מורא פאַר אים. איך בין אין אַ גרויסן ספק אויב עס וועלן העלפן די באַמיאונגען פון ישראל צו דערגרייכן פאַר אים אַ באַגנע־דיקונג״.

„אָבער...״

דאַלי האָט אָנגעקוקט דעם אַדוואָקאַט מיט כעס: „אפשר וועלן מיר שוין אויפהערן צו רעדן וועגן דעם. דער פּרעזידענט אַליין האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל״.

„אָבער איר האָט רעכט אים צו דערמעגלעכן אַ צווייטן פּראָ־צעס און דערלויבן אים צו אַפּעלירן פאַר די יוסטיץ־אַנשטאַלטן, אָדער ווייניקסטנס, אים דערלויבן זיך צו טרעפן מיט אַן אַדוואָ־קאַט, וואָס זאָל אים דערציילן וועגן די באַמיאונגען וואָס ווערן געמאַכט אים צו ראַטעווען״.

דאַלי האָט זיך אויפגעשטעלט און צו צו דער טיר פון זיין קאַבינעט. „איר קאָנט גיין, מאַרסיע. איר האָט געטאָן אייער אַרבעט און איך וויל מער נישט הערן קיין איין וואָרט אויף דער דאָזיקער טעמע״.

מאַרסיע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער. נאָך 2 חדשים פון אומאויפהערלעכע אַרומלויפעניש, 2 חדשים פון מאָביליזירן אַלע גייסטיקע און מאַטעריעלע רעסורסן צו ראַטעווען אַלי כהן, האָט מאַרסיע זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם

אופן ווי דאַלי האָט אים אויפגענומען און פון דער באַליידיקנדיקער נאָטע אין זיינע ווערטער, ווען ער האָט אים געהייסן פאַרלאָזן זיין קאַבינעט.

ער האָט געוווּסט, אַז די פראַגע פון אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער אלי כהן איז אַן ענין פון טעג, אפשר שעהן. אויף א רגע האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן אויפן געדאַנק, אַז אלי כהנס בריוו איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן. עס איז קיין ספק נישט, אַז אין אליס האַרץ נעסטיקט דער שרעקלעכער געדאַנק, אַז אין זיינע לעצטע טעג איז ער פאַרלאָזן געוואָרן דורך דער מדינה און זיינע פריינט אין דער גאַנצער וועלט.

מיט אונטערגעהאַקטע קני און ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, איז ער אַרויס אויף דער גאַס.

שפּעטער האָט מאַרסיע נישט געדענקט ווי אַזוי ער איז צוריקגעקומען אין האָטעל. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע וואַליזעס כדי אַרויסצופליען פון דמשק מיטן ערשטן עראָפּלאַן. אויפן פליפעלד זענען אים באַפאַלן די זשורנאַליסטן און אים באַוואָרפן מיט פראַגן. מאַרסיע האָט אָבער נישט געקאָנט מער אַרויסברענגען פון זיך ווי די געציילטע ווערטער: „סיריע האָט מיך אַנטוישט. מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן”.

אַ צייט שפּעטער, אין דער זעלבער נאַכט, איז אָנגעקומען צו אים אַ טעלעגראַמע אין פּאַריז. „אלי כהן — איז דאָרט געזאָגט געוואָרן — וועט מאָרגן פרי געהאָנגען ווערן”. מאַרסיע, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, האָט שווער אָפּגעזיפצט. הגם זיין שליחות איז געווען אַ גרויסע און ער האָט אַלץ געטאָן כדי צו ראַטעווען דעם מענטשן — האָט ער געפילט, אַז ער איז דאָס מאָל דורכגעפאַלן. ער האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגערופן זיין שותף לעגראַן. מיט אַ הייזעריק קול האָט ער אים געזאָגט: „זיי הענגען אים מאָרגן אין דער פרי”.

„מען ענדיקט פשוט מיט דער תליה?” — האָט לעגראַן אַרויסגעמורמלט.

„מען ענדיקט פשוט מיט דער תליה” — האָט מאַרסיע נאָכגעטראַכט לעגראַנס ווערטער און אוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

דעם צווייטן טעלעפאָן־געשפּרעך האָט ער אָפּגעהאַלטן מיט דער ישראל־אַמבאַסאַדע. ער האָט מיטגעטיילט דעם אַמבאַסאַדאָר: „מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך. מיין חוב איז מודיע צו זיין אייך און אייער רעגירונג, אַז איך שאַץ

זייער אָפּ אַלץ וואָס איר האָט געטאָן און אייער גוטן ווילן. צו אייער באַדויערן האָט איר נישט געפירט דעם משא־ומתן מיטן ריכטיקן פּאַרטנער. ווייל טראָץ אלעם, וועט אלי כהן אָפּגעפירט ווערן צו דער תליה היינט פּאַרטאָג אויפן צענטראַלן פּלאַץ אין דמשק, ווו מיט צוויי חדשים צוריק זענען געהאָנגען געוואָרן צוויי אַמעריקאַנער".

פון דער אַנדערער זייט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

✶

אַ פּאָר מינוט נאָך האַלבער נאַכט איז צו די טויערן פון דער תפיסה אין דמשק צוגעפאָרן אַ געפּאַנצערטער פּאָליצייאישער אויטאָ און אַ לאַסט־אויטאָ פול מיט באַוואָפנטע זעלנער. די תפיסה־וועכטער האָבן געעפנט די טויערן פון דער תפיסה און דער גע־פּאַנצערטער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אינעווייניק. אין דרויסן איז געבליבן שטיין דער מיליטערישער לאַסט־אויטאָ און די זעלנער האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אַרום די תפיסה־מויערן. אַ קורצע צייט נאָך דעם האָבן ביידע אויטאָס זיך געלאָזט צו דער פּאָליציי־סטאַציע נעבן פּלאַץ אַל־מאַרג'ה אין צענטער פון שטאָט.

דאָרט, אין דער פּאָליציי־סטאַציע, אין אַ פאַרמאַכטער קאַמער האָט מען אלין געפרעגט: „האָסט עפּעס אַ חוב, אָדער געלט, וואָס דו ווילסט עמעצן איבערגעבן?"

„איך קום קיינעם גאָרנישט און דאַרף קיינעם גאָרנישט געבן" — האָט אלי געזאָגט.

„און וואָס איז דיין לעצטע בקשה?"

„איך וויל שרייבן אַ בריוו צו מיין פרוי און קינדער. איך וויל אויך זען אַ יידישן רב און מתפלל זיין פאַר מיין טויט".

דאַלי האָט באַשטעטיקט אליס לעצטע בקשות.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט אלי, אַ קורצע צייט פאַר זיין אַרויפגיין צו דער תליה, געשריבן צו זיין פרוי פאָלגנדיקן בריוו:

„מיין טייערע נאַדיאַ, מיין טייערע משפּחה!

איך שרייב צו אייך אָט די לעצטע ווערטער מיינע, מיט דער האָפענונג, אַז איר וועט תמיד פאַרבלייבן צוזאַמען. איך בעט פון מיין פרוי זי זאָל מיר פאַרגעבן, זי זאָל זאָרגן פאַר זיך און זען, אַז אונדזערע קינדער זאָלן באַקומען אַ גוטע בילדונג... עס וועט קומען אַ טאָג און מיינע קינדער וועלן זיין שטאָלץ מיט מיר.

און דו, נאַדיאַ, האָסט רעכט חתונה צו האָבן מיט אַן

אלי כהן

> אַנדער מאַן, כדי אונדזערע קינדער זאָלן האָבן אַ פאָטער. דו ביסט פולשטענדיק פריי עס צו טאָן. איך בעט דיך נישט צו טרויערן איבער דעם וואָס עס איז געשען, נאָר צו קוקן אויף דער צוקונפט. איך שיק אייך די לעצטע קושן. זייט מתפלל פאַר מיין נשמה".

נאָך דעם ווי אלי האָט איבערגעגעבן דעם בריוו דעם ריכטער דאַלי, איז דערלויבט געוואָרן דעם רב ניסים עזנבו, דעם הויפּט־רב פון דמשק, זיך אָפּצוזונדערן מיטן צום טויט־פאַרמשפּטן. אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום איז דער רב אַרויס פון צימער מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן און מיט אַ צעווייטיקט האַרץ. אלי כהן איז אָנגעטאָן געוואָרן אין אַ ווייסן כאַלאַט, אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן מיט שוואַרצן קויל: „אלי כהן, פארמשפט צום טויט דורך תליה".

★

דער פּלאַץ פון די הייליקע אין דמשק האָט שוין געהאט געזען הונדערטער תליות און טויט־אורטיילן. תמיד זענען זיי אויסגעפירט געוואָרן פאר די אויגן פון אַ צעהיצטן און צערייצטן המון. ס'זענען נאָך נישט פארגאנגען קיין 2 חדשים ווי מען האָט דאָ אויפגעהאָנגען צוויי אַמעריקאַנער שפּיאָנען, ווי איצט האָבן ווידער פאַרפלייצט דעם פלאַץ בלוטדורשטיקע מענטשן־חיות.

„אַ טויט פאַר קאַמעל! א טויט דעם ציוניסטישן שפּיאָן!"

די קולות האָבן פאַרהילכט דעם פּלאַץ אין דער נאָך פאַרטאָגיקער טונקלעניש. פון דער ווייטנס, ארום דעם פּלאַץ, זענען אָנגעצונדן געוואָרן שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן. די גאַנצע תליה־צערעמאָניע האָט היינט געזאָלט פאָטאָגראַפירט ווערן פון אָנהויב ביזן סוף דורך דער סירישער טעלעוויזיע.

★

די סירישע מנהיגים האָבן געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק דעם איינפלוס, וואָס די תליה־צערעמאָניע קאָן אויסאיבן אויפן אַראַבישן צושויער. און דאָס האָט דעצידירט ביים באַשליסן וועגן נאָכקומען די בקשות בטל צו מאַכן די עקזעקוציע, צי נישט.

די שטים פון דמשקער ראַדיאָ־ספּיקער איז געווען פול מיט שמחה. פון מינוט צו מינוט איז זיין שטים געוואָרן העכער און העכער. זיינע אייגענע רייד האָבן אים גופא עקזאַלטירט און ער האָט געשריגן: „דער ישראלדיקער שפּיאָן אלי כהן וועט היינט אָונט געהאָנגען ווערן. אַ טויט דעם שפּיאָן!"

ווייט פון אַט דעם שטורמישן המון אויפֿן דמשקער פּלאַץ, האָט אַ בלאַסע פּרוי, אויף רחוב התחייה אין בת־ים אין ישׂראל, נאָכגעפֿאָלגט יעדעס וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין ראַדיאָ און יעדעס בילד, וואָס איז געוויזן געוואָרן אין דער טעלעוויזיע. ווען זי האָט דערהערט די עקזאַלטירטע נקמה־אויסרופֿן פֿון ספּי־קער אין דמשקער ראַדיאָ, האָבן די דאָזיקע ווערטער זי געטראָפֿן ווי דונערן.

מיט אירע לעצטע כּוחות האָט נאַדיא מיטן פֿויסט אַ קלאַפּ געטאָן אין עקראַן פֿון טעלעוויזאָר און דער אַפּאַראַט איז אַראָפּ־געפֿאַלן אויף דער ערד אַ צעשמעטערטער. פֿון איר מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ האַרצרייסנדיקער געשריי און נישט וויסנדיק וואָס זי טוט האָט זי גענומען ברעכן די שויבן אין די פֿענצטער פֿון איר וווינונג. אלי כהנס פֿינף ברידער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט נאַדיאן נאָכגעפֿאָלגט די טעלעוויזיע־אוידיציע, זענען צו איר צוגעלאָפֿן, אָבער די 5 שטאַרקע מענער איז קוים געלונגען איינ־צונעמען די חסר־דעהדיקע פּרוי, וועלכע האָט אין משך פֿון די לעצטע 3 חדשים זיך נישט גערירט פֿון איר אָרט נעבן טעלע־וויזיע־אַפּאַראַט, האָפֿנדיק נאָך, אַז אפֿשר... אפֿשר... איצט איז אויך די שוואַכע האָפֿענונג אויסגערונען און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ ים פֿון ייאוש.

„קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן!" — האָט נאַדיאַ געשריגן היסטעריש — „זיי האָבן אים געוואָלט טויטן!"

„פֿאַר וואָס האָט די מדינה געשיקט מיין אלין?" — האָט די 65־יאָריקע מוטער זיינע זיך אָנגעשלאָסן צו דעם געיאָמער פֿון איר שנור — „פֿאַר וואָס איז דווקא מיין זון אַוועק שטאַרבן צו די אַראַבער?"

3.45 לויט דער דמשקער צייט, איז אלי כהן אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון פּאָליציי־בנין אַרומגערינגלט מיט פּאָליציסטן און מיליטער. אונטער דער דאָזיקער שווערער וואַך איז ער געפֿירט געוואָרן צו דער תּליה.

דער תּליה־פּלאַץ האָט געשטורעמט און גערוישט. די 50 זשור־נאַליסטן און פֿאָטאָגראַפֿן, ווען עס איז דערלויבט געוואָרן צו זיין אַנוועזנד, זענען געווען דערשיטערט, אָבער זיי האָבן גאָר־נישט געקאָנט טאָן. זיי זענען געשטאַנען אויף זייערע ערטער, מיט דער פֿולסטער פֿאַרערונג פֿאַרן העלד, וואָס אפֿילו בעת זיינע

אלי כהן

לעצטע מינוטן איז ער געווען שטאָלץ, רואיק און נישט געפאַלן ביי זיך.

צוויי רייען זעלנער האָבן געשאַפן א לעבעדיקן דורכגאַנג צו דער תליה. אלי כהן איז אַרויף אויף דער תליה־קלאַפּע. דער תליין האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין האַלדז די פעטליע און גע־וואָרט אויף אַ סימן. און דאַן האָט די קלאַפּע זיך פלוצים אויפ־געמאַכט און אלי כהן איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

אין פיר מינוט אַרום איז פעסטגעשטעלט געוואָרן זיין טויט. אָבער ער איז געבליבן הענגען אויף דער תליה, לויטן באַפעל פון די מאַכטהאָבער אין דמשק, נאָך גאַנצע 6 שעה, כדי די המונים „זאָלן זיך קאָנען קוויקן מיט דעם בילד".

ערשט 9 אַזייגער איז אלי כהנס קערפער אַוועקגעפירט גע־וואָרן אין צענטראַלן שפיטאָל פון דמשק. עס איז נאָך נישט געווען קלאָר צי מען וועט דעם קערפער פון העלד איבערגעבן ישראל אָדער ער וועט באַערדיקט ווערן אויפן יידישן בית הקברות אין דמשק.

נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע אין סירישן פאַרלאַמענט, איז באַ־שלאָסן געוואָרן דעם קערפער נישט איבערצוגעבן ישראל, טראָץ די ווענדונגען פון ישראל און איינפלוסרייכע פאַקטאָרן אין דער גאַנצער וועלט. אלי כהן איז באַערדיקט געוואָרן אין דמשק.

„אָן ספק, אַז מען האָט אים געפייניקט אַזוי, אַז די סירישע קאַניבאַלן האָבן נישט געקאָנט איבערגעבן אלי כהנס קערפער צו ישראל" — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט מאַרסיע, וועלכער האָט אַזוי פיל געטאָן כדי צו ראַטעווען אליס לעבן — „ער איז שוין געווען פיזיש טויט, נאָך איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה".

און דאַן, דערמאָנענדיק זיך דאליס פנים און די אויסדרוקן פון שטוינונג אויף די פנימער פון די אַנדערע סירישע שליטים, איז מאַרסיען באַוווסט געוואָרן, אַז טראָץ דעם, וואָס אלי איז געפייניקט געוואָרן און צום סוף דערמאָרדעט געוואָרן — האָבן זיי, טיף אין זייערע הערצער, פאַרערט דעם דאָזיקן דרייסטן מאַן, וועלכער איז געווען נישט ווייט פון צו ווערן אַ מיניסטער אין זייער לאַנד.

אלי כהן איז געווען אַ גיבור. אפילו זיינע פיינט זענען געווען געצוווּנגען אין דעם זיך מודה צו זיין.

דער מענטש וואס איז געווארן
א לעגענדע

1959: חתונה־גליק

נאדיא און אלי כהן אין טאג פון זייער חתונה. דאס איז איינס
פון די בילדער פון יענער גליקלעכער תקופה. שפעטער האט אלי
ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן זיך צו פאטאגראפירן.



אלי מיט זיין געליבטער פרוי אין ראש הניקרה.
יס בילד איז פאטאגראפירט בשעת איינעם
פון אליס זעלטענע אורלויבן.

אלי כהן אין עלטער פון 22 יאר.

„מיינע קינדער וועלן נאך זיין שטאלץ מיט מיר."



סאפי, די עלטסטע טאכטער פון אלי כהן אין א פורים־קאסטיום, פאטאגראפירט דורך אלין. לינקס: שאול, אליס עלטסטער זון, 6 חדשים אלט.



דאס איז איינס פון די בילדער וואס האט, לויט דער טענה פון מצרישן געהיים־דינגסט געבראכט אויפצודעקן די ריכטיקע אידענטיטעט פון אלי כהן. ווען ער האט באזוכט צוזאמען מיטן פעלדמארשאל אלי אמער די פארשנייטע פארטיפיקאציעס פון רמת הגולן.

דער לעצטער בריוו


Ma très chère Nadia
Quelques lignes pour te souhaiter la Bonne Année 1965
Un espoir plein de bonheur pour toute la famille
Bien de baisers à mes chéris Fifi, Iris + Shaulke, et à toi de tout mon coeur
Elie

הארט פארן כאפן אים און נאכדעם ווי עס איז געווען קלאר, אז אלץ איז פארלוירן, האט אלי כהן געשריבן צו זיין פרוי נאדיא און צו זיינע קינדער אויף פראנצויזיש: "זייער טייערע נאדיא, נאר עטלעכע שורות, כדי דיר צו ווונטשן א גוט יאר צום אנהויב 1965, איך האף, אז דאס וועט זיין א גוט יאר, א יאר פון שפע פאר דער גאנצער משפחה. א סך קושן מיינע טייערע, פיפי, איריס און שאול, דיר פון טיפן הארץ".

נאדיא מיט אירע צוויי טעכטער ביים אנקומען קיין פאריז, כדי צוגעפונען אן אדוואקאט וואס זאל פארטיידיקן איר מאן.



דאס זענען ווי עס האבן גע־טענהט די סיריער, א טייל פון שלל זאכן און אויסשטאטונג וואס האבן געהאלפן אלי כהן אין זיין שפיאנאזש־אויפגאבע.



דער ראדיא־זענדער אין א טאפלטער דעק פון א שרייב־מאשין, וואס האט געדינט — לויט די סיריערס רייד — די פארבינדונג צווישן אלין מיט תל־אביב.



דאס דאזיקע „שעש־בעש" קעסטל און ענלעכע צו דעם, האט געשיקט לויט די טענה פון די סיריער, אלי כהן קיין ארגענטינע, נאכדעם ווי ער האט אין די ווענטלעך פון קעסטל באהאלטן א מיקרא־פילם.

א שוי־משפט פאר המונים

מיד און דערשלאגן פון די פייניקונגען אין די סירישע אויס־פארשונגס - קעלערן, האט אלי כהן אפ־געגעבן זיין עדות פארן סירישן מילי־טערישן געריכט.

צווישן די באשולדיקטע וואס האבן זיך געפונען צוזאמען מיט אלי כהן (דער ערשטער פון לינקס אויף דער באשולדיקונגס־באנק, זענען געווען אויך דער סוחר מאדזשאד אל־אראד, וועלכער איז פארמשפט געווארן אויף 10 יאר און סאלעם סייף, דער ראדיא־ספיקער פון דמשק — אויף 5 יאר תפיסה.

ריכטער־קאלעגיום...

ריכטער־קאלעגיום אויפן משפט פון אלי כהן. אין צענטער, בריגאדיר סאלאך דאלי, פארזיצער פון געריכט.

...און זיין אורטי

דער קערפער פון אלי כהן איינגעוויקלט אין א ווייס ליילעך העו
אויפן תליה־שטריק אויפן מארדזשא פלאץ אין דמשק, בא
נאכן אויספירן דעם אורטייל.



דריי פון אליס בעסטע פריינט





אויבן: סאלאך אל ביטאר, דער פרעמיער פון סיריע, וועלכער איז באזייטיקט גע־וואָרן דורכן גענעראל אמין אל־כאפעז (לינ־קס). רעכטס: אבדא־ללא כאשען, רעדאק־טאָר פון דער צייטונג פון דער אראבישער וועלט, איינער פון אליס בעסטע פריינט.

נאך צוויי יאר:

דמשק: גאסן פון שנאה

דער טאג פון נקמה און באצאלונג